STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09568

# ALE VERK

David Frischmann

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# אַלע ווערק
# פון דוד פרישמאַן

# דוד פרישמאַן

## דריטער באַנד

ערשטע אויפלאַגע

Published by
LILI FRISHMAN
IN MEXICO CITY

אַרויסגעגעבן דורך לילי פרישמאַן

# ערצעהלונגען

אַלע רעכט רעזערווירט

Copyright by Lili Frishman
1 9 4 9

*Este libro fué impreso en los talleres linotipográficos "SABER"*
Bajío 319 — México, D. F.

# תיקון ליל שבועות

חדש סיון — יום־טוב ביינאכט — ווען די שטערען זינגען . . . ווער האט אמאל יענם געזאנג געהערט, וואס עס זינגען די שטערען ביינאכט? — אפטמאל בין איך געגאנגען אליין דורך די שטילע גאסען אין א זומערנאכט, אין האב געהארכט און געהארכט — און איך האב גארנישט געהערט, חוץ דעם אבקלאנג פון מיינע אייגענע טריט; דא הויב איך אן צו צעהלען מיינע טריט: איינס צוויי, איינס צוויי, — אבער איך ווייס אליין נישט, אז איך צעהל. ארום מיר שוועבען די ריינע, ווארימע לופטען; איבער מיר איז אויסגעגאסען א זיס ליכט פון איין עק הימעל ביז צום אנדערען; און איינציגווייז דרינגט דאס אלץ אריין צו מיר אין מיין נשמה, און עס ווערט אזוי ווייך און אזוי גוט אינווענינ, אז עס כאפט אזש אן א ציטער. דא רייסט זיך מיין הארץ ארויס ווי פון קייטען, און עס ציהט, און עס ציהט, און עס ווייס אליין נישט וואוהין — און עס שטייגט אויף א גייסט אין מיר און איך ווייס אליין נישט וואס ער איז. ווער קען נישט יענע הייליגע, ערהאבענע מינוטען? איבער וועמען איז נישט יענע מאכט אמאל אויף איין מינוט לאנג געקומען? — אין אזעלכע מינוטען ווערט דער מענש גרויס און ערהאבען, געוואקסען און געהייליגט, און עס זעהען זיינע אויגען געטליכעם, און עס הערען זיינע אויערען וואונדערליכעם . . . .

אין אזעלכע מינוטען האב איך אויך פלוצלינג א געזאנג געהערט, און דאס געזאנג האט זיך א לאז געגעבען פון איין עק הימעל ביז צום אנדערען — און פערשטאנען האב איך פלוצלינג, ווער עס זינגט אין דער שטילער נאכט . . .

אפטמאל בין איך געגאנגען אליין דורך די שטילע גאסען אין א זומערנאכט — אבער איין נאכט וועל איך נישט פערגעסען אזוי לאנג, ווי איך וועל לעבען.

און די נאכט איז געווען א קלארע, א בלויע, א זיס־ווארימע נאכט פון א שבועות.

און יום־טוב'דיג און הייליג איז געווען אויך דער הימעל איבער מיין קאָפּ און אויך די ערד אונטער מיינע פיס. שטיל ביז איך געגאַנגען און האָב געהערט און געהאָרכט — עס האָבען אויבען איבער מיר די שטערען געזונגען . . .

קומט זינגט אַלע מיט, פול איז מיין נשמה מיט געזאַנג, קומט און זינגט מיט!

„הללויה" . . .

האָט נישט ווער דאָס דאָזיגע וואָרט איצט אין דער דאָזיגער מינוט גראָד אַרויסגערעדט? . . . איך האָב קלאָר און דייטליך דאָס וואָרט „הללויה" געהערט. נישט אין דער נשמה אינוועניג — ניין, עמיצער האָט עס דאָ דרויסען נעבען מיר מיט דעם פולען מויל אַרויסגערעדט. איך האָב מיך אומגעקוקט און האָב געזוכט.

אפשר איז עס איינער, וועלכער זיצט די גאַנצע נאַכט ביי דער תורה און זאָגט „תיקון ליל שבועות" . . .

און ווי איך האָב מיך אומגעקוקט און געזוכט, האָב איך אין אַ פענסטער אַן אַלטען יוד געזעהן, וועלכער איז ביי אַ טיש געזעסען און פסוקים פון דער תורה געלייענט — און דאָס פנים פון יענעם אַלטען וועל איך נישט פערגעסען אַזוי לאַנג, ווי איך וועל לעבען.

קומט, זינגט מיט מיר ביינאַכט — גאָטס גייסט איז פול די וועלט — מיינע ליפּען זענען פול געזאַנג . . .

„הללויה!"

*

דאָס ליכט פלאַקערט פרעהליך אין דעם זילבערנעם לייכטער, און דער אַלטער זיצט ביי דעם טיש. דאָס הויז־געזינד איז שוין לאַנג שלאָפען געגאַנגען, און נאָר ער אַליין, דער אַלטער, איז נאָך וואַך געבליבען, אום די גאַנצע תורה אויסצוזאָגען. עס איז דאָך שבועות ביינאַכט!

דאָס הויזגעזינד איז שוין לאַנג שלאָפען געגאַנגען — אָבער אפילו ווען עס וואָלט נישט שלאָפען געגאַנגען און וואָלט נאָך דאָ מיט איהם צו־

זאמען זיצען, געהט איהם קיינער פון זיי גארנישט אן. עס זענען דאך לויטער פרעמדע! זיינע זיהן האבען איהם פערלאזען, זיין טאכטער איז נישט דא, זיין ווייב איז געשטארבען, און ער האט זיך דא אנגעדונגען ביי ווילד פרעמדע מענשען, וואס געהען זיי איהם אן? וואס געהט ער זיי אן?

דער אלטער כאפט זיך פלוצלינג אויף.

עס איז יום־טוב, און טרויעריג זיין, הייסט זינדיגען — און ער רייבט זיך מיט דער האנד דעם שטערען, אום אבצושאקלען אלע בייזע געדאנקען און שווערע חלומות. ער נעהמט זיך ווידער צום ספר; אפשר וועלען איהם די הייליגע פסוקים זיין געמיט בענייען. אבער ווי ער הויבט אן צו לייע־נען, דא לייענט ער די פסוקים נאר מיט די ליפען, און די מחשבות זענען ווייט ווייט אוועק פון זיי. פאר די אויגען ציהען בילדער פארביי, איינס נאכ׳ן אנדערען, איינס נאכ׳ן אנדערען. די ווערטער געהען איהם ארויס פון מויל, און ער ווייס עס נישט. א בלאט געהט נאך א בלאט, און ער ווייס עס נישט און פיהלט עס נישט . . .

„...און מיר האבען געזאגט צו דעם הערר: מיר האבען אנ׳אלטען פא־טער און א קליין מוזיניקעל, און זיין ברודער איז געשטארבען, און דא איז יער אליין געבליבען פאר זיין מוטער און דער פאטער האט איהם ליעב געהאט . . . ״

און ער — האט ער אפשר איהם דען נישט ליעב געהאט? האט ער דען נישט ליעב געהאט, ווי זיין אייגען לעבען, זיין קליין מוזיניקעל, פונקט ווי יעקב אבינו — זיינעם? —

דען אויך ער איז אלט, און אויך ער האט א קליין מוזיניקעל געהאט, וועלכען ער האט אויסדערוועהלט זיך צווישען אלע זיינע ברידער. אמת איז אמת: ליעב האט ער אייגענטליך אלע געהאט, אויך די עלטערע זיהן; אבער די עלטערע זיהן האבען איהם דערצערענט און האבען איהם דאס לעבען דורך זייערע נארישקייטען ביטער געמאכט, און איהם איז נאר נאך זיין מוזיניקעל געבליבען. יא! די עלטערע האבען איהם זיין לעבען ביטער געמאכט, דען זיי זענען אראב פון וועג, פון רעכטען וועג, ווי עס פאסט זיך פאר גוטע יודישע קינדער, און זענען געגאנגען דעם קרומען, זינדיגען וועג, וואס זיי האבען זיך אליין אויסגעזוכט . . . ניין! נישט זינדיג, זינ־

דיג איז דער וועג נישט געווען! דאָס קאָן מען נישט זאָגען! דען מען קאָן נישט אָנרופען זינדיג דאָס, וואָס אַ מענש פיהלט און געפינט, אַז עס פּאַסט איהם ריכטיגער צו זיין גאַנצען לעבען; און דעריבער קען ער אויך פון זיינע זיהן נישט זאָגען, אַז זיי זענען אין אַ זינדיגען וועג געגאַנגען, דען נאָר אַ וועג אַ נייעם האָבען זיי זיך אויסגעזוכט, וועלכער האָט מעהר גע־פּאַסט פאַר זיי . . . נאַטירליך, ער אַליין האָט עס אַנדערש געמיינט, ער אַליין האָט זיי געוואָלט מאַכען פאַר לומדים, פאַר בני־תורה, פאַר פרומע יודען. זיי אָבער האָבען זיך צו אַנ'אַנדער תורה און צו אַנדערע ספרים גענומען; אָבער שולדיג זענען זיי אויך נישט, שולדיג איז דער גאַנצער נייער דור, די נייע צייט, ווען אַ נייער גייסט איז פּלוצלינג געגאַנגען דורך דאָס גאַנצע לאַנד און האָט מיטגעריסען מיט זיך וואָס ער האָט נאָר געקענט. אין ווילנא און אין זשיטאָמיר זענען געעפענט געוואָרען ראַבינער־שולען. פון גאַנצען לאַנד, פון יעדער שטאָדט זענען יודישע קינדער אַהין אין יענע שולען אָנ־געקומען, און דאָ זענען אויך זיינע צוויי עלטערע זיהן אַהין אַוועק, און ער אַליין וויים ביז צום היינטיגען טאָג נישט, וואוהין אייגענטליך זיי זענען געפאָהרען, קיין ווילנא אָדער קיין זשיטאָמיר. אָבער קיינמאָל וועט ער נישט פערגעסען יענעם טאָג אין דערפריה, ווי ער איז אריין צו די קינדער און האָט זיי צום לערנען גערופען און קיינער האָט איהם נישט געענטפערט, און ווי ער איז אריין צו זיי אין זייער חדר און האָט קיינעם דאָרט נישט געזעהן און ווי ער האָט אויף דעם טיש די עטליכע געשריבענע שורות געפונען, וואָס זיי שרייבען איהם, אַז זיי זענען ביינאַכט אַוועק, אום „השכלה" צו לערנען . . . דאָ האָט עס איהם אַ שניט געגעבען טיעף אין הארצען און טעג לאַנג האָט ער אַ וועהטאָג געשפּירט; אָבער דאַן זענען געקומען טעג, וואָס ער האָט זיי מוחל געוועזען, נאַטירליך, צופרידען איז ער קיינמאָל מעהר מיט זיי נישט געוועזען, אָבער אַ טאַטע בלייבט אַ טאַטע, — און דאָס האָבען איהר זיינע ביידע עלטערע קינדער געטהון! אָבער געבליבען איז איהם דאָך נאָך דער יונגסטער, דאָס מוזיניקעל, און איהם האָט ער מעהר ליעב געהאַט פון אַלעמען, און נאָך היינט האָט ער איהם אַזוי ליעב ווי רענדמאָל . . .

„ . . . ער געדענקט די זינד פון די פאָטערס צו די זיהן אין דעם דריי־

טען און אין דעם פיערטען דור צו מיינע פיינד און טהוט גענאָד צו טויזענדער, צו די, וועלכע עס האָבען מיך ליעב און היטען אָב מיינע געבאָטען . . .״

מיט וואָס האָבען געזינדיגט אונזערע פאָטערס, וואָס גאָט האָט געטהון געדענקען זייערע זינד ביי איהם און ביי זיינע קינדער? גאָט טהוט גענאָד צו טויזענדער, וועלכע ער האָט ליעב און וועלכע עס היטען אָב זיינע געבאָטען — אָבער וואו איז די גענאָד, וועלכע גאָט האָט איהם געטהון, און אויך ער האָט דאָך זיינע געבאָטען אייביג אָבגעהיטען? גאָט טהוט גענאָד צו טויזענדער — אָבער פאַרוואָס פיהלט דאָס נישט אויך דער יחיד? יעדער יחיד, יעדערער, וואָס איז אַליין און פערלאָזען און וויים און פיהלט ביי זיך, ווי ער האָט אייביג דאָס גוטע געטהון, אָבער קיינמאָל האָט איהם דאָס גוטע נישט געטראָפען? וויפיעל איינצעלנע מענשען קאָנען ביינאַכט נישט שלאָפען און וואַרפען זיך אַרום אויף זייער געלעגער און וויסען, אַז זיי האָבען גאָט ליעב געהאַט און האָבען זיינע געבאָטען אָבגעהיט, און פאָרט האָבען זיי נישט געהאַט קיינמאָל זיך זאַט צו עסען; וויפיעל פרומע און גוטע וויסען עס און זאָגען עס, אַז גאָט טהוט גענאָד צו טויזענדער, און צווישען זיי איז קיין איינציגער נישטאָ, וואָס די גענאָד איז איהם געטהון געוואָרען; וויפיעל רופען, און עס ווערט זיי נישט געענטפערט, וויפיעל שרייען, און עס ווערט זיי נישט געהאָלפען, וויפיעל היטען אָב מצוות, און אַליין ווערען זיי נישט געהיט, וויפיעל האָבען ליעב גאָט, און אַליין ווערען זיי נישט געליעבט, און וואוהין מען זאָל זיך נישט קעהרען, זעהט מען אַלץ דעם גוטען, וואָס עס געהט איהם שלעכט און דעם שלעכטען, וואָס עס געהט איהם גוט — וועלען אַזוי שוין ביז אין סוף אַריין אַלע מאָל די גוטע ליידען און די שלעכטע גליקליך זיין?

שאַ! דער זייגער שלאָגט הייזעריג, עס איז אין מיטען נאַכט . . .

„. . . יעדער זאָל מורא האָבען פאַר זיין מוטער און זיין פאָטער און מיינע שבתים זאָלט איהר אָבהיטען . . .״

אָבער זיינע קינדער האָבען נישט מורא געהאַט פאַר זייער פאָטער און זייער מוטער, און דעריבער זענען זיי אַוועק! אַוועק אין דער פרעמד, און ווער וויים, אויב זיי האָבען נישט דאָרט אויך גאָט׳ס שבתים מחלל געוועזן!

—נו אָבער איז איהם נאָך געבליבען דער דריטער, דאָס קינד, דאָס מוזיני־קעל, און איהם האָט ער דאָך ליעב געהאַט ווי אַנ'אוצר. און באמת, איז דאָך דאָס אַנ'אוצר געווען: גוט און קלוג און אַ קאָפּ און אַ לערנער, אַז אַלע האָ־בען איהם אַזש מקנא געווען. ער איז דאָך דענסמאָל קוים ערשט צוועלף יאָהר אַלט געווען, און פּאָרט איז ער געשטאַנען אינ'ם גרויסען בית-המדרש און האָט פאַר'ן עולם אַ דרשה געהאַלטען, אַלע האָבען זיך געוואונדערט, אַלע האָבען זייערע אויגען נישט געקאָנט גלויבען, און די מוטער האָט איהם די אויגען אויסגעלעקט און איהם אַ רויטע פּאַטשיילע אויפ'ן האַלז אָנגע־טהון געגען אַנ'עין'הרע. אַז ער איז זעכצעהן יאָהר אַלט געוואָרען, האָבען אַלע אָרום און אַרום געוואוסט, אַז ער איז אַ יחיד בדור און עס וועט נישט לאַנג מעהר דויערען, ביז ער וועט זיצען אויף אַ כסא־רבנות — און דער פאָטער הערט דאָס אַלץ און זעהט דאָס אַלץ. דאָ אָבער איז פּלוצלינג דאָס אומגליק געקומען, פון הימעל איז עס געקומען פּלוצלינג ווי אַ בליץ. גאַנץ אונפערהאָפט איז דאָס קינד איינמאָל אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען צו איהם צוגעגאַנגען און מיט אַ פעסטער שטימע און זיך גאַרנישט שעהמענדיג האָט ער צו איהם געזאָגט: טאַטע! לאָז מיך אָוועקפאָהרען, איך מוז אָוועק שטודירען אין דער אוניווערזיטעט, וואָס איז אין דער הויפּטשטאָדט . . . לאָז מיך פאָהרען און גיב מיר דיין ברכה, טאַטע . . . איך בין דאָך דיין אייגען פלייש און בלוט! — אַזוי האָט צו איהם גערעדט זיין יונגסטער, דער זוהן, וואָס פון איהם האָט ער געהאָפט, אַז ער וועט איהם זיין אַ טרייסט פאַר זיינע עלטערע ברידער . . .

קיינמאָל וועט ער נישט פערגעסען די נאַכט אויף זיין געלעגער נאָך יענעם טאָג; קיינמאָל נישט — די שרעקליכע מלחמות, וואָס ער האָט מיט זיך אַליין געהאַלטען, און זיינע טרעהרען די גאַנצע נאַכט; קיינמאָל וועט ער נישט פערגעסען דאָס, וואָס איז איהם דענסמאָל דורך זיין האַרץ און דורך זיין זין דורכגעגאַנגען. אַקעגען מאָרגען אָבער, ווי עס האָט אָנגע־הויבען טאָגען, האָט ער אָנגעהויבען פיהלען, אַז ער ווערט רוהיגער, און קלאָר האָט ער פּלוצלינג געוואוסט, וואָס עס האָט צוטהון. אַז עס איז טאָג געוואָרען, האָט ער זיין זוהן צו זיך אין חדר אַריינגערופען און רוהיג און מיט פעסטע ווערטער האָט ער צו איהם געזאָגט: „געה, מיין קינד! געה

וואוהין עס ציהט דיך, און גאָט זאָל זיין מיט דיר אומעטום, וואו דו וועסט דיך ווענדען! איך זעה דאָך, אַז עס איז אַ נייע וועלט געוואָרען, און וואָס בין איך, שוואַכער מענש, אַז איך זאָל מיר איינרעדען, דאָס איך וועל קענען די נייע וועלט אָבהאַלטען... אַ נייער גייסט ציהט איצט דורך דאָס לאַנד"...

... און זיי זאָלען ענטפערען און זיי זאָלען זאָגען: אונזערע הענד האָבען נישט פערגאָסען דאָס דאָזיגע בלוט און אונזערע אויגען האָבען נישט געזעהן; פערגיעב דיין פאָלק ישראל וואָס דו האָסט אויסדערלעזט, גאָט, און גיב נישט אונשולדיג בלוט צווישען דיין פאָלק ישראל און עס זאָל זיי ווערען פערגעבען דאָס בלוט..."

אַך, דו גרויסער אַלעמעכטיגער גאָט! ווי וועט איהם ווערען דאָס בלוט פערגעבען, וואָס זיינע הענד האָבען פערגאָסען און זיינע אויגען האָבען געזעהען? וועט ער גאָר קענען אַמאָל אַ כפרה האָבען? האָט ער נישט מיט זיינע אייגענע הענד אונשולדיג בלוט געגעבען אין זיין אייגען הויז און צווישען זיין פאָלק? האָט ער נישט מיט זיין אייגען מויל געזאָגט צו זיין זוהן: „געה, מיין קינד, וואוהין עס ציהט דיך!", און וואָס קען ער איצט צו זיין זוהן האָבען, ווען ער איז געגאַנגען, וואוהין עס האָט איהם געצויגען און איז אַראָב פון וועג, אויף וועלכען זיינע פאָטערס און זיינע פאָטערס פאָטערס זענען געגאַנגען פון אייביג אָן?

„... און עס וועט אויפשטעהן דאָס דאָזיגע פאָלק און וועט אָבקעהרען נאָך די פרעמדע געטער פון לאַנד, וואָס עס וועט אהינקומען צווישען איהם, און וועט מיך פערלאָזען און וועט צעשטערען מיין בונד, וואָס איך האָב בעשניטען מיט איהם..."

און דאָס אַלץ איז איבער איהם אַזוי געקומען, עס פעהלט נישט קיין האָהר! אמת איז אמת, ער ווייסט נאָך ביז צום היינטיגען טאָג נישט, וואָס עס האָט זיך מיט זיין זוהן אין יענער צייט אָנגעטהון, און זיין זוהן איז דאָך אַלעמאָל אַזוי פאָרזיכטיג און איבערלעגט געווען, אַז עס איז גאָרנישט צו פערשטעהן, ווי אַזוי גראָד אַזאַ מענש האָט גענקאָנט זיך ווענדען צו די פרעמדע געטער פון לאַנד און טהון אַלץ דאָס, וואָס ער האָט געטהון. אָבער געשעהן איז געשעהן. אין דער ערשטער צייט האָט ער איהם זעהר פינקטליך גע־

פלעגט שרייבען בריעף פון דער הויפט־שטאָדט; דאַן האָבען אָנגעהויבען די בריעף זעלטענער צו קומען, און דאַן האָבען זיי אויפגעהערט גאָר אינגאַנצען, און ער האָט פון איהם גאָר קיין ידיעה מעהר נישט געהערט. פּלוצלינג איז אָבער דאָס אומגליק געשעהן. דאָס יאָהר פון דער רעוואָלוציע אין געקומען, פוילישע קינדער האָבען געמאַכט די פּאָוסטאַניע, דענסמאָל אין דעם ביטערען פינסטערען יאָהר טויזענד אַכט הונדערט דריי און זעכציג. און דאָ איז געקומען דער פינסטערער טאָג. עס איז געווען אַ פרייטאָג נאָכמיטאָג . . . אַנ'עולם לויפט אין איין אימפּעט ביז אַהין אין דעם פּיערקאַנטיגען מאַרק אויך ער לויפט, אַהין אָנגעקומען, זעהט מען וואָס שרעקליכעס : אַ הויכער קלאָץ שטעהט אין מיטען מאַרק ; דער תלין ציהט ביי דעם שטריק און עס ווערען געהאָנגען עטליכע בלוט־יונגע מענשען, כמעט נאָך קינדער, איינער נאָך דעם אַנדערען, איינער נאָך דעם אַנדערען ; און דאַן דערזעהט ער אויך דעם לעצטען פון יענע בלוט־יונגע מענשען . . . אַנ'־אומנאַטירליך קול פון אַ געשריי רייסט זיך איהם ארויס פון זיין האַלז, און דאַן פאַלט ער אויף דער ערד און זיינע אויגען שליסען זיך און ער זעהט גאָרנישט מעהר . . .

און אויך דאָס דאָזיגע בילד געהט שנעל פאַרביי, און ער זעהט באַלד פאַר זיך אַנדערע בילדער : זיין ווייב מיט דעם שוואַרצען ליילעך אויף דער ערד און אַ ליכט צוקאָפּענס . . . דאָס איז געווען אַ טאָג אָדער צוויי טעג שפּעטער נאָך יענעם פרייטאָג . . . מן חסתם איז דאָך יענע ביטערע פינסטערע ידיעה אויך צו איהר אָנגעקומען . . .

אָבער די דאָזיגע אַלע בילדער און עראינערונגען זענען ווי גאָרנישט אנטקעגען איין בילד, וועלכעס שטעלט זיך איהם פאַר אָט איז די טאָכטער, די איינציגע טאָכטער, דאָס שוואַרץ־אַפּעל פון זיין אויג . . .

פאַרוואָס אָבער זינדיגט ער איצט צו גאָט און לייענט נישט די פּסוקים, ווי גאָט האָט געבאָטען ? . . .

ער האַלט דאָס ספר אין האַנד און לייענט, אַ בלאַט געהט, אַ בלאַט קומט, פּסוקים געהען און פּסוקים קומען, פּרשות געהען און פּרשות קומען — דאָס בילד שטעהט נאָך אַלץ פאַר זיינע אויגען.

„ . . . און רות האָט געזאָגט : דו זאָלסט נישט דרענגען אויף מיר

דיך צו פערלאָזען, אומצוקעהרען פון נאָך דיר, דען וואוהין דו וועסט געהן, וועל איך אויך געהן און וואו דו וועסט נעכטיגען, וועל אויך איך נעכטי־גען, דיין פאָלק איז מיין פאָלק און דיין גאָט איז מיין גאָט; וואו דו וועסט שטאַרבען, וועל אויך איך שטאַרבען און דאָרט וועל איך ווערען בעגראָבען; אַזוי זאָל גאָט טהון צו מיר און אַזוי זאָל ער מעהרען, ווי נאָר דער טויט וועט שיידען צווישען מיר און צווישען דיר . . .״

יאָ — נאָר דער טויט האָט געקאָנט שיידען צווישען איהר און צווישען איהם! אמת, יענע רות פון מואָב איז דאָך שעהן געווען, אָבער טויזענד מאָל שענער פאַר איהר איז געווען זיין טאָכטער, און אַ ריינערע נשמה און אַ בעסער הארץ איז אויף דער גאַנצער וועלט שוין נישט געווען. אַ מיים־טערשטיק האָט גאָט אין איהר געמאַכט, אז יעדער יוד זאָל זיך מוזען בוקען צו איהר! און אויך דער אַפּטייקער, דער יונגער קריסט אין דער אַפּטייק אַנטקעגען זיין הויז, האָט זיך געבוקט צו איהר. זי אָבער האָט איהם נישט געקאָנט ליידען, זי האָט איהם נישט אויף דער ליכטיגער שיין געקאָנט זעהן. אָ, ווער וויים נעבעך, וואָס די אָרימע האָט געליטען און וואָס זי האָט גע־קעמפפט מיט זיך, אום איהרע געפיהלען צו דערשטיקען. ווי עס ווייזט זיך ארויס, האָט זי צום סוף שוין קיין כח מעהר נישט געהאַט צו קעמפפען, און דאָ איז זי געגאַנגען און האָט איהם געזאָגט: „וואוהין דו וועסט געהן וועל אויך איך געהן, און וואו דו וועסט נעכטיגען וועל אויך איך נעכטיגען״ — און זי איז געגאַנגען מיט איהם, וואוהין ער איז געגאַנגען, און זיי זענען געגאַנגען צוזאַמען ביז צו דעם אָרט. וואו דער טייך איז געווען אַם טיעפּס־טען און וואו מען קען רוהיג שלאָפען און קיינער וועקט קיינמאָל מעהר נישט אויף. אויף מאָרגען האָבען די וועלען צוויי טויטע אויסגעשפיגען, דעם קער־פּער פון דעם יונגענמאַן און דעם קערפּער פון דעם יונגען מיידעל . . .

שאַ! דער אַלטער וויינט ווי אַ קליין קינד . . .

*

עס איז טאָג.

דער יום־טוב ליגט אויסגעגאָסען איבער דער גאַנצער גאַס, דער עולם געהט אין שול אריין לוסטיג און פרעהליך און פול לעבען.

פון דעם פענסטער קוקט אַנ׳אַלטער מאַן אַרוים אויף דעם פרעהלי־כען יום־טוב׳דיגען עולם, וואָס ציהט זיך ווי אַ שטראָם פאַר איהם פאַרביי — און זיינע אויגען קאָנען זיך נישט זאַט קוקען. איינציגווייס קומט אויך איבער איהם אַ ניי לעבען און די קנייטשען פון זיין שטערען ווערען פער־שוואונדען און דאָס געזיכט ווערט הייטער. עס איז דאָך יום־טוב היינט און טרויעריג זיין הייסט זינדיגען!

דער כח פון אַ יוד . . .

הייליג איז דער טאָג צו אונזער הערר און איהר זאָלט נישט טרויע־ריג זיין.

# דער כהן

דאָס ערשטע מאָל, ווען איך האָב איהם געזעהן, איז דאָס געווען ביי אַ סעודה פון אַ פדיון־הבן. ער איז געשטאַנען צווישען די צוויי גאַרדינען פאַר׳ן פענסטער, מיט דעם רוקען צו דער שטוב, און האָט אַרויס־געקוקט אויף די גאַס, און געזעהן האָב איך איהם נאָר פון הינטען: אַ קליי־נע דיניטשקע געשטאַלט, אַנ׳איינגעבויגענער רונדיגער רוקען, שמאָלע אַראָבגעפאַלענע פּלייצעס. יעדענפאַלס, האָט די דאָזיגע אָרימע געשטאַלט אין דער טרויעריגער, אָבגעריסענער קאַפּאָטע זיך אויסגענומען אַ רעכט בי־סעל פרעמד און וואונדערליך צווישען דער פּראַכט פון יענעם סאַלאָן און צווישען אַלע יענע פרעהליכע רייך־געקליידעטע מענשען.

איך בין גראָד געשטאַנען נעבען דער יונגער ווירטין פונ׳ם הויז און זי האָט דאָס געשפּרעך געפיהרט. די גרויסע שטיינער פון איהרע אויער־רינגען האָבען געוואָרפען שטראַהלען פייער, די ליכטיגע אויגען מיט דעם שעהנעם גלאַנץ האָבען געשאָסען קוילען פייער, די גליהענדיגע ליפּען מיט דער פרישער רויטקייט האָבען געשפּריצט פונקען פייער, און בלויז אין דער לייכטער בלייבקייט פון איהר פּנים האָבען זיך נאָך געלאָזט דערקענען שפּו־רען פון די שמערצען, וועלכע זי האָט איבערגעטראָגען אין די לעצטע וואָ־כען. די שעהנע פרוי האָט גראָד גנעדיגליך געהאַלטען ביי דער פראַגע, פאַר־וואָס מען האָט מיך אַ צייט לאַנג נישט געזעהן.

— די געשעפטען, מאַדאַם, די פיעל געשעפטען . . .

—און די מעשה פון דער קרושינסקאַ־קאַלאָטי איז אמת? וויל זי ווירק־ליך אויף אייביג זיך אָבזאָגען פון טעאַטער צוליעב דעם נאַרישען לייטע־נאַנט, וועלכער האָט זיך געשאָסען?

איך האָב נישט אַזוי פיעל צייט געהאַט, אום צו קענען ענטפערען. דער מענש צווישען די גאַרדינען האָט אין דער דאָזיגער מינוט זיך אומגעקעהרט מיט דעם פּנים צו דער שטוב. איך האָב אַ ציטער געגעבען. אַ פּנים ווי דאָס

געלע וואקס, הוילע איינגעפאלענע באקען, שמאלע, בלויע ליפען. עס איז קיין ספק נישט, אז דער מענש האט לאנג געהונגערט.

און די ווירטין פונ'ם הויז פלוידערט דערווייל זעהר ליעבליך: — „עס טהוט מיר הערצליך לייד, וואס איך האב נעכטען נישט געקאנט זיין אין דער „פילהארמאניע". די עספאניאלישע סימפאניע פון לאלא! בעטהאווענס קרייצער־סאנאטע, געשפיעלט פון א. הובערמאן! חוץ דעם נאך די גע־דור אריאזא פון דער אפערא „לואיזע", געזונגען פון א פערסטער־לויטערער! נישט אמת, איך בין אנ'אומגליקליכע פרוי, וואס א מענש ווי איהר האט די פליכט, מיך צו בעדויערען? . . ."

איך האב כמעט נישט געהערט. מיינע אויגען זענען געווען צוגעקלעבט צו דעם מענשען ביי די גארדינען. זיין ברוסט־קאסטען איז געווען איינ־געפאלען און שמאל און זיין קערפער איז געווען עפעס א קערפער ווי פון א קינד. פון מינוט צו מינוט איז א ציטער דורכגעגאנגען זיינע גלידער און ער האט זיך אבגעשאקעלט, עס איז קענטיג געווען, דאס ער איז זעהר אונגע־דולדיג. וואס נעהנטער עס האט אנגערוקט די צערעמאניע פון דעם פדיון־הבן, איז ער אלץ אונגעדולדיגער געווארען. ער האט אויסגעוויזען ווי איי־נער, וואס פיהלט זיך זעהר שולדיג אדער ווי איינער וואס איז גרייט אט וואס באלד א פערברעכען צו בעגעהן.

די לאקייען איילען און לויפען אהין און אהער און טראגען אין זיל־בערנע קלאשען וויין און פרוכטען און איינגעמאכטס און זיסע זאכען. ביים פענסטער נעבען דער גארדין לינקס שטעהט אויף דער ערד א גרויסער היל־צערנער גרין־געפארבטער בלומענטאפ מיט א גרויסען טיעף־גרינעם אלעאנ־דער־בוים. און נעבען דעם אלעאנדער שטעהט דער ארימער יוד מיט דעם וואקס־געלען פנים. דער יוד שטעהט שטייף און בעוועגט זיך נישט אפילו אויף איין האר, און זיינע אויגען בליקען אויף דער ערד. אין דער מינוט דערמאהן איך זיך, אז דער דאזיגער מענש האט נאך קיין איינציג מאל נישט אויפגעהויבען די אויגען פון דער ערד. און פלוצלינג האט מען מיר איבער־געהאקט מיינע געדאנקען.

אויף א גרויסער זילבערנער טאץ האט מען אריינגעטראגען דאס יונ־

נע קינד, און די טאַץ איז געווען בעלעגט פול מיט גאָלדענע און מיט זיל־בערנע שמוק־זאַכען און מיט פערעל און מיט אַנדערע ציהרונג.

דער יוד האָט זיך אָבגערוקט פון פענסטער און איז נעהנטער צוגע־גאַנגען. אין זיין פּנים איז קיין טראָפּען בלוט נישט געווען. ער איז געווען מאָדנע צעמישט און האָט אַ פּנים גאָרנישט געוואוסט וואו ער איז. יעצט האָט ער די אויגען אויפגעהויבען און האָט זיך אַרומגעקוקט. אַנ׳אידיאָטיש לאַכען האָט אַרומגעבלאָנדזשעט אויף זיין פּנים.

אפשר איז עס די אימה פאַר מענשען, מיט וועלכע ער איז נישט גע־וועהנט — האָב איך מיר געטראַכט — איין אָרימער פערהונגערטער צווי־שען אַזוי פיעל זאַטע . . .

און ער האָט אָנגעהויבען דערוויל צו שטאַמלען זיין פּזמון:

מאַי בעית טפּי ? לתן בנך . . .״

איינער פון די, וואָס זענען געשטאַנען דערנעבען, האָט איהם איבער־געהאַקט אין די רייד: — ר׳ יוד! צוערשט מוז דער פאָטער אָנהויבען: „זה בני בכורי״ און דערנאָך ערשט זאָגט דער כהן זיין: „מאַי בעית טפּי״.

— דער יוד האָט זיך שטאַרק פערשעהמט און איז רויט געוואָרען; אָבער געדויערט האָט עס נאָר איין מינוט. באַלד איז זיין פּנים ווידער קליין געוואָ־רען, פיעל שטאַרקער ווי פריהער.

אַ פּנים עפּעס נישט אַזאַ געאיבטער בעל־מלאכה טראַכט איך ביי זיך — עס מוז איהם אודאי נישט יעדען טאָג פּאַסירען אַזאַ נס. און אפשר איז עס ביי איהם גאָר דאָס ערשטע מאָל . . .

דערוויל האָט דער פאָטער אָנגעהויבען: — „זה בני, בכורי הוא, פּטר רחם לאמו, והקדוש־ברוך־הוא״ . . .

דער כהן האָט טיעפער אַראָבגעהאָנגען דעם קאָפּ. דאָס וואָרט הקדוש־ברוך־הוא״ האָט איהם עפּעס געמוזט געבען אַ שטאָך.

און גיך און כמעט גאָר איינגאַנצען נישט פערשטענדליך האָט ער אָב־געפּלאַפּעלט דאָס זייניגע: — „מאַי בעית טפּי ? לתן בנך בכורך שהוא פּטר רחם לאמו, או בעית לפדותו בעד חמש סלעים, כדמחיבת מדאורייתא ?״

דער יוד האָט גענומען פינף זילבערנע רובעל מיט נאָך עטליכע קלענע־רע זילבערנע מטבעות. בנעימות׳דיג האָט דער פאָטער געמאַכט די „ברכה״

און דאַן די שהחינו״. — שווערע שוויסטראָפּען זענען אַרויסגעטרעטען אויף דעם כהן׳ס שטערען.

און דער כהן האָט דאָס געלד עטליכע מאָל אַרומגעדרעהט אַריבער דעם קעפּעל פון דעם קינד און האָט אויף דער גיך און אונטער דער נאָז געזאָגט: — „זה תחת זה, זה חילוף זה, זה מחול על זה״ — און דעם רעשט האָט מען נישט געהערט.

דאַן האָט ער די האַנד אַרויפגעלעגט אויף דעם קינד׳ס קעפּעל און האָט ער געבענשט: — „ישימך אלהים כאפרים וכמנשה״; זיין האַנד האָט אָבער זעהר געציטערט. דאַן האָט ער מיט איין מאָל אויסגעטרונקען דעם כוס ביז דעם לעצטען טראָפּען און איז גיך צוגעגאַנגען צו דער טיר אויף אוועקצוגעהן.

די עלטערען פון׳ם קינד האָבען איהם געבעטען זיך צום טיש צו זעצען מיט די אַנדערע געסט; ער אָבער האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און איז גיך אוועק.

דער יוד האָט בעשעפטיגט מיין פאַנטאַזיע און איך האָב אַליין נישט געוואוסט פאַרוואָס. „ער איז אַן אָרימאַן״ — האָט מיר דער הויז־העֶר ערקלערט — „וואָס איז ערשט דאָ נישט לאַנג פון זיין שטעדטעל אַנגעקומען און וואוינט דאָ אין שכנות. ער איז אַ יוד אַ בן תורה, וועלכער זיצט יומם ולילה אין אונזער בית־המדרש׳ל און לערענט. אַנפאַנגס האָב איך געוואָלט דעם „פדיון״ אוועקגעבען אונזער בעקאַנטען מאַרקוס קאַפּלאַן; נאָר נעבעטען אָוועֶנד איז דער דאָזיגער יוד אַריינגעקומען צו מיר און האָט מיך וועגען דעם עסק געבעטען. איך האָב גאָרנישט געוואוסט, אַז ער איז אַ כהן, נו — אַ רייכער כהן און אַן אָרימער, איז, דאַכט זיך דער אָרימער קודם״.

און נאָך ביינאַכט האָב איך געטראַכט וועגען דעם דאָזיגען מענשען.

און נאָכאַמאָל האָב איך איהם געזעהן — באַלד נאָך עטליכע וואָכען. איך בין צופעליג גראָד פערבייגעגאַנגען פאַר דעם בית־המדרש׳ל אינ׳ם הויף און האָב איהם דורכ׳ן פענסטער געזעהן דרינען אין טלית און תפילין. עס האָט מיך געצויגען און איך בין אַריינגעגאַנגען; דער יוד האָט מיך, ווי עס ווייזט זיך אויס, שוין שטאַרק אינטערעסירט. עס איז געוועֶן אַ מאָנ־

טאָג. אין בית-המדרש איז געווען א קליינער עולם, קוים א „מנין" פון א פערצעהן פופצעהן מענשען.

פונ'ם הויף האָט זיך געהערט א ליארמען און רוישען פון הענדלער און הענדלערקעס. פון מינוט צו מינוט הער איך: „א לוח פאר א קאָפּעקע! א בייגעל פאר א גראָשען! צוועלף קנעפּ, ווייבער, פאר א דרייער!" — און דער בלאָטע אויפ'ן הויף טונקט זיך א שטראַהל פון דער זון, ארויף און אראָב, ארויף און אראָב, און אויף דער וואנד אנטקעגען ליגט קרום ביז איז דער העלפט א שווערער שאָטען, און אויף דער צווייטער העלפט איז ליכטיג העל. ביי דעם רינשטאָק שטעהט א הוהן, צוגעבונדען מיט איין פוס צו דער וואנד מיט שטריקעל, און זי שטעקט אריין דעם שנאָבעל אין דעם שמוציגען וואסער און זופט און הויבט אויף דעם קאָפּ און בויגט איהם צוריק און פערגלייזט די אויגען און גאָרגעלט, און דאן שטעקט זי ווי־דער אריין דעם שנאָבעל אינ'ם וואסער און זופט ווייטער.

און פלוצלינג הער איך: — „יעמוד — ר' אפרים בן ר' אליהו כהן" — מען האָט דערוויל שוין ביים ליינען. מיין יוד, דער כהן, הערט נישט, אז מען האָט איהם אויפגערופען; ער האָט א פּנים פערגעסען, אז ער איז דער כהן און אז דאָס מיינט מען איהם. מען מוז איהם ערשט ביי דער האנד א שטאָרך געבען, דאן איז ער עולה לתורה און מאכט אויף גיך די ברכה.

זיין פנים איז שטיין־רוהיג און עס בעוועגט זיך אין איהם נישט קיין איינציגער מוסקול. אויך די אויגען בעוועגען זיך נישט. די אויגען זענען מאָדנע בלייך, און נאָר אויף איין באַק אויבען ברענט א קליינער, רויטער פלעק.

און ווידער קומט מיר דער געדאנק אין קאָפּ אריין: דער דאָזיגער מענש האָט גראָד ביי עפּעס א פערברעכען טהון. יעדענפאַלס איז דער יוד אנ'אומגליקליכער — דאָס איז קלאָר.

פלוצלינג הער איך די שטימע פונ'ם חזן: „איז קיין לוי נישטאָ?" און באַלד דערויף הערט זיך מיט א זינגענדיגען טאָן: „במקום לוי!"

ערשט איצט א פנים האָט מיין יוד, דער כהן, פלוצלינג דערפיהלט, ווי לעסטיג דאָס גאַנצע איז איהם. מיט איילעניש און מיט א שטימע, וועל־

כע האָט זיך קוים געהערט, האָט ער צום צווייטען מאָל די ברכה געמאַכט. גרויסע שווייס־טראָפּען זענען איהם געשטאַנען אויפ׳ן שטערען.

איך מוז מיט דעם יוד דורכאויס רעדען — האָב איך ביי זיך בעשלאָסען.

און באַלד נאָך דעם דאַזיגען ביז איך צו איהם צוגעגאַנגען, איך וויים נישט מעהר, וואָס איך האָב איהם געפּרעגט, אָבער דער יוד האָט זיך שטאַרק דערשראָקען. פּלוצלינג האָט ער מיך געלאָזען שטעהן און איז צו צום טיש און האָט זיך אוועקגעזעצט מיט א ספר או האָט אָנגעהויבען אויפ׳ן קול צו לערנען.

דאָס פּנים פון דעם יוד האָט ארומגעשוועבט פאַר מיינע אויגען דעם גאַנצען טאָג.

*

צום דריטען מאָל, ווען איך האָב איהם געזעהן, איז די סצענע געווען א מערקווירדיגע.

ער איז געשטאַנען אויף דער שוועל פון דעם הינטער־הויז אינ׳ם הויף, מיט איין פוס אויף דער שוועל און מי טדעם אַנדערען אונטען אויף דער ערד, און עפּעס א פרוי, און דאַן עטליכע פרויען, האָבען גערעדט צו איהם.

— דאָ אין דער צווייטער שטוב איז א קינד געשטאָרבען, איהר ר׳ אפרים, מוזט ארוים פונ׳ם הויז.

און ר׳ אפרים הערט קיין איינציג וואָרט נישט. ער האַלט אויפגעריסען די אויגען און גלאָצט מיט זיי און ווייסט נישט וואָס עס טהוט זיך.

דאָס וואַסער האָט מען שוין אויסגעגאָסען. דאָ אין דער צווייטער שטוב איז א קינד געשטאָרבען. ר׳ אפרים! איהר זענט דאָך א כהן ?—

— כהן ?? — אה — יאָ . . . יאָ . . . דאָס וואַסער האָט מען שוין אויסגעגאָסען . . .

און אַלץ שטעהט ער נאָך און ריהרט זיך נישט פונ׳ם אָרט.

— איהר מוזט ארוים פון דאַנען, ר׳ אפרים! איהר מוזט אויגענבליקליך ארוים. א קינד איז דאָך געשטאָרבען.

— געשטאָרבען ??
דעם טאָן פון דער דאָזיגער פראַגע וועל איך קיינמאָל נישט פערגעסען.

— און איהר מוזט אַרויס פונ׳ם הויז, האָט די ערשטע פרוי ווייטער גערעדט.

— באַלד וועל איך געהן צום רב . . . באַלד געה איך . . .

— נישט צום רב מוזט איהר געהן, נאָר אַרויס פון דאַנען מוזט איהר. אַרויס, אַרויס.

— איך געה שוין צום רב . . . צום רב געה איך . . .

און פלוצלינג נעהמט ער זיך און לויפט מיט אימפעט. מיך האָט עס צו שטאַרק אינטערעסירט, און איך האָב בעשלאָסען אויף אַ מינוט מיט אַריינצוגעהן צום רב. איך האָב איהם אָבער קוים געקענט דערכאַפּען; ווי מען וואָלט איהם יאָגען, איז ער געלאָפען.

*

אין אַלע ווינקעלעך זענען מענשען. דער רב שטעהט אין מיטען חדר — און ער, מיין כהן, פאַר איהם.

דער רב איז אַן אַלטער גרייז־גרויער מענש, מיט אַ זילבערווייסער באָרד און הויך פון געשטאַלט. עפּעס ערעלעס און ווייכעס ליגט איהם אויפ׳ן פנים אויסגעגאָסען.

און דער יוד שטעהט פאַר איהם און רעדט מיט אַ הייזעריגער שטימע:

— רבי, איך האָב געזינדיגט! אשמנו, בגדנו, גזלנו! איך בין זיך מודה ומתודה, רבי, איך בין זיך מודה ומתודה . . .

— וואָס איז מיין קינד?

— לענגער קען איך עס נישט דערטראָגען. עס איז צו שווער. אָנפאַנגס האָב איך געמיינט: עס איז גאָרנישט. איך וועל תשובה טהון, אָבער איצט . . . איצט האָט זיך שוין אויך דער טויט אַריינגעמישט. אַ קינד איז געשטאָרבען. מיט דעם טויט שפּיעלט מען זיך נישט . . .

פלוצלינג האָט ער געשוויגען.

— רעד. „אדברה וירוח לי", זאָגט דער פּסוק.

און ער האָט גערעדט.

— רבי, ווען איהר וואָלט נאָר געקאָנט פערשטעהן, ווי דאָס גאַנצע איז געשעהן! מאַנכעס־מאָל טהוט אַ מענש עפּעס, און פּאָרט איז נישט ער דער טהוער... דער אַנדערער, וואָס איז אין אונז, איז דער טהוער... און איך האָב פינף קליינע קינדערלעך און אַ ווייב... דעם גאַנצען טאָג זיץ איך אין בית־המדרש און לערען, און זיץ און לערען אויך ביינאַכט. און דאָס ווייב און די קינדערלעך זענען הונגעריג. רבונו של עולם! ווען איהר וואָלט דאָס נאָר געקאָנט פערשטעהן... דריי טעג האָבען מיר קיין ברויט נישט אָנגעזעהען. דען געווען שולדיג. און צוויי קינדער זענען קראַנק. טיפוס איז קיין גוטע קראַנקהייט נישט...

דער רב האָט אָנגעקוקט דאָס געלע פּנים און די שמאָלע ליפּען. זיינע אויגען זענען אַביסעל פייכט געוואָרען.

און דאַן איז געקומען דער נסיון — האָט דער יוד ווייטער גערעדט — פינף רובעל געלד... מען האָט מיר געזאָגט, ביי אַ שכן איז אַ פּדיון הבן... איך האָב וואויל געוואוסט, אַז איך טהו אַ גרויסע עבירה אָבער עס זענען געווען אַזעלכע מינוטען, וואָס איך האָב ווידער נישט געוואוסט... און די ביידע קינדערלעך זענען קראַנק און וואַרטען אויף אַ רפואה און דאָס ווייב וואַרט אויף ברויט... איך האָב מיט אַלע כחות געקעמפט דאַגעגען — אָבער צום סוף, האָב איך גאָרנישט מעהר געקעמפט... אדרבא, עס האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז איך טהו גאָר אַ מצוה — אַ מצוה אָן מיין ווייב און קינדער... און אויף דער נאַכט בין איך אריין צום שכן און האָב איהם געבעטען... עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, איך טהו אַ מצוה... רבונו של עולם! די גאַנצע נאַכט ביז איך נישט געשלאָפען און דער מוח האָט געקלאַפּט אין מיר ווי מיט אַ האַמער. אַ קלאַפּ נאָך אַ קלאַפּ: דו ביזט דאָך גאָרנישט קיין כהן! — אַ קלאַפּ נאָך אַ קלאַפּ: דו ביזט דאָך גאָר אַ פּראָסטער „ישראל"! — און זינט דענסטמאָל האָט עס נאָך נישט אויפגעהערט צו קלאַפּען. פיעל מאָל האָב איך שוין געוואָלט אהער קומען. אָבער איך האָב נישט געקאָנט. און איין ליגען האָט געבראַכט דעם אַנדערען: איך האָב שוין געמוזט זיין אויך דער „כהן" ביים ספר... אָבער יעצט

האָט זיך אריינגעמישט אויך דער טויט . . . דער טויט איז עפּעס שרעק־ליכעס . . .

איך האָב צופעליג אָנגעקוקט דעם רב. דער רב האָט קיין איינציג וואָרט נישט מעהר געהערט: ער איז שוין גאָרנישט געווען דאָס, וואָס פריהער. אַלעם ווייכע און אַלעם עדעלע איז איהם שוין געווען אַראָב פון פּנים.

און פּלוצלינג האָט ער אָנגעהויבען געהן אַרויף און אַראָב, אַרויף און אַראָב איבער דעם צימער. אין צימער איז אַ טיעפע שטילקייט. אַ ליכט־זייל קוקט קרום פון פענסטער אַריין און רוהט האַלב אויפ'ן פּנים פונ'ם געוועזענעם כהן און האַלב אויף דער ערד.

דער רב, אַרויף און אַראָב געהענדיג אינ'ם צימער, רעדט, און עס ווייזט זיך אויס, ווי ער וואָלט רעדען צו זיך אַליין.

— אַ הארבע עבירה . . . געבראַכט אַנ'אדם מישראל צו אַ חטא עובר צו זיין אויף אַנ'„עשה" . . . ווייזט זיך דאָך אַרויס, אַז יענער האָט גאָר־נישט „פּודה" געווען . . . אודאי, אודאי, אַנ'עבירה חמורה אַ זעהר הארבע עבירה . . .

פּלוצלינג שטעלט ער זיך אָב פאַר'ן פענסטער, מיט דעם פּנים צו דער גאַס און שווייגט. ער האָט זיך אויף אַ פּאָר מינוטען פערטראַכט.

דער פּערפּענדיקעל פונ'ם וואַנד־זייגער בעוועגט זיך מאָנאָטאָן אַהין און אַהער. אויף דער רויטער שאַפע קלאַפּערט אַרום אַ פליעג און זשומט.

און דער רב שטעהט נאָך אַלץ און קוקט אַרויס און רעדט צו זיך אַליין —: „שטעהט דאָך אָבער: אין אדם נתפס על צערו — און פּרנסה איז צער . . . און דער פסוק זאָגט: על פּת לחם יפשע גבר . . .

און אינ'ם צימער איז אַ טיעפע שטילקייט.

פּלוצלינג האָט זיך דער רב אומגעדרעהט:

— דו מוזט פאַסטען . . . פאַסטען מאָנטאָג און דאָנערשטאָג.

דער יוד, אַ פּנים, איז דערמיט נישט געווען בערוהיגט. פאַסטען איז פאַר איהם נישט קיין נייעס. ער האָט זיך געגנוג אין זיין לעבען שוין אָנ־געפאַסט, און נישט בלויז מאָנטאָג און דאָנערשטאָג, נאָר אַנדערע טעג אויך.

— און מלקות מוזטו זיך לאָזען שלאָגען . . . ארבעים חסר אחת . . .

דער יוד איז א פנים, דערמיט אויך נאך נישט געווען בערוהיגט. טויזענדמאל אזויפיעל האט דאך איהם זיין הארץ שוין געשלאגען.

— און גלות מוזטו אבריכטען . . .

דער יוד האט אבגעאטעמט. א פנים, ערשט יעצט האט מען איהם צוגעטראפען.

— און דיין ווייב וועסטו מיר היינט ארייישיקען, האט דער רב ווייטער געזאגט — קהל וועט פאר איהר זארגען.

דער יוד איז אוועק.

מעהר האב איך איהם שוין קיינמאל נישט געזען.

# קידוש לבנה

ווער עס איז מחדש די לבנה, דער קען זיכער זיין אז ער וועט נישט שטאַרבען דעם חודש מיט קיין „מיתה משונה". — זאָל איך אייך דערצעהלען די מעשה פון יענעם טאָג, אין וועלכען מיין קינדהייט און מיין תמימות און מיין גלויבען זענען מיר געשטאָרבען? — איך ווייס גענוי דעם טאָג, ווען דאָס איז געשעהן.

און אָפט, ווען עס קומט דער דאָזיגער טאָג, איז מיר, ווי ווען איך וואָלט מוזען אויפשטעהן און אָנצינדען אַ יאָהרצייט־ליכט נאָך זיי, אזוי ווי מען צינדט אָן נאָך אמת'ע טויטע. פאַר מיר איז דאָך אויך דער טאָג אַ יאָהרצייט טאָג!

איך ווייס היינט נישט מעהר גענוי, ווען איך האָב יענם וואָרט גע־הערט — יעדענפאַלס מוז איך דענסמאָל האָבען געוועזען נאָך גאָר אַ קליין קינד, און דאָס וואָרט האָט זיך אין מיר איינגעבאַקען. אָפט הערט אַ קינד איין אונשולדיג וואָרט, וואָס אַ דערוואַקסענער רעדט אַמאָל אַרויס אָהן אַ כיוון, און דאָס דאָזיגע וואָרט בלייבט קלעבען אין זיין געמיט אויף יאָהרען און צעהנדליגער יאָהרען און אַמאָל ביז אין טויט אריין. און איך, זעהט איהר, האָב געגלויבט אין יענעם וואָרט, נישט ווי מען גלויבט אין אַנ'אורים־ותומים, דען אַנ'אורים־ותומים, האָב איך דאָך נאָך קיינמאָל נישט גע־האָט געזעהן, נאָר ווי מען גלויבט אין זיין אייגענעם „איך" און אין דעם, אַז מען לעבט. עס איז נישטאָ קיין קינד, וועלכעס זאָל האָבען אזוי געג־לויבט! מיין גאַנץ וועזען האָט געגלויבט, מיין גאַנצער זין האָט געגלויבט, מיין גייסט און מיין נשמה האָבען אין מיר געגלויבט און געוואוסט, אַז „ווער עס איז מחדש די לבנה, דער קען נישט שטאַרבען דעם חודש". דער־פאַר בין איך דאָך דענסמאָל נאָך אַזאַ קינד געוועזען און גלויביג פון גאַנצען האַרצען.

אַ קינדהייט, אַ קינדער־תמימות, אַ קינדער־גלויבען!

און איך געדענק —

א זיסע ליעבליכע ווינטער־נאכט, זיס פאר די נשמה און זיס פאר די אויגען. אפט איז די קעלט ליעבליך און אנגענעהם פאר די נשמה, פראסט ווי ליכט פאר'ן אויג. אזעלכע נעכט קענען נאר די, וועלכע וואוינען אין די הויכע צפון־געגענדען. דער קנאקעדיגער פראסט ליגט אויסגעברייט איבער די גאסען, אז מען פיהלט אזש ווי די ביינער קנאקען פאר תענוג און דאס הארץ וואקסט. דער הימעל איז טיעף בלוי און מערקווירדיג דורכזיכטיג, און די שטערען ווייזען אוים אזוי גרוים ווי די פויסטען. יעדער שטערען ווי א פויסט, יעדער ווי א קליינע לבנה, און אנגעזייהט זענען זיי אויף דעם טיעף־בלויען, דורכזיכטיגען פעלד אין די טויזענדער, אין די הונדערט־טויזענד־ער, געדיכט, איינער נעבען דעם צווייטען. און די שטערען לייכטען, און מי־נוטענווייז פלאקערען זיי, און אפט דאכט זיך, אז זיי וואקסען און ווערען גרעסער. און די לבנה איז גרוים און האט א מערקווירדיגען שיין, און די לופט ארום איז לויטער און פריש און דורכזיכטיג, א זיסע ליעבליכע לופט, וועלכע שטייגט צום קאפ און פערשיכור'ט, און א שטילקייט ליגט אויף די גאסען ווי א טוים.

און מיר, אלע וועלכע זיצען דארט פאר גאט אין בית־המדרש, געהען ארוים — די לבנה מחדש זיין.

און איך, דאס קליינע, קליינע יונגעלע, געה־מיט מיט אלע.

איך פיהל, ווי איך טרינק דעם טעם פון גן־עדן און ווי עס וואקסט אין מיר עפעס צו און ווי די נשמה ווערט ברייט און הייליג. עפעס א וואונדער־ליכע גייסט נעהמט מיך ארום פלוצלינג, א גייסט פון טרוימערייען און פון פער'חלומט־זיין, און איך וויים נישט, וואס עס איז. ארום און ארום ליגט דער פירכטערליכער פראסט אויסגעגאסען, און פארט פיהל איך אין דער נאז דעם ריח פון פרישע רויזען.

מיר געהען — און פאר אונז געהט ר' קלמן חסיד, עס איז דער דאזי־גער, אויף וועלכען מיר אלע האבען געקוקט פון תמיד אן, ווי אויף דעם אנגעזעהענסטען צווישען אלע: דער גרעסטער עהרליכער יוד, דער למדן, דער ריינסטער מענש.

ווי דער געפאלענער שניי איז וויים זיין בארד, די אויגען גלאנצען ווי

די גלאנצענדיגע שטערען אינ׳ם הימעל, ווי די ליכטיגע לבנה אין דער הויך איז ליכטיג זיין פנים — און ער געהט, ווי דער דין איז: „כדרך שיוצאין לקבל פני המלך, אזוי ווי מען געהט מקבל פנים זיין א מלך״.

און דער דאזיגער גייסט, פהיל איך, נעהמט ארום אויך מיך ביסלעכ־ווייז, און די נשמה וואקסט און וואקסט — און אויך איך געה מקבל פנים זיין א מלך.

אט איז ער, דער מלך מלכי המלכים, דער קעניג איבער אלע קעניגען, הקדוש־ברוך־הוא! „הללויה!״ . . .

„לויבט דעם הערר פון די הימלען! לויבט איהם אין די הויכען״!

און איך הער די ווערטער, ווי זיי זאגען זיי, און איך פיהל זיי דאסמאל ביז אויפ׳ן גרונד. —

און פון דער ברכה הער איך ארויס נאר די ווערטער: „אז עס זאל בענייט ווערען די קרוין פון דער פרעכטיגקייט צו די אנגעלאדענע פון בויך״ — און איך פערטראכט מיך און פער׳חלום מיך, דען איך פערשטעה נישט רעכט די דאזיגע וואנדערליכע און פרעמדע רייד. די בעהאלטענע פער־שטעלטע ווערטער נעהמען מיך ארום ווי א כישוף, און איך שעפטשע שטי־לערהייט נאך: „צו די אנגעלאדענע פון בויך״.

דאן ווייס און פערשטעה איך פלוצלינג, אז „אזוי ווי איך שפרינג אנט־קעגען דיר און קען נישט אנריהרען אן דיר, אזוי זאלען מיינע פיינד נישט קאנען אנריהרען אן מיר״. פארוואס זאל דאס אזוי זיין? פארוואס זאל איך נישט קענען אנריהרען אן דער לבנה? און מיך כאפט אן א גרויס אונענדליך פערלאנגען, זיך אויפצוהויבען און אנצוריהרען די לבנה. —

בעזונדערס פילט־אויס מיין גאנצען זין יענער פערדרעהטער פסוק, ווי מען זאגט איהם פון אונטען צוריק: „ווי א שטיין זיי זאלען שטיל ווערען דיין ארעם אינ׳ם טהון גרויס ווערען און פארכט אנגסט אויף זיי עס זאל פאלען״ — און איך פער׳חלום מיך און פערטראכט מיך.

און אט פלוצלינג: „דוד מלך ישראל חי וקים״ — און מיר דאכט זיך א מינוט לאנג, אז אט זעה איך איהם, ווי ער שטעהט פאר מיר א לעבעדי־גער. ווי דער געפאלענער שניי איז ווייס זיין בארד, די אויגען גלאנצען ווי די גלאנצעדיגע שטערען אינ׳ם הימעל, ווי די ליכטיגע לבנה אין דער הויך

איז ליכטיג זיין פנים, און אויך הויב אָן צו שרייען אויפ'ן קול: „דוד מלך ישראל חי וקים! דוד מלך ישראל חי וקים!"

ארום און ארום איז שטיל א מינוט לאנג.

„די שטימע פון מיין ליעבסטען, אָט קומט ער, ער שפרינגט אויף די בערג, ער היפּט אויף די היגלען" — און איך קוק מיך אום און בליק רעכטס און לינקס און איך זוך איהם. „עס גלייכט מיין ליעבסטער צו א הירש אָדער צו א רעה פון די יונגע הירשען; אָט שטעהט ער הינטער אונ־זער וואנד, קוקט פון די פענסטער, בליקט פון די לעכער" — און איך בליק הינטער מיר צו דער וואנד און זעה ווי די שאָטענס אויף דער וואנד בעווע־גען זיך און קוקען פון די פענסטער, בליקען פון די לעכער . . .

און מיין הארץ זאפּט זיך אָן מיט עפּעס א שטילען, הייליגען סוד, און מיין גאנץ אינערעס חלומ'ט.

ווי שוידערליך איז דער דאזיגער אָרט! הייליג איז די נאכט צו אונ־זער הערר . . .

„ווער איז זי, וועלכע שטייגט אויף פון דער מדבר?" — און איך זעה ווי מענשען שאָקלען־אָב די ציצית, און איך שאָקעל דעסגלייכען אָב, און ווייס נישט, וואָס איך מאך.

און א וואונדערליכער געדאנק געהט מיר דורכ'ן קאָפּ, און איך ווייס נישט, וואָס דער געדאנק איז געווען.

און פּלוצלינג ווייס איך איהם: — ווער עס איז מחדש די לבנה, דער קען זיכער זיין, אז ער וועט נישט שטארבען דעם חודש!

און מיר האָבען דאך די לבנה מחדש געווען — ווער קען נאָך אזוי זיכער זיין ווי מיר?

דאן געהען מיר צוריק, פאר אונז געהט ר' קלמן חסיד.

און זיינע אויגען גלאנצען ווי די שטערען, און זיין פּנים איז ליכטיג ווי די לבנה — הונדערטמאָל מעהר ווי פריהער, און ער געהט און זינגט זיך שטילינקערהייט א ניגונ'דעל.

שטילענקערהייט שפּרייז אויך איך נאָך דער מחנה, דער פראָסט ווערט וואָסאמאָל שטארקער; מיינע באקען און מיינע אויערען ברענען ווי פייער, און מיר איז אזוי זיס און אלץ ארום איז אזוי הייליג.

און אלץ איז אזוי טרוימעריש און מיינע ליפען שעפטשען: ווער איז זי, וועלכע שטייגט־אויף פון דער מדבר? — און איך וויים אליין נישט, פארוואס איך שעפטשע די דאזיגע ווערטער.

וואס מדבר? וואו מדבר? ווער שטייגט־אויף פון א מדבר? . . .

און מיר קומען בעזאכט אריין אין דעם פארהויז פון בית־המדרש, און אין פארהויז איז שטאק־פינסטער, פראסט מיט דער האנד נישט צו דערטאפען.

און איך געה מיר שטילינקערהייט און זינג מיר אויך א ניגונ־דעל.

פלוצלינג אבער הערט זיך א הארצרייסענדער געשריי.

און נאך דעם שרייען א שטילקייט ווי דער טויט.

און ווי מען האט א ליכט געבראכט, אום דאס פארהויז צו בעלייכטען, האט מען דאס שרעקליכע געזעהען.

דער קעלער אין דעם פארהויז איז נישט פערדעקט געווען, דען דאס ברעט פון אויבען האט זיך געהאט פעררוקט, און ר' קלמן איז ביים געהן אריינגעפאלען אינ'ם קעלער.

ווי זיי האבען איהם ארויסגענומען, איז ער שטיל געלעגען און האט נאר שווער געקרעכצט; פלוצלינג אבער האט ער אנגעהויבען צו ווארפען מיט די הענד און פיס, דא האבען זיי גיך געבראכט צו איהם א דאקטאר, א צווייטען, א דריטען.

און צומארגענס אינדערפריה האב איך געהערט, אז ער האט דאס געניק געבראכען, און דאן, נאכמיטאג, האב איך געהערט, אז ער איז גע־שטארבען.

איך אבער האב געשמייכעלט, איך וויים דאך, אז עס איז נישט אמת! איך וויים דאך, אז עס איז גארנישט מעגליך! איך וויים דאך, אז ווער עס איז מחדש די לבנה, דער איז זיכער אז ער וועט ניט שטארבען דעם חודש מיט א מיתה משונה!

און געגלויבט האב איך דערין, ווי נאר א קינד קען גלויבען. אלץ אין מיר האט געגלויבט, מיין גאנץ וועזען האט געגלויבט . . .

און דעם גאנצען נאכמיטאג האב איך מיך ארומגעקריעגט מיט מיינע חברים, ווען זיי האבען מיר געזאגט, אז ער איז געשטארבען, און איך האב

זיי אָנגעשריגען, אַז זיי זענען ליגנערס. איך האָב עס דאָך בעסער געוואוסט פון זיי; עס שטעהט דאָך געשריבען אין די ספרים; עס שטעהט דאָך געשריבען אין מיר זעלבסט, אין דער טיעפעניש פון מיין אייגען הארץ!

קעגען אָווענד ערשט האָט זיך די סצענע אביסעל געענדערט. קעגען אָווענד האָב איך מיט מיינע אייגענע אויגען דעם טויטען געזעהן, און אויך ביים קבר בין איך געשטאַנען, ווי זיי האָבען איהם אריינגעלעגט.

און אַ שמערץ, גרויס און אונענדליך, האָט מיך ארומגענומען.

איך האָב פּלוצלינג געוואוסט, אַז נישט דער מאַן איז דאָ געשטאָרבען, נאָר געשטאָרבען איז מיין קינדהייט און מיין תמימות און מיין גלויבען! נישט ר׳ קלמנ׳ען האָבען זיי דאָ אריינגעלעגט אין דער ערד אריין, נאָר מיין קינדהייט, מיין תמימות, מיין גלויבען!

און איך שטעה ביים קבר און וויין.

# נאָר איין שבת

דענסמאָל, ווען די עטליכע ווערטער, וועלכע איך דערצעהל, האָבען פּאַסירט, בין איך געווען נאָך גאָר א קליין קינד, א יונגעל פון א יאָהר זעקס.

ביי טאַטע־מאַמע בין איך געווען א בן־יחיד און ביי מיין באָבען בין איך געווען דער שוואַרצאַפּעל פונ'ם אויג. וועגען מיין באָבען קען איך אייך נאָר זאָגען: איך האָב קיינמאָל נישט געזעהן אין מיין גאַנצען לעבען קיין קליגערע פרוי, איך האָב קיינמאָל נישט געהערט קיין שענערעס און קיין זיסערעס, ווי איהרע מעשה'לעך און קיינמאָל נישט האָב איך א מענשען ליעבער געהאַט פון איהר.

און אָט די דאָזיגע באָבע — זי איז דאָס געווען דער ערשטער טויטער, וועלכען מיינע אויגען האָבען געזעהען.

איך געדענק נאָך אַלץ, ווי עס וואָלט נאָך ערשט נעכטען געווען: אינדערפריה האָט מיך אונזער דיענסט־מיידעל אויפגעוועקט פונ'ם שלאָף און האָט מיר געזאָגט: די באָבע איז ביינאַכט געשטאָרבען. פלוצלינג איז זי געשטאָרבען.

איך האָב די ווערטער רוהיג אויסגעהערט און דאָס גאַנצע האָט מיך נישט אָנגעהויבען צו אַהרען. — דאָס קינד האָט נאָך גאָרנישט פערשטאַנען, וואָס עס הייסט טויט־זיין.

געשטאָרבען? — נו, פּטור, געשטאָרבען!

און אין זעלבען טאָג האָבען זיי זי קובר געווען, און אויך דאָס דאָזיגע האָט מיך זעהר קנאַפּ געאַהרט.

אַזוי זענען אַוועקגעגאַנגען דריי, פיער טעג. פלוצלינג האָט עפּעס, וואָס איך ווייס נישט וואָס עס איז, אָנגעהויבען אין מיין האַרץ מיר צו לעבערען און צו עגבערען ווי מיט א שפּיציגען נאָגעל.

און אַ בענקעניש אהן אַ מאָס און אָהן אַ גרעניץ און אָהן אנ'אויפהער

האָט פּלוצלינג אַרומגעכאַפּט מיין גאַנצע נשמה. ביסלעכווייז האָב איך אָנ־געהויבן אויך וויסן, וואָס איך וויל. גיט מיר מיין באָבע! גיט מיר מיין באָבע!

און מיין מאַמע האָט געפּרובט מיך איינשטילן און מיין טאַטע האָט זיך גענומען מיך גערוהיגען — אָבער אַלץ אומזיסט. גיט מיר מיין באָבע! גיט מיר מיין באָבע! איך האָב מיך שטאַרק צעריטשעט. ווען וועט שוין קומען די באָבע, וועלכע איך האָב אַזוי לאַנג שוין נישט געזעהן? גיט מיר מיין באָבע! זאָל זי זיך שוין ווידער אַוועקזעצען מיט מיר ביים אויוועז און זאָל זי שוין ווידער דערצעהלען!

מיין מאַמע איז געזעסען און האָט געהערט. אין איהרע אויגען האָט זיך עפּעס פייכטעס בעוויזען.

„קינד־לעבען!", האָט זי געזאָגט „ווען עס וועט זיין תחית־המתים, וועט אויך די באָבע, אם ירצה השם, ווידער לעבעדיג ווערען, און דאָ וועסטו זי זעהן" . . .

עפּעס ווי אַ שטיין איז מיר אַראָב פון הארצען און איך האָב טיעף אָבגעאָטעמט. אבי ס'איז פאַרהאַן נאָך אַ מיטעל! — עס מוז אַלזאָ נאָר ווערען תחית־המתים, און באַלד וועט אויך שוין די באָבע ווידער זיין נעבען מיר!

און לוסטיג און פרעהליך האָב איך מיך ווידער צעלעגט אויף דער ערד און האָב מיך צעשפּיעלט מיט קיצע־מיצע, די גרויסע קאַץ, וועלכע מיר האָבען געהאַט. פּלוצלינג האָב איך די קאַץ אַ שליידער געגעבען אין דער זייט און איך ביז אַרויף אויף די מאַמע.

„מאַמע! ווען וועט זיין דאָס דאָזיגע תחית־המתים!"

„זעסטו, קינד־לעבען!", האָט די מאַמע געענטפערט, „ווען משיח וועט נאָר זיין געקומען, וועט תיכף זיין אויך תחית־המתים. דאַן, מיין קינד, וועט די באָבע ווידער לעבעדיג ווערען, און דאַן, מיין נשמה'לע, וועסטו זי ווי־דער יעדען טאָג זעהן, און דאַן, מיין טייבעלע, וועט זי דיר אויך דערצעהלען די מעשה'לעך ווי אַלעמאָל" . . .

מיט אַ שטורם האָב איך מיך אַ וואָרף געגעבען אויף דער מאַמעס האַלז און האָב איהר צעקושט די ליפּען און דעם קאָפּ און דעם שטערען און די

באַקען, און האָב מיך געכאַפּט צו די הענד און האָב זיי צעקושט, און האָב מיך גאָרנישט געקאָנט זאַט קושען, דאַנקען גאָט דערפאַר, וואָס איך האָב אַרויסגעזעהן פאַרט דעם אָנהויב פון עפּעס אַ שטיקעל ישועה! ראשית האָב איך נאָר צו זעהן, אַז משיח זאָל קומען, און גוים וועט דאָס דאָזיגע נאָר זיין געשעהן, וועט דאָך שוין ממילא אַלץ ווערען רעכט: דאַן וועט ווערען תחית־המתים און דאַן וועט די באָבע ווידער ווערען לעבעדיג. און דאַן וועל איך זי ווידער האָבען נעבען מיר זיצען און דאַן וועט זי ווידער דערצעהלען די מעשיות — —

פלוצלינג אָבער האָט מיך עפּעס אַ געדאַנק אָבגעשטעלט.

„מאַמע"! אָבער ווען שוין וועט דאָס זיין, אַז משיח וועט קומען?"

און מיין מאַמע האָט ווייטער גערעדט.

„משיח? . . . זעהסטו, קינד מיינס, ווען יודען וועלען האַלטען איין איינציגען שבת, ווי עס געהערט צו זיין, דאַן וועט משיח גאַנץ זיכערליך קומען. אַזוי זאָגען אונזערע הייליגע חכמים".

איך האָב געהערט און מיין האַרץ האָט אָנגעהויבען אין מיר גאַנץ מאָדנע צו קלאַפּען. נאָר איין איינציגער שבת, ווי עס געהערט צו זיין! דאָס איז דאָך אַזאַ קליינינגקייט, אַזאַ קליינינגקייט! . . .

(ברויך איך אייך ערשט צו דערצעהלען, אַז איך בין געוועזן דער ערש־טער, וועלכער האָט זיך פאַרגענומען מיט דעם גאַנצען כוח, צו האַלטען דעם איינעם שבת מיט אַלע פּרטים און דקדוקים? ווי נאָך קיין שום מענש נישט אויף דער גאַנצער וועלט וועל איך האַלטען דעם דאָזיגען שבת. איך וועל מיך פּראָבען נישט ריהרען פונ'ם אָרט דעם גאַנצען מעת־לעת, און כדי יוצא צו זיין פאַר אַלע דעות, וועל איך אָנהויבען מיט אַ שעה פריהער און וועל ענדיגען מיט אַ שעה שפּעטער. און אויך ביינאַכט וועל איך נישט צו־מאַכען קיין אויג, כדי איך זאָל נאָר חלילה מיך נישט געבען קיין ריהר און מחלל שבת זיין און קאַליע מאַכען דאָס גאַנצע.

און אויך מיין טאַטע וועט דאָך האַלטען דעם דאָזיגען שבת ווי עס געהערט צו זיין, איהם ברויך איך דאָך נישט ערשט צו בעטען, ער איז דאָך דער טאַטע. און מיין מאַמע זאָל געזונד זיין, זעהט איהר, איהר וועל

איך קיין איינציג וואָרט נישט זאָגען; זי וועט האַלטען פון זיך דעם שבת גליך מיט מיר.

און אויך מיינע פעטערס און די מוהמע רבקה'לע און מיין שוואָגער יאָסעל און מיינע געשוועסטער־קינדער און אונזער גאַנץ הויזגעזינד — אַלע, אַלע וועלען זיי האַלטען גלייך מיט אונז דעם דאָזיגען שבת ווי עס דאַרף צו זיין. עס איז דאָך עפּעס מכח דער באָבע!

און דאַן וועל איך אַריבערלויפען אויך אויף די אַנדערע זייט גאַס, און אויך אין חדר וועל איך אָנזאָגען אַלע מיינע חברים און וועל זיי בעטען רח־מים, למען השם זיי זאָלען נאָר האַלטען ריכטיג דעם שבת, און איך וועל אָנזאָגען ראובנ'ען און מרדכי'ן און יונה'ן און שמעונ'ן און יצחק'ן און פּלטיאל'ן — אַלע, אַלע וועל איך זיי אָנזאָגען, איך וועל זיי זאָגען נאָר דאָס איינע וואָרט: עס איז דאָך נישט קיין קליינינקייט, עס גערט דאָ מכח דער באָבע! עס איז דאָך מיין באָבע, וועלכע איז מיר געשטאָרבען און וועלכע קען דאַדורך ווערען ווידער לעבעדיג און איך קען זי ווידער האָבען! איך בין זיכער, אַז אַלע וועלען מיר טהון די דאָזיגע קליינינקייט און וועלען דעם שבת האַלטען, ווי עס געהערט צו זיין, עס איז דאָך נאָר איין שבת!

און צו די שכנים וועל איך אַריין און אין מאַרק אַריבער און אין די פּאָרשטאָדט אַרוים, איך וועל בעטען און וויינען — ווער וועט מיר אָפּ־זאָגען אין אַזאַ קליינער טובה?

און כדי יוצא צו זיין גאָר אינגאַנצען, וועל איך בעטען דעם טאַטען, וועט ער לאָזען שפּאַנען די פערד און וועט אַריבערפאָהרען אויך קיין קים־לאָוויץ און קיין גריידאָוו און קיין ליקוויצא און אין די איבעריגע שטעדט־לעך אַרום אונז, און דאַן וועט ער פאָהרען אויך אין די אַנדערע עטליכע שטעדט, וועלכע זענען פאַרהאַן אויף דער וועלט, און וועלכע איך ווייס נישט, ווי זיי הייסען, און איך בין זיכער, אַז יעדער וועט פאַר מיינעטוועגען טהון יענע קליינינקייט, וועלכע מען פערלאַנגט פון איהם, עס גערט דאָך דאָ מכח מיין באָבען!

לויט מיין קורצען חשבון איז אויסגעקומען, אַז שוין אין עטליכע טעג אַרום, און אפשר גאָר אין נעכסטען שבת שוין. וועלען מיר קענען אויס־פיהרען אונזער פּלאַן.

מיין אונגעדולדיגקייט איז געוואקסען פון מינוט צו מינוט. מיין אָטעם איז געוואָרען גליהענדיג, מיינע אויגען האָבען געבריהט, אַלץ איז מיר גע־וואָרען איבערדריסיג, עסען האָב איך נישט געקענט און שלאָפען האָט עס מיך נישט געלאָזט. בלויז נאָך עטליכע טעג ליגען צווישען מיר און צווישען מיין באָבען!

אוי קינדער־יאָהרען! אוי קינדער־נאַיוויטעט!

דאָס קינד האָט דענסמאָל נאָך גאָרנישט געהאַט דעם כח צו פער־שטעהן, וואָס עס בעדייט אַ גרויסע וועלט, און אַז די ערד איז גרויס און ווייט, און אַז די מענשען זענען אַנדערש איינער פון צווייטען, און אַז עס איז נישט מעגליך אריינצוהויכען אין זיי איין נשמה, אַזוי אַז זיי זאָלען האָבען אַלע איין ווילען אפילו נאָר אויף איין מינוט . . .

עס איז שווער צו געפינען צוויי מענשען, וועלכע זאָלען האָבען צוויי עהנליכע געדאַנקען, מכל־שכן איין געדאַנק פאַר אַלע מענשען צוזאַמען מיט איין ווילען און איין ציעל.

וואָס זאָל איך דאָ לאַנג דערצעהלען?

דער שבת ווי עס געהערט צו זיין איז נישט געהאַלטען געוואָרען, משיח איז נישט געקומען, תחית־המתים איז נישט געווען — און מיין באָבען האָב איך ביז אויפ׳ן היינטיגען טאָג נישט מעהר געזעהן.

און יעצט בין איך אַ דערוואַקסענער, און וויים וואָס עס הייסט, איין גייסט פון פערשידענע מענשען . . .

*

נעכטען אָוועגד זענען מיר געזעסען אויף דער ווערענדע ביים דאָק־טאָר און האָבען אונזער טיי געטרונקען. אויף דעם טיש זענען געלעגען די לעצטע צייטונגען, און מיר האָבען געלייענט די לעצטע שוידערהאַפטע נאַכ־ריכטען וועגען באַמבעס און וועגען אויפרייסונגען און וועגען אַנפאַלען. דאָס געשפרעך האָט זיך אָנגעהויבען דרעהען ארום דער טעמא פון די בלוטיגע מעשים און באַלד האָבען מיר געהאַלטען ביים טעמא פון דער אַלגעמיינער סאָציאַלער גלייכשטעלונג.

„דאָס איז שוין אַזוי אַ ירושה פון פראַנקרייך", האָט דער דאָקטאָר געזאָגט גלאַט אַזוי, אום נאָר עפּעס וואָס צו זאָגען, און האָט זיך אָנגעצונדען אַ באָק־ציגאַר. „דער אַלטער דעוויז האָט געהייסען: ליבערטע, פראַטערניטע, עגאַליטע".

און דער סטודענט האָט אוועקגעוואָרפען זיין אינטערעסאַנט געשפּרעך מיט דעם הויז־פריילין, האָט זיך אויסגעווישט זיינע פענסנעגלעזלעך, האָט עטליכע מאָל אָבגעהוסט און האָט געזאָגט: „מיינע הערען! אַלץ, ווי בעוואוסט, שטרעבט אהין נאָר צו איין ציעל, — דאָס געזעץ פון די פעסטעסטע און אייביגסטע געזעצען אין דער נאַטור. אויך כעמיע און מאַגנעטיזם און עלעקטריציטעט, ווי עס ווייזט זיך אַרויס, זענען אייגענטליך נאָר איין קראַפט אין פערשיידענע ערשיינונגען, און אַזוי אויך ווערט די גאַנצע שטערענוועלט און דאָס אייביגע הערען ,אַז מיר נעהמען זיך בעאורטיילען דעם גייסט פונ׳ם מענשען, מוזען מיר איהם דעסגלייכען בעאורטיילען נאָר פון דעם דאָזיגען געזיכטס־פּונקט, ווילט מיר די וועלט רעפאָרמירען און אויסבעסערען, איז עס קלאָר, אַז מיר האָבען פאַר אונז נאָר איין וועג: מיר מוזען זעהען צו דערגרייכען דעם ציעל, אַז אַלע מענשען זאָלען זיין אין אַלעמען גלייך".

דער סטודענט האָט זיך אַרומגעקוקט און איז געוועזען שטאַרק מיט זיך צופרידען. דאָס הויז־פריילין האָט בעהאַלטענערהייט געגעניצט.

„אַלע גלייך? און אין אַלעמען גלייך?" האָט געענטפערט דער באַנקדירעקטאָר, „דעם אמת געזאָגט, איז מיין פאַנטאַזיע צו שוואך אום צו קענען זיך פאָרשטעלען אַ וועלט, בשעת אַלעס פון איהר וועט זיין גלייך איינס מיט דעם אַנדערען. כאַפּט נאָר אָן אַ משל: מיר זיצען און שפּיעלען ווינט, און דאָ איז איין פּאַרב נישט מעהר יחסן פון דער צווייטער און אַנ׳אַכטעל איז נישט מעהר פון אַ זיבענטעל און אַ ניינטעל איז נישט מעהר פון אַנ׳־אַכטעל, זאָגט, קאָן דאָן אַ שפּיעל האָבען עפּעס אַ טעם מיט אַ ריח? קאָן אַ וועלט איבערהויפּט האָבען אַ ממשות?"

מיט אַ וויץ פּטר׳ט מען נישט אַזאַ טיעפזיניגע וועלט־בעוועגענדע פראַגע!" האָט זיך דער סטודענט צעהיצט.

און דער רעדאַקטאָר פון דער שטאָדט־צייטונג האָט געזאָגט:

„איך פרעג גאנץ ערנסט: קענען מיר האבען א געזעץ, אז עס זאלען שוין קיין נאראנים נישט זיין אויף דער וועלט און אלע, אלע מענשען זאלען זיין קלוג אויף איין געביעט, ווערען מיט אמאל אזוי פערדרעהט און אונקלאר, ווען מיר קומען צו א צווייט געביעט! און דערפאר טאקי זאג איך אייך: אזוי ווי עס איז נישט מעגליך א וועלט צו איבעראנדערשען אויך אויף די אנדערע געביעטען, דען, זעהט איר: די אונטערשיידען אין דעם אנדערש־זיין זענען אייביגע נאטור־געזעצען!”

„און פארט”, האט זיך דער סטודענט איינגעשפראט, „איך בלייב ביי דעם מיינונגען: נאר איין אבסאלוטע גלייכהייט פאר אלעמען וועט אונז ברענגען צום ציעל!”

און דער שטאדט־אדוואקאט, א מענש א פערציגער מיט א הויכען שטערען און א ליסען קאפ, האט זיך פלוצלינג אויפגעשטעלט און האט געזאגט:

„יונגער מענש! (ער האט זיך געווענדעט צום סטודענט), אויך איך בין אמאל געוועזן אזוי יונג ווי איהר און אויך איך האב אמאל געהאט נאר דעם איינעם וואונש, אז אלע מענשען זאלען זיין אבסאלוט גלייך. אבער זעהט איהר, איך בין עלטער געווארען און האב מענשען געזעהן און האב אריינגעקוקט אין די וועלט. איך האב דאן מיך אומגעקוקט, אז עס איז נישט אזוי, און אז דער גייסט אינ׳ם מענשען וועקסעלט זיך און אז פון דער נאטור אויס איז עס דעם מענשענס שטייגער צו זיין אנדערש איינער פונ׳ם אנדער׳ן; אויך יעדעס אינדיווידואום פאר זיך ענדערט זיך פון מינוט צו מינוט, עס איז נישט פארהאן קיין שטענדיגעס אין דער נאטור, נאר אומגעקעהרט, די נאטור איז געבויט אויף אנ׳אייביגען וועקסעל און אויף דיפערענצירונגען — און דערפאר איז בטבע גארנישט פארהאן יענע גלייכהייט, פון וועלכער איהר, יונגעלייט, חלומ׳ט, עס איז א חלום, מיין פריינד א חלום פון קינדער־יאהרען!”

איך בין געזעסען און האב געהארכט און האב נישט געהארכט און איך האב זיך פערטראכט. איך האב מיך פלוצלינג דערמאהנט אן די קינדער־יאהרען און ווי איך בין געוועזן א קינד און ווי איך האב פערלאנגט

נאָר א קליינינקייט: מיליאָנען מענשען זאָלען האלטען אוון שבת אלע גלייך אויף איין אופן.

אָבער דאָס דאָזיגע איז נישט געשעהן — און משיח איז נישט געקומען.

אָבער פארוואָס לאָכען זיי, די אנדערע? פארוואָס בעווייזען זיי און צעשטערען? פארוואָס זענען זיי אזוי קלוג און דערוואקסען? האָט נישט א חלום אמאָל אין זיך מעהר ממשות ווי די גאנצע נאקעטע וואהרהייט?...

און ווידער האָב איך זיך טיעף פערטראכט: ווי גליקליך בין איך געווען דענסמאָל, ווען דער טאטע האָט געהייסען איינשפאנען, און מיר האָבען געזאָלט פאָהרען אין די שטעדטלעך ארום, אום צו פערלאנגען דעם איינעם שבת!

# „תתחדש"

א מעשה מיט א שניידערס א יונגעל האָב איך אייך היינט צו דער־צעהלען — איהר אָבער טאָרט אייך די זאַך נישט צופיעל נעהמען צום הארצען; ס'איז דאָך סוף־כל־סוף נאָר א שניידערס א יונגעל . . .

און דער שניידער איז א גרויסער אָרימען געווען, און דאָס יונגעל איז א גאַנץ קליין יונגעל געווען, און געהאט האָט ער תמיד א בלייך פּנימ'ל, און נאָר די אויגען האָבען געפלאַקערט. —

און געווען איז די מעשה צו דער ערשטער סדר־נאַכט. — די לעצטע דריי נעכט האָט דער שניידער זיך גאָרנישט מעהר שלאָפען געלעגט, דען ער האָט געמוזט פּאַרטיג מאַכען די נייע מלבושים, די בגדי־יום־טוב, פאַר דעם גביר און פאַר דעם גביר'ס זוהן און פאַר'ן גביר'ס איידעמעם און פאַר'ן גביר'ס איידעמעס קינדערלעך. נאָך ערב־פּסח נאָכמיטאָג איז ער ביי דער מלאכה געזעסען, און ווי ס'האָט אָנגעהויבען אָביסעל טונקעל צו ווערען, דאָ ערשט האָט ער געקאָנט איינוויקלען די קליידער אין א לייל'עך און זיי אָבטראָגען צו די גבירים.

און דער גביר און זיין זוהן און זיינע איידעמעס און די איידעמעס קינדערלעך האָבען די נייע קליידער אָנגעטהון און זענען אוועק אין שוהל־אריין — דער שניידער אָבער האָט קיין נייע קליידער נישט אָנגעטהון, און נאָר אָרומגעוואַשען האָט ער זיך איילענדיג, און איז אויך אוועק אין שוהל־אריין; און אויך זיין קליין יונגעלע האָט קיין נייע קליידער נישט אָנגע־טהון, און נאָר אָרומגעוואַשען האָט מען איהם, און ער איז אויך אוועק מיט זיין פאָטער אין שוהל אריין.

און אין שוהל איז ליכטיג און פרעהליך און גוט אויף דער נשמה! דער שניידער שטעהט מיעד און אָבגעמאַטערט און דרעמעלדיג און האָרכט ווי דער חזן זינגט. טיילמאָל הערט ער דעם שאַרך פון די נייע זיידענע מלבו־שים אַרום זיך און דאָס גערויש פון דעם פרישען אונטערשלאָג; און נעבען

איהם שטעהט זיין אפרימ'ל און אויך ער הערט דעם שאָרך און דאָס גע־רויש פון די פרישע קליידער — און זיין פנימ'ל איז בלייך, און נאָר די אויגען פלאַקערען.

און דאָן ווי דער שניידער האָט זיך צום „סדר" אָוועקגעזעצט ביי זיך אין זיין ענגען דאַך־שטיבעלע, דאַ ענדליך איז אַ מין מנוחה אויך איבער איהם געקומען. סוף־סוף איז עס דאָך יום־טוב! דאָס שטיבעלע איז פיין אָבגעקעהרט פון אַלע שניידער'שע פיצלעך און שטיקלעך און שמאַטקעלעך. די פרר־שיסעל און דער ראָזשינקע־וויין שטעהען אויפ'ן טיש, דאָס טונדע־לע באָרשט שטעהט אין אַ ווינקעל. די מלכה זיצט צו דער רעכטער האַנד פונ'ם מלך.

אוי די מלוכה, די יודישע מלוכה!

און דאָס יונגעלע פרעגט די קשיות — זיין בלייך פנימ'ל רויטעלט זיך און די פלאַקערדיגע אויגען ווערען טונקעל, ווי אַנ'אָבגרונד, עפּעס איז דאָס יונגעלע מיט די אותיות אינ'ם סידור נישט שטאַרק בעקאַנט געוועזען.

און דער טאַטע ענטפערט: אַ מעשה מיט עבדים היינו, קנעכט וואָס מיר זענען געוועזען, און אַ מעשה מיט רבנים, וואָס זענען געזעסען ביז אינ־דערפריה צו קריאת־שמע — און אפרימ'ל האָרכט און פערשטעהט קיין וואָרט נישט.

און פּלוצלינג איבערהאַקט ער דעם פאָטער אין די רייד און פרעגט ווידער עפּעס — אָבער די נייע קשיה, וואָס ער פרעגט, שטעהט נישט מעהר אינ'ם סידור.

„טאַטע! פאַרוואָס דאָס, זאָג מיר, האָט מיר קיינער נישט געזאָגט „תתח־דש"? . . . אַלע יונגלעך אין דער שוהל האָבען איינער דעם אנדערען גע־זאָגט „תתחדש", און נאָר מיר אַליין האָט קיינער גאָרנישט געזאָגט". . .

און זיין בלייך פנימ'ל ווערט טויזענדמאָל מעהר בלייכער און זיינע פלאַקערדיקע אויגען הויבען אָן טויזענדמאָל מעהר צו פלאַקערען.

און דער שניידער שטאַמעלט און ענטפערט — אָבער אויך ער ווייסט אין דער ערשטער מינוט נישט וואָס צו ענטפערען; דער תירוץ דערויף שטעהט אויך נישט אינ'ם סידור. אַ מינוט שפּעטער אָבער האָט ער שוין געוואוסט וואָס, און ער ענטפערט:

„מיין קינד! ווער עס האָט נישט אויף זיך אַ ניי שטיקעל מלבוש, דעם זאָגט מען נישט תתחדש".

„אָבער פאַרוואָס דען האָב איך נישט אויף זיך אַ ניי שטיקעל מלבוש? אַזוי לאַנג ווי איך לעב, האָט מיר קיין שום מענש נאָך נישט געזאָגט תתחדש".

אַזוי לאַנג ווי אפרים'ל לעבט האָט ער נאָך נישט געהאַט אויף זיך אַ ניי שטיקעל מלבוש . . .

און ער הויבט אויף זיינע אויגען פונ'ם סידור, און דאָס זענען גאָר־נישט קיין אויגען, נאָר פלאַקערדיגע קויהלען זענען עס — און דאָ זעהט ער די מאַמע, און זי האָט טרעהרען אין די אויגען.

„אם ירצה השם איבעראיאָהר", ענטפערט איהם די מאַמע, „איבער־איאָהר פּסח אם ירצה השם וועסטו שוין האָבען אַ ניי מלבוש".

און די מאַמע קושט איהם אויפ'ן שטערען.

און דאָס יונגעל שווייגט — זיינע אויגען זענען פער'חלומ'ט, ער חלומ'ט און וואַרט מען זאָל איהם פּותר חלום זיין.

*

און אויך איבעראיאָהר פּסח האָט נאָך אפרים'ל נישט געהאַט קיין ניי מלבוש. קושען — יאָ, דאָס האָט איהם זיין מאַמע געקאָנט געבען, אָבער אַ ניי מלבוש — דאָס נישט.

און אויך אין אַ יאָהר שפּעטער, און אויך אין די איבעריגע שפּעטערע יאָהרען, האָט אפרים'ל נאָך נישט געהאַט עפּעס אַ ניי שטיקעל מלבוש. דען, זעהט איהר, עס זענען פאַרהאַן אויף דער וועלט אַזעלכע מיני מענ־שען, וואָס האָבען קיינמאָל נישט אויף זייער גאַנץ לעבען קיין שום שטי־קעל ניי מלבוש.

עס זענען פאַרהאַן אַזעלכע, וואָס וואוינען זייער גאַנץ לעבען אויף דער זייט פון דער זון, און אַזעלכע, וואָס וואוינען זייער גאַנץ לעבען אויף דער זייט פונ'ם שאָטען. אפרים'ל האָט אַלעמאָל געוואוינט אויף דער זייט פונ'ם שאָטען.

און אפרים׳ל האָט אַלעמאָל געפרעגט: „פאַרוואָס?". אַ מין קליין ווערעמעל האָט געוואוינט אין זיין קליין קעפּעל און האָט דאָרט געגראָבען און געגראָבען, און דאָס קליינע ווערעמעל האָט אויסגעגראָבען אַ גרויס לאָך, און דאָס לאָך האָט דאָס ווערעמעל פולגעשטאָפּט מיט אַזעלכע „פאַר־וואָס"־פראַגען.

און די פראַגע איבער אַלע פראַגען איז געוועזען, פאַרוואָס האָב איך קיין ניי מלבוש נישט? און נאָך פיעל הארבער איז געוועזען די פראַגע: פאַרוואָס האָבען אַנדערע יאָ נייע קליידער?

און אפרים׳ל האָט אין זיין הערצעל נישט געשפּירט קיין קנאָה — און נאָר אַ וועהטאָג האָט ער געשפּירט.

און זייענדיג אינ׳ם חדר און זעהענדיג די יונגלעך אין מלבושים, וואָס זענען נאָך נעכטען אָדער עהער־נעכטען ניי געוועזען — האָט ער נישט גע־שפּירט קיין קנאָה אויף זיי, און נאָר אַ וועהטאָג האָט ער געשפּירט.

און אין דער גאַס, — זעהענדיג נייע קליידער, האָט ער נאָר אַ וועה־טאָג געשפּירט.

און אויך דער הונגער האָט איהם קיינמאָל נישט אַזוי שטאַרק צוגע־זעצט, ווי עס האָט איהם צוגעזעצט יענער איינציגער געדאַנק, וואָס האָט זיין גאַנץ הערצעל אויסגעפילט.

זיין גאַנצע נשמה האָט זיך אין איהם צוזאַמענגעשרומפּט צו איין איינ־ציגען געדאַנק, צו איין איינציגער בענקעניש — דאָס בענקעניש נאָך דעם איינעם וואָרט: „תתחדש".

און נאָר איין איינציגעס מאָל האָט ער זיך גליקליך געפיהלט — איינ־מאָל ביינאַכט. אָבער ביים ערוואַכען פונ׳ם שלאָף האָט ער געוויינט, און די מוטער האָט איהם געפרעגט, וואָס איהם איז און ער האָט דערצעהלט, אַז די יונגלעך זענען נאָר־וואָס ביי איהם געווען און האָבען איהם בעטאַפּט, ווען ער האָט אויף זיך אַ ניי מלבוש געהאַט, און יעדער האָט איהם גע־זאָגט „תתחדש", און זיין האַרץ האָט זיך אין איהם צעגאָסען פאַר פרייד — און יעצט אָבער האָט ער גאָרנישט מעהר.

און די מוטער האָט זיך געטראַכט: מסתמא האָט זיך איהם דאָס נייע מלבוש גע׳חלומט.

און אפרים׳ל האָט אָנגעהויבען חלומ׳ן מיט אָפענע אויגען — אָבער אַ ניי מלבוש האָט ער אויף זיך אין זיינע חלומות נישט מעהר געזעהן.

און זיין נשמה האָט אַלץ נאָך געוואַרט און געוואַרט אויף דעם איי־נעם וואָרט: „תתחדש״.

*

און עלטער איז ער געוואָרען, אַ יונגעל פון צעהן, אַ יונגעל פון צוועלף יאָהר, און אַ שניידער־יונגעל איז ער געוואָרען ביי אַ פרעמדען שניידער — אָבער צו אַ ניי מלבוש האָט ער זיך נאָך אַלץ נישט דערשלאָגען.

און דער שניידער פלעגט איהם שלאָגען און די שניידערקע פלעגט איהם פייניגען און די שניידער־געזעלען פלעגען איהם אויסקניפּען זיין נאַ־קעט פלייש, וואָס פלעגט אַרויסקומען פון זיינע צעריסענע, צעשליסענע שטי־קער מלבושים — דאָס אַלץ אָבער האָט איהם נישט וועהגעטהון; און נאָר ווען ער פלעגט האַלטען צווישען די פינגער אַ נאָדעל מיט פאָדים און פלעגט נעהען עפּעס אַ ניי שטיקעל אַרבייט, דאָ פלעגט ער שפּירען אַ וועהטאָג. דאָס נייע מלבוש פלעגט איהם שטעכען אין די פינגער, און נישט די נאָדעל — און דאָ פלעגט זיין בלייך פּנים ווערען טויזענדמאָל בלייכער און זיינע אויגען פלעגען אָנהויבען טויזענדמאָל מעהר צו פלאַקערען און דאָס קליי־נע ווערעמעל פלעגט אָנהויבען צו גראָבען און צו גראָבען איהם אין דער נשמה און אינ׳ם מוח, און אין די אויערען פלעגט איהם אָנהויבען אָהן אַנ־אויפהער צו זשומען דאָס בעקאַנטע וואָרט, דאָס וואָרט „תתחדש״.

און עס זשומט איהם אין די אויערען און עס זשומט איהם אין דער נשמה, און עס הערט גאָרנישט אויף. און דאָס בענקעניש און די ברענענ־דיגע לוסט דאָס צו הערען וואַקסט און וואַקסט.

און ווען דער שניידער פלעגט איהם שיקען מיט נייע מלבושים, זיי אָבצוטראָגען צו די גבירים, און ער פלעגט זעהען זייער רייכקייט און זייער פּראַכט און אַלץ, וואָס זיי האָבען, און ווען ער פלעגט אַהיימקומען אין זיין אָרים לאָך און ער פלעגט זעהען זיין אָרימקייט און זיין עלענד און אַלץ, וואָס עס האָט — דאָ האָט ער אַלעמאָל נאָר איין איינציגע זאַך געדענקט: אַז יענע האָבען נייע קליידער און ער האָט נישט.

מיט וואָס איז זיין זינד אַזוי גרויס, וואָס ער האָט נישט קיין שום נייע זאַך? און וואָס ווידער האָבען יענע אַזעלכעם גוטס געטהון, אַז זיי האָבען יאָ זוכה געווען צו האָבען נייע זאַכען?

אוי, דאָס ווערעמעל! טויטען ווען ער וואָלט עס נאָר קענען אָדער ווענינגסטענס כוח ווען ער וואָלט נאָר האָבען עס שטיל און שטום צו מאַכען!

און זיין ברענענדיגע לוסט איז געוואַקסען און געוואַקסען.

און איינמאָל האָט מען איהם ביי אַ גנבה געכאַפּט. דאָס אונשולדיגע יונגעל מיט דעם שאינו־יודע־לשאול־פּנים'ל איז אייגענטליך גאַרנישט מעהר ווי אַ גנב געוועזען — אַזוי האָט די שניידערקע געזאָגט! דען די שניידערקע האָט איהם ביי יענער גנבה געכאַפּט.

און די מעשה איז גאָר אַ פּשוטע געוועזען: ביים שניידער האָט מען אַ נייע מלבוש פאַרטיג געמאַכט און עס אפרים'ען געגעבען, ער זאָל עס אָבטראָגען פאַר'ן גביר'ס יונגעל; אפרים'ל אָבער האָט עס נישט אָבגעטראָגען אַהין צום גביר פאַר'ן יונגעל, נאָר צו זיך אַהיים אין זיין בוידעם־שטיבעל האָט ער עס געטראָגען, מיט דער כונה עס זיך אָנצומעסטען, איינמאָל ווענינגסטענס אין זיין לעבען האָט ער געוואָלט אויף זיך אַ ניי שטיק מלבוש האָבען; איינמאָל נאָר אין זיין לעבען האָט ער געוואָלט דעם טעם פיהלען פון אַ ניי שטיק מלבוש — איין מינוט לאַנג...

און דערביי, ביי דער דאָזיגער גנבה, האָט איהם די שניידערקע דערטאַפּט, דאָ האָבען זיי איהם קראַנק געשלאָגען און האָבען איהם אַרויסגעטריבען.

*

און ער איז עלטער געוואָרען, ער איז געוואָרען אַ יונגעל פון זעכצעהן, אַ יונגעל פון אַכצעהן יאָהר — אָבער צו אַ „תתחדש" האָט ער זיך אַלץ נאָך נישט דערשלאָגען.

און דאָ איז ער, ווי דער שטיינער איז, אוועק מיט אַ שניידער־געזעלען קיין לאָנדאָן. אין לאָנדאָן האָט ער נייעס געזעהן: אַרבייטער־חברות, אַר־

בייטער־פערזאמלונגען, און רעדעס ווערען געהאַלטען און מען פאָדערט און מען פערלאַנגט און מען געהט מיט שטורם.

אָבער צו זיין „תתחדש" איז ער אַלץ נישט געקומען.

און ווי ער איז צוריקגעקומען אין זיין שטעדטעל אהיים. איז זיין פּנים בלייך געווען נאָך מעהר ווי פריהער, און נאָר די אויגען האָבען געפלאַקערט ווי די לעבעדיגע קויהלען.

און די נשמה אין איהם האָט געפלאַקערט! און דאָס האַרץ אין איהם האָט זיך צעגאָסען און דער מוח אין איהם איז געוואָרען איינגאַנצען אַ מין איינציג, גרויס, ברענענדיג פערלאַנגעניש — דאָס פערלאַנגעניש צו הערען דאָס וואָרט „תתחדש".

פאַרוואָס? פאַרוואָס זאָל ער אַליין נאָר זיין אַזוי עלענד? פאַרוואָס מעגען אַנדערע האָבען פיעל נייע קליידער און ער טאָר אפילו קיין איינציגעס נישט האָבען?

און דאָס נייע מלבוש איז פאַר איהם געוואָרען אַ „פיקס אידעע", אַ מין מאַנאָמאַניע אַ שגעון...

און ער האָט שוין גאָרנישט מעהר געטהון, נאָר גערעדט פון דעם נייעם מלבוש, וואָס ער וועט האָבען.

ער איז געוואָרען דער פיהרער פון אַ חברה אַרבייטער, און עפענטליך פלעגט ער רעדעס האַלטען, און דערצעהלען פלעגט ער פון צייטען וואָס וועלען קומען, ווען אַלע, אַלע מענשען וועלען האָבען אַלעמאָל נאָר נייע מלבושים.

ס'וועלען נאָך קומען צייטען, אַז יעדען מענשען וועט מען דאַן זאָגען: „תתחדש"!

אָבער יענע צייטען זענען נישט געקומען — געקומען זענען אַנדערע צייטען, די צייטען, ווען מען האָט איהם געכאַפּט און איינגעזעצט.

*

און ווי ער איז ווידער אַרומגעגאַנגען פריי, איז זיין פּנים בלייך געווען ווי קאַלך, און אַ הוסט האָט זיך איהם נישט געוואָלט שטילען, און

אַפּטמאָלס האָט ער געשפּיגען מיט בלוט — נאָר די אויגען האָבען געפלאַ־קערט.

און קראַנק און עלענד איז ער דאַן געלעגען אויף זיין בעטעל אינ'ם הקדש.

דער הוסט ווערט וואָסאמאָל שטאַרקער, דאָס בלוט ווייזט זיך וואָס־אמאָל מעהר.

און ער ליגט און חלומ'ט זיינע חלומות מיט אָפענע אויגען: ער זעהט פון וויטען אַ ניי מלבוש און ער הערט פון וויטען דעם „תתחדש".

אין די ערשטע טעג האָט דער דאָקטאָר געפלעגט יעדען טאָג צו מי־טאָגצייט צוצוקומען צו זיין בעטעל — איצט אָבער קומט ער נישט מעהר. מסתמא וועט דאָך איהם באַלד אינגאַנצען בעסער זיין און ער וועט באַלד אויפשטעהן און געהן אין גאַס אריין, און באַלד וועט זיך אָנהויבען דאָס נייע לעבען מיט אַ ניי מלבוש.

זיינע כוחות אָבער זענען געוואָרען וואָסאמאָל ווענינער. די צונג איז איהם געוואָרען טרוקען, די קעהל אויסגעדאַרט, און די אויגען האָבען גע־פלאַקערט.

און די אויגען שליסען זיך ביסלעכווייז, און ער זעהט פאַר זיך אַ וואונדערליכע ערשיינונג: מלאָכים קומען, קליינע מלאָכים, גרויסע מלאָ־כים, טויזענד און ווידער טויזענד מלאָכים, מלאָכים אָהן אַ שיעור, אָהן אַ צאָהל, און באַלד איז די גאַנצע שטוב פול מיט זיי; און די מלאָכים האַלטען אין איין שטייגען, שטייגען ארויף און שטייגען אראָב, און פאָכען מיט די פליגעל ווי יונגע, בלויע טויבען. און פּלוצלינג זעהט ער, ווי זיי האַלטען נייע מלבושים, לויטער, ווייסע, נייע מלבושים, און זיינע אויערען הערען אַ זים צוקערדיג געזאַנג, אַ מעלאָדיע, וואָס האָט קיין סוף נישט: תתחדש! תתחדש! תתחדש!

און פּלוצלינג בעווייזט זי אויך אַ שוואַרצער מלאָך, אַ מלאָך מיט לוי־טער אויגען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דעם טאָג דערויף האָט מען איהם קובר געוועזען אין די נייע, ווייסע קליידער, דעם „תתחדש" האָט ער אָבער נישט מעהר געהערט.

דאָס איז די מעשה, וואָס איך האָב אייך געוואָלט ערצעהלען פונ׳ם יונ־געל, וואָס האָט נישט די זכיה געהאַט, אַזוי לאַנג ווי ער האָט געלעבט, צו האָבען אויף זיך אַ שטיקעל ניי מלבוש.

איהר אָבער טאָרט אייך די זאַך נישט נעהמען צופיעל צום הארצען; ס׳איז דאָך סוף־כל־סוף נאָר אַ שניידערס אַ יונגעל . . .

# ליכט

נאַכט. אינ'ם שלאָפצימער ליגט די פינסטערקייט אויסגעגאָסען ווי אַ שווערער וואָלקען. פון דעם איינעם עק ביז צום אַנדערען ליגט זי אויסגעגאָסען.

אינ'ם קליינעם בעטעל ליגט דאָס שלאָפעדיגע קינד, און דערנעבען שטעהט דאָס גרויסע בעט, אין וועלכען די מאַמע שלאָפט.

פּלוצלינג האָט זיך דאָס קינד געשטרעקט און געצויגען און איז ערוואַכט.

— מאַמע!

אויך די מאַמע איז ערוואַכט.

— וואָס ווילסטו, קרוין?

— ליכט! ליכט וויל איך, מאַמע! ס'זאָל יעצט ליכטיג זיין! איך וויל, ס'זאָל ליכטיג זיין אויגענבליקליך.

די מאַמע האָט זיך איילענדיג אויפגעכאַפּט, איז אַראָב פון בעט און האָט אָנגעצונדען אַ ליכט.

— ניין, מאַמע! נישט אַ ליכט וויל איך, נישט די ליכטיגקייט פון אַ ליכט, ניין, נישט די ליכטיגקייט פון אַ ליכט! עס זאָל ליכטיג זיין, וויל איך! עס זאָל אומעטום ליכט זיין! איך וויל, עס זאָל ליכטיג זיין דאָ און אויף דער גאַס און אומעטום! עס זאָל יעצט טאָג זיין, וויל איך!

— אָבער נשמה'לע מיינס, וואָס דו ווילסט, דאָס קאָן דאָך נישט זיין! יעצט איז נאַכט, און קיינער קאָן נישט יעצט מאַכען, אַז עס זאָל זיין טאָג. דאָס קאָן אפילו די מאַמע נישט מאַכען, און אפילו־פאַר איהר איינציג קינד קאָן זי עס נישט מאַכען, וואַרט. וואַרט אַביסעל, מיין טייערעס! האָב געדולד! נאָר נאָך אַביסעל: באַלד וועט ווערען טאָג. —

— איך וויל אָבער, עס זאָל שוין טאָג ווערען! אַז שטענדיג זאָל זיין טאָג!

און דאָס קינד האָט זיך צעוויינט.

און די פרוי קאָן דאָס קינד וויינען נישט הערען. די טריט פון טויט וואָלט זי קענען רוהיג הערען, ווען ער קומט, נאָר נישט איהר קינד, ווען עס וויינט.

דאָס קינד אָבער וויינט. און דאָס קינד איז עלטער געוואָרען, און וואָס עלטער עס איז געוואָרען, האָט עס אַלץ מעהר געוואָלט ליכט און טאָג, און וואָס מעהר עס האָט געוואָלט ליכט און טאָג, האָט עס אַלץ מעהר און מעהר געוויינט. און די מאַמע, וואָס מעהר זי האָט געהערט דאָס קינד וויינען, איז זי אַלץ מעהר עלענד און מעהר אונגליקליך געוואָרען, דען זי האָט נישט געקאָנט איהר קינד וויינען הערען.

ליכטיגער גאָט, וואָס זי האָט, וואָלט זי גערען אָבגעגעבען, אבי עס זאָל ליכטיג זיין איהר קינד!

און זוכען איז זי געגאַנגען פאַר איהר קינד ליכט.

— און איז דאָס אָרט, פון וואַנען דאָס ליכט נעהמט זיך?

און ווי זי איז געשטאַנען ביי די שיידע-וועגען און האָט געפרעגט און געפאָרשט ביי די שטומע שטעגען, איז איהר אַנ'אַלטע פרוי אַנטקעגענגעקומען:

— יעצט בין איך אַלט און דאָס לעבען האָט מיך חכמה געלערענט. דאָס ליכט זוכסטו, טאָכטער? ליכט פאַר דיין קינד? הער, וואָס איך וועל דיר זאָגען: ווען דו וועסט דיינע ליכטיגע און גלאַנצענדיגע אויגען נעהמען און וועסט זיי מקריב זיין דיין קינד פאַר א קרבן, וועט דיין קינד האָבען ליכט, ווי עס פערלאַנגט.

און די פרוי האָט קיין מינוט נישט געוואַרט. זי האָט גענומען און געבראַכט איהרע ליכטיגע און גלאַנצענדיגע אויגען איהר קינד פאַר א קרבן. טאָג ווי נאַכט, טאָג ווי נאַכט האָט זי געאַרבייט פאַר איהר קינד'ס וועגען, זי איז די נעכט נישט געשלאָפען, ביז די אויגען זענען איהר בלינד געוואָרען פאַר צופיעל אַרבייטען ביינאַכט.

דאָס איז ליכט געווען פאַר איהר קינד. אָבער פאַר איהר קינד אַליין איז דאָס ליכט געווען — און ער האָט דאָך געוואָלט אַז אומעטום און אויף דער גאַנצער וועלט זאָל זיין ליכטיג.

און צום צווייטען מאָל איז די פרוי געשטאַנען ביי די שיידע־וועגען און האָט געפרעגט און געפאָרשט ביי אַלע שטומע שטעגען.

— זאָגט מיר, שטומע שטעגען, וואו איז דאָ דאָס אָרט, פון וואַנען עס נעהמט זיך דאָס ליכט?

און אַן אַלטע פרוי איז איהר אַנטקעגענגעקומען:

— יעצט בין איך אַלט: אָבער אַמאָל בין איך יונג געווען ווי דו, און ווען איך בין יונג געווען בין איך געווען אַ מאַמע ווי דו; און דערי־בער ווייס איך עס. ווען דו וועסט אַרבייטען אין שווייס פון דיין אַנגעזיכט אַזוי לאַנג ביז דיינע האָר, וועלכע זענען שוואַרץ ווי די נאַכט, וועלען זיין ווייס ווי דער טאָג, דאַן וועט די דאָזיגע ווייסקייט אַ ליכטיגקייט פערשפריי־טען און דו וועסט האָבען ליכט פאַר דיין קינד'ס וועגען.

און די מאַמע האָט זיך קיין מינוט נישט איבערלעגט, זי האָט זיך אוועקגעזעצט אַרבייטען און האָט געאַרבייט טאָג ווי נאַכט, טאָג ווי נאַכט, און גאָרנישט גערוהט האָט זי, ביז פאַר צופיעל אַרבייט זענען איהרע האָר, וועלכע זענען שוואַרץ געווען ווי די נאַכט, ווייס געוואָרען ווי דער ליכטיגער טאָג, זיי זענען ווייס געוואָרען ווי דער פריש געפאַלענער שניי, און זיי האָ־בען געלויכטען אַרום און אַרום.

אָבער דאָס דאָזיגע ליכט איז נישט גענוג געווען; עס איז נישט קיין אייביג ליכט געווען און האָט נישט געלויכטען פאַר דער גאַנצער וועלט.

און צום דריטען מאָל שטעהט די פרוי און פאָרשט ביי די שטומע שטעגען;

— שטעגען! זאָגט מיר, צי ווייסט איהר דען נישט, וואו איז דאָ דאָס אָרט, פון וואַנען עס נעהמט זיך דאָס ליכט?

און פון אַלע פיער עקען איז דער ווינד געקומען און געהערט האָט זי:

— ווען דו וועסט דאָס רויטע בלוט פון דיין האַרץ מקריב זיין דיין קינד פאַר אַ קרבן, וועט דאַן דאָס רויטע גלאַנצען און וועט לייכטען ווי דאָס אייביגע ליכט.

„דאָס בלוט פון מיין האַרץ?" האָט די פרוי געזאָגט — און אונדער־באַרעמדיג האָט זי זיך דאָס האַרץ אַרויסגעריסען און האָט עס געבראַכט

איהר קינד פאַר אַ קרבן, און ווי דאָס קינד האָט ביי זיך דאָס מוטער־האַרץ דערפיהלט, איז איהם ווארים געוואָרען, ווי עס האָט געוואַרימט די זון אין גבעון, און עס האָט איהם געלויכטען אַ טאָג מיט אַ נאַכט, און עס איז איהם ליכטיג געווען.

אָבער עס איז נישט געווען קיין אייביג ליכט. און נישט געלויכטען האָט עס אומעטום און שטענדיג און פאַר די גאַנצע וועלט.

און די פרוי האָט נאָך אַלץ געבלאָנדזשעט און געזוכט.

— וואו איז ליכט? וואו איז ליכט? — זאָגט מיר. וואו איז אַזאַ ליכט, וואָס זאָל מיין קינד לויכטען אויף אייביג און צוליעב מיין קינד זאָל ליכטיג זיין אויך דער גאַנצער וועלט?

אַן׳אַלטער מאַן איז איהר אַנטקעגענגעקומען.

— ווען דו וועסט אַלע ביכער פון דער וועלט צוזאַמענגענעהמען און אַלע וויסענשאַפטען און אַלע חכמות — דאַן וועסטו האָבען דאָס ליכט וואָס דו זוכסט, און וועסט עס געבען דיין קינד.

און די פרוי האָט צוזאַמענגענומען אַלע ביכער פון דער וועלט און האָט צוזאַמענגערופען אַלע געלעהרטע און אַלע חכמים, כדי זיי זאָלען געבען איהר קינד אַלע וויסענשאַפטען און אַלע חכמות.

און די געלעהרטע און די חכמים האָבען דעם קינד געגעבען וויסענשאַפט און חכמה, און ליכטיג איז איהם געוואָרען. אָבער — איינמאָל האָט ער אַרויסגעקוקט און האָט געזעהן, ווי פינסטער עס איז אין דרויסען און ווי נאָר איהם אַליין איז ליכטיג און עס האָט איהם טאָפּעלט געשמערצט.

און פון דעם קינד איז געוואָרען אַ יונגעל, און פון דעם יונגעל אַ דערוואַקסענער יונגערמאַן און פון דערוואַקסענעם יונגענמאַן איז געוואָרען אַן׳אומגליקליכער, אַ זעהר אומגליקליכער מאַן!

דען נישט צופריעדען קאָן זיין דער, וועלכער זוכט אַן׳אייביג ליכט, אַ ליכט פאַר אַלע מענשען צוגלייך.

און אַזוי זוכענדיג דאָס ליכט זענען טעג נאָך טעג, יאָהרען נאָך יאָהרען געשוואונדען, און מאַט איז ער געוואָרען און מיעד און אַלט און קראַנק.

און די פיס האָבען איהם געשמערצט פאַר צופיעל געהן און זוכען און

דאָס האַרץ און דער קאָפּ האָבען איהם געשמערצט פאַר צופיעל פיהלען און קלערען.

און אויך זיינע האָר, שוואַרץ ווי די נאַכט, זענען ווייס געוואָרען און האָבען געגלאַנצט און געלויכטען.

און אויך ער האָט געהאַט אַ זוהן, און דער דאָזיגער זוהן האָט אויך פערלאַנגט און געזוכט: דאָס וואָס ער אַליין האָט פערלאַנגט און געזוכט זיין גאַנץ לעבען.

און אַזוי זוכענדיג און קלערענדיג, איז איהם דערווייל אָנגעקומען דער לעצטער און פינסטערער טאָג, און אַנשטאָדט ליכט, וואָס ער האָט געזוכט, איז צו איהם געקומען דער פינסטערער מלאך מיט די טויזענד שוואַרצע אויגען.

פּלוצלינג האָט ער פערשטאַנען: עס איז דאָס אייביגע געזעץ! טאָג און נאַכט קומען אָבוועקסלענד, ווי זומער און ווינטער, ליכט און פינסטער־ניש, היץ און קעלט.

און צורופענדיג זיין זוהן צום בעט, האָט ער געזאָגט: איך האָב גע־זוכט דאָס ליכט — אויך דאָס איז שוין גענוג!

# רב מאיר בעל-נס' פושקע

זאָקען פלעג איך טראָגען יאָהרען־לאַנג פון רחל־לאה'ס ארבייט. דאָס גאַנצע געסעל פלעגט קויפען זאָקען ביי רחל־לאה'ן. דאָס האָט זיך געדעבעגט פאַר א שטיקעל מצוה: א יודענע, אַן'אַלטע, א כשר'ע, פרומע יודענע, און דערצו אַן'אַלמנה, דער מאַן איז געווען א גרויסער בן־תורה, א ירא־שמים און אָנגעזעהן זעהר און זעהר. אַן'אַנדער שטיקעל פרנסה האָט די אַלמנה נישט געהאַט. זאָקען איז געווען די לעצטע פראָבע, וואָס זי האָט געמאַכט א שטיקעל ברויט צו־פערדיענען.

זינט דער מאַן איז געשטאָרבען ביז היינט האָט זי שוין געמאַכט א רעכט ביסעל פּראָבען; אָנגעהויבען האָט זי גרויס, און געענדיגט קליין. באַלד ווי דער מאַן איז געשטאָרבען און זיין שטאַרבען האָט א רושם אָנגעמאַכט האָט קהל צונויפגענומען פאַר איהרעטוועגען אביסעל געלד און האָט איהר געקויפט א וואָגען שטיינקויהלען, זי זאָל דערמיט האַנדלען. די ערשטע צייט האָט יעדער זיך געהאַלטען פאַר א שטיקעל פליכט, צו קויפען שטיינקויהלען דוקא ביי דער „אַלמנה", און זי האָט דערפון געהאַט א שטיקעל ברויט. זי אָבער האָט געוואָרט נישט בלויז אויף א שטיקעל ברויט, נאָר אויך אויף א צייט, אַז זי זאָל האָבען אָנגעקליבען עטליכע רובעל, כדי צו האָבען אויף הוצאות קיין ארץ־ישראל. נאַטירליך איז דערפון גאָרנישט געוואָרען. מיט דער צייט האָט דער עולם געהאַט פערגעסען זיין פליכט אָן די אַלמנה'ס פרנסה און אָן די אַלמנה אינגאַנצען. דער ווינטער איז געווען א לייכטער, און דער עולם ווי ווייט ער האָט נאָר געקאָנט, האָט ער זיך אוועקגענאַרט פון שטיינקויהלען. אזוי איז געקומען אמאָל א שעהנער פריה־מאָרגען, און די אַלמנה האָט פלוצלינג געזעהן, אַז זי האָט נישט קיין שטיינקויהלען און נישט קיין געלד, דאָ האָט זי צונויפגענומען דאָס לעצטע ביסעל כחות און האָט געמאַכט א נייע פּראָבע — א שטאַפּעל נידריגער פון דער ערשטער. זי האָט זיך געשאַפט אביסעל לאָטעריע־לאָסען, ברוינשווייגער און

זאַקסישע, און האָט זיי פונאַנדערגעטיילט צווישען בעקאַנטע. אַנפאַנגס איז אויך דאָס געווען אַ געשעפט, אָבער נישט אויף לאַנג. לאָטעריע־לאָסען קויפען איז נישט קיין פליכט, און די צייטען זענען שלעכטע געווען. ביים סוף האָט זי קאַסע געמאַכט און האָט געזעהן, אַז עס איז נישטאָ נישט קיין סחורה, נישט קיין געלד. דאָ האָט זי צוזאַמענגעקראַצט די לעצטע פּאָר רובעל און איז אַראָב נאָך אַ שטאַפּעל נידריגער. זי האָט איינגעקויפט עטליכע פונט טיי־און צוקער, און האָט די דאָזיגער לעבענסמיטעל אָנגעהויבען אַריינטראָגען אין די רייכע הייזער. צוויי דריי מאָל האָט מען גענומען ביי איהר, און דאַן האָט מען אויפגעהערט. די דאָזיגע אַלמנה האָט אויפגעהערט צו זיין אַ „נייעס”. אַזוי איז זי אַראָב נאָך אַ שטאַפּעל נידריגער. איהר פּנים האָט איהר געפלאַמט פאַר בושה, זי האָט געזיפצט, אָבער באין ברירה האָט זי זיך געקויפט אַ טונדעל הערינג און איז דערמיט געגאַנגען אין די הייזער. די ערשטע טעג האָט זי זיך געשעהמט אויף דער גאַס זיך צו ווייזען מיט דעם טונדעל אין דער האַנד, אָבער ביסלעכווייז האָט זי איינגעזעהן, אַז קיינער קוקט גאָרנישט אויף איהר און די זון שיינט ווייטער ווי אַלעמאָל. אַזוי האָט זי איינגעקויפט און פערקויפט, אַמאָל נאָך אַמאָל — ביז זי האָט זיך אַרומגעזעהן ביים סוף, אַז זי האָט קיין געלד נישט מעהר אויף איינצוקויפען אַ ניי טונדעל. דאָ ערשט איז זי אָנגעקומען ביז צו דער לעצטער מדרגה: זי האָט פאַר די לעצטע עטליכע גילדען זיך איינגעקויפט אַביסעל שטריקוואָל און האָט אָנגעהויבען אַרבייטען זאָקען. דאָס געסעל האָט געפלעגט איהר אָבצוקויפען די זאָקען — און אויך מיינע זאָקען זענען יאָהרענלאַנג געווען פון רחל לאה'ס אַרבייט. אָבער דאָס גליק בעשטעהט נישט אייביג. אָט זענען צוגעקומען אין דער שטאָדט נייע אַלמנות, נייע בכבוד'ע פרויען, און דער עולם האָט זיך געפונען גענויטיגט נייע מצוות און חסדים טובים מיט נייע נויטבעדערפטיגע צו טהון. אויך די זאָקען, וועלכע איך טראָג אַצינד, זענען נישט מעהר רחל־לאה'ס אַרבייט. ביסלעכווייז האָט מען פערגעסען אָן איהר, און קיינער האָט נישט מעהר איהר נאָמען דערמאָהנט. רחל־לאה איז אַראָב פון דער סצענע. מען זעהט זי נישט מעהר אין דער גאַס, און קיינער ווייסט נישט מעהר פון איהר פאַרהאַן־זיין. האָט זי עטליכע

קאָפּעקעס אויף וואָל קויפעו, קויפט זי און מאַכט אַ פּאָר זאָקען און טראָגט זיי אַריין צו דעם אָדער צו יענעם, און טײלמאָל ווען ס׳איז גראָד קיין אַנ־דערע נישט געקומען פאַר איהר, ווערען איהר אַזאַ פּאָר זאָקען אָבגעקויפט. על־פּי־רוב הונגערט זי, און אָפט טײלט איהר דער הונגער אוים גרויסע צרות — און קײנער ווײסט נישט דערפון. וויסט עמיצער, וויפיעל חיות עס בלאָנזשען אַרום אינ׳ם וואַלד און זוכען אַ ביסען? וויפיעל פיש עם שווי־מען אין וואַסער און זוכען עפּעס צו פרעסען? וועמען געהט אַזעלכעס אָן? רחל־לאה איז פערשוואונדען געוואָרען און קײנער האָט זי מעהר נישט גע־זעהן. אפשר איז זי גאָר געשטאָרבען און קײנער ווײסט עס נישט.

נאַטירליך, איז רחל־לאה נישט געווען געשטאָרבען. ביי אַנ׳אָרימען שניידער אין דער פאָרשטאָדט האָט זי זיך געהאַט אײנגעדונגען פאַר עמלי־כע קאָפּעקעס אויף אַ שלאָף־שטעל. דאָרט האָט זי געאַרבײט אַ זאָק, ווען זי האָט געהאַט אויף וואָל קויפען, און דאָרט האָט זי געהונגערט, ווען זי האָט נישט געהאַט. טײלמאָל האָט דער שניידער אויף איהר רחמנות געהאַט און האָט איהר דערלאַנגט עפּעס צו עסען, ווען זי האָט קײן אַרבײט נישט געהאַט; טײלמאָל אָבער האָט ער נישט געהאַט קײן רחמנות, און זי האָט זיך געלעגט אָהן עסען. טײלמאָל האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אַז ווען אַ מענש איז הונגעריג און לעגט זיך שלאָפען, פערגעסט ער דעם הונגער און שלאָפט איין; טײלמאָל אָבער האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אַז ווען אַ מענש לעגט זיך הונגעריג שלאָפען, לאָזט איהם דער הונגער נישט אַנטשלאָפען ווערען, און ווערט ער אַביסעל אַנטשלאָפען, וועקט איהם דער הונגער אָפט איבער, אָבער פון געוועהנהייט און באין־ברירה האָט זי זיך געהאַלטען ביי דעם ערשטען נוסח. סוף סוף האַלט זי דאָך די אויגען פערמאַכט און איהר דאַכט זיך, אַז זי שלאָפט. אמת, די קישקעס וואָרטשען גאַנץ הויך און לאָ־זען איהר נישט קײן רוה — אָבער דאָס מוז אודאי זײן פון עלטער־שוועכע.

און טײלמאָל, ווען זי פלעגט גראָד האָבען עפּעס אַרבײט און פלעגט בעצאָהלען דעם שניידער פאַר די דירה און קויפען פאַר זיך אַ ברויטעל און אַ טעפּעל קאַרטאָפעל, פלעגט זי נאָך אַלץ טראַכטען וועגען איהר אַלטען פּלאַן: אַז גאָט וועט איהר העלפען און זי וועט האָבען אַביסעל אויף הוצ־אות, וועט זי אַרויספאָהרען קײן ארץ־ישראל. טײלמאָל האָט זי געפלעגט

פון איהרע עטליכענע געצעהלטע גראָשענס אויך אויף צדקה אראָבצוגעבען — אריינגעוואָרפען אַ קאָפּעקע אין די פּושקע פון רב מאיר בעל־נס. ביי דער טהיר נעבען דער מזוזה איז געהאָנגען אַ קליין בלעכערען פּושקעלע מיט אַ שפּאַלט אויבען, און אָנגעשריבען איז דערויף געווען מיט געכתיבה׳טע אור־תיות: „קופּת ר׳ מאיר בעל־הנס״, און אין דעם דאָזיגען שפּאַלט האָט זי געפלעגט אריינוואָרפען אמאָל אַ קאָפּעקע. אָבער לאַנג שוין האָט זי דאָרט נישט אריינגעוואָרפען. לאַנג שוין, ווי איהר מוח בעשעפטיגט זיך מיט דער חקירה וועגען דעם שלאָף, אַז דער שלאָף קאָן אמאָל דעם הונגער איינשטי־הייזער און בעט אַ גמילות־חסד.

און זי געהט צו די שכנים און צו די וועלכע וואוינען אין די נעכסטע הייזער און בעט אַ גמילות־חסד.

און זי אַרבייט נייע זאָקען און זי קויפט זיך ברויט.

און דאַן געהען ווידער אַוועק גאַנצע טעג, און זי אַרבייט נישט קיין נייע זאָקען און קויפט זיך נישט קיין ברויט.

און געפינען געפינט זי, אַז זי טראַכט עפּעס צופיעל וועגען דער פּושקע, וואָס הענגט אויף דער וואַנד. וואָס זי טראַכט ווייסט זי נישט, נאָר אַז זי כאַפּט זיך אויף פּלוצלינג ביים טראַכטען, געפינט זי, אַז זי האָט געטראַכט וועגען דער פּושקע. אַנ׳אונבעשטימט, טונקעל געפיהלט פילט אוים איהר האַרץ, אַנ׳אונרוהיגקייט און אַ שרעק און אַ מאָדנע האַרץ־קלאַפּען פאַלט אָן אויף איהר — און וואָס זי טראַכט, ווייסט זי נישט.

אָבער געלויבט איז גאָט! איינע פון די שכנ׳טעס האָט איהר געליהען עטליכע קאָפּעקעס, און רחל־לאה האָט זיך געקויפט אַ קנויל בוימוואָל און האָט ווידער געאַרבייט אַ פּאָר זאָקען. די אונרוהיגקייט און די שרעק און דאָס מאָדנע האַרץ־קלאַפּען האָבען ווידער אויפגעהערט.

נאָך עטליכע טעג איז אָבער שוין ווידער געווען אַלץ ביים אַלטען. די פּושקע בעשעפטיגט איהר מוח — און זי ווייסט פּלוצלינג, וואָס זי טראַכט. די געדאַנקען האָבען אָנגעהויבען זיך אויפצוקלערען.

די פּושקע איז אַ פּושקע פון ר׳ מאיר בעל־נס. ר׳ מאיר בעל־נס איז געווען אַ גרויסער הייליגער און פירכטערליכער מאַן. אין דער ערשטער שורה שטעהט גאָט ברוך־הוא אַליין; נאָך איהם שטעהט משה־רבנו; נאָך איהם

קומט אברהם און יצחק און יעקב; נאָך זיי — די נביאים און אויך די נסיאה׳טעס, די נשים צדקניות, מרים און דבורה; באַלד הינטער זיי קומט ר׳ מאיר בעל־נס. ניין, פאַר ר׳ מאיר בעל־נס קומט נאָך אליהו הנביא. אָבער אויך ר׳ מאיר בעל־נס האָט אַ גרויסע, ווייסע באָרד. און אין דער פושקע ליגען אַ סך, אַ סך קאָפּעקעס. פאַר איין קאָפּעקע קאָן אַ מענש קויפען אַ זעמעל אָדער עטליכע קאַרטאָפּלעס. קאַרטאָפּלעס זענען אַ זעהר גוטע זאַך. דער הונגער איז אַ זעהר מיאוס׳ע זאַך. אָבער ר׳ מאיר איז אַ גרויסער, פּירכטערליכער מאַן. ער ווייסט אַלצדינג און זעהט אַלצדניג. ווי וואויל איז איהר, אַז זי האָט קיין שום מיאוסע געדאַנקען נישט געהאַט! אָבער פּאָרט פיהלט זי, אַז איהר בלוט איז איהר פּלוצלינג געקומען אין פּנים אַריין, זי ווייסט נישט, פאַרוואָס און פאַר ווען, זי נעהמט דאָס לייל׳עך איבער׳ן קאָפּ און הילט זיך טיעף איין אין איהם און פּרובט איינצושלאָפען.

און טיילמאָל, אַז דער הונגער פּייניגט זי ביינאַכט צו שטאַרק, פאַלט איהר איין אַ ניי מיטעל. זי ווייסט, אַז ערב יום־כפור נאָך דער סעודה מפסקת איז מען זיך נוהג צו טרינקען זיבען שלוק וואַסער. דאָס, טראַכט זי זיך, איז אוודאי אַ סגולה אַזעלכע, נישט צו ווערען הונגעריג. נעהמט זי זיך זיבען שלוק וואַסער — און איהר דאַכט זיך דאָן, און זי גלויבט דעריין, אַז דער הונגער האָט באמת אויפגעהערט.

טיילמאָל טהוט זי דאָסזעלבע אויך בייטאָג, און טיילמאָל עטליכע מאָל אין טאָג, און דאָן יעדע שעה, און דאָן איינמאָל נאָך דעם אַנדערען מאָל כסדר.

און ר׳ מאיר בעל־נס׳ פּושקע הענגט גראָד אַנטקעגען איהר און זי זעהט זי שטענדיג. און נישט זי — חלילה! — נאָר איהר מוח איז עס, וועלכער טראַכט: די פּושקע איז פול מיט קאָפּעקעס, און פאַר איין קאָפּעקע קאָן אַ מענש קויפען אַ זעמעל. די פּושקע הענגט נעבען דער מזוזה און אַ רויטער לאַק־זיעגעל אויף צוויי דינע שפּאַגאַטלעך האַלט זי פערשלאָסען.

זי פערמאַכט די אויגען און דרעהט זיך אָב צו אַנ׳אַנדערער זייט.

*

אָבער דאָס געשטאַלט פון דער פּושקע יאָגט זי נאָך אויך דאָרט אַהין.

מעשה שטן! זי אַנטלויפט פאַר איהר, און יענע יאָגט זי נאָך. זי בעהאַלט זיך פאַר איהר, און יענע טאַנצט איהר אַלץ פאַר די אויגען. אומעטום, אין יעדען ווינקעלע, וואו זי זאָל זיך נישט קעהרען, הענגט איהר אַלץ די פּושקע פאַר די אויגען. מן־הסתם, רבונו־של־עולם, מן־הסתם קומט דאָך איהר דאָס פאַר איהרע גרויסע זינד, מן־הסתם מוז זי אויך דעם נסיון אויסשטעהן! — אָבער דער עיקר איז דאָך, אַז זי אַליין ווייסט גאָרנישט, פאַרוואָס און פאַר ווען דאָס אַלץ איז און וואָס די פּושקע וויל פון איהר האָבען.

אין די לעצטע אַכט טעג האָט די פּושקע נישט אויפגעהערט איהרע גע־הירען צו בעשעפטיגען.

די פּושקע איז אַ קליינע, ווינציגע כלי, אַ ווייס שטיקעל בלעך איז זי, און דאָס דעקעל פון איהר איז אַזוי דין, אַז מיט אַ קליין מעסערעל קאָן עס אַ מענש אוועקבייגען. און פאַר איין קאָפּעקע קאָן אַ מענש אַ גאַנצע זעמעל קריגען. —

און פּלוצלינג האָט זי געוואוסט און פערשטאַנען קלאָר, פאַרוואָס און פאַר ווען דאָס אַלעס איז און וואָס די פּושקע וויל פון איהר האָבען. איהר איז פינסטער געוואָרען פאַר די אויגען, איהרע געדאַנקען האָבען זיך צע־מישט און איהר גאַנץ ביסעל בלוט איז איהר געשטיגען אין קאָפּ אריין. פּלוצלינג האָט זי געפיהלט, ווי איהרע שלייפען פוןביידע זייטען האָבען אָנ־געהויבען צו העמערען.

דו גרויסער, הייליגער גאָט! וואָס איז דאָ געשעהן מיט איהר? ווי ווייט שוין איז אַ יודישע טאָכטער געקומען? ווי קאָן אַ מענש נאָך ווייטער לעבען? — און זי האָט געפיהלט, ווי די טרעהרען קייקלען זיך איהר איבער די באַקען.

— פאַר וואָס וויינט איהר? האָט דער שניידער געפרעגט.

זי האָט נישט געענטפערט, און דער שניידער האָט איהר דערלאַנגט אַ שטיק ברויט.

עטליכע טעג האָט די פּושקע אויפגעהערט זי צו קוועהלען, אָבער דאַן האָט זי אָנגעהויבען מיט טאָפּעלער קראַפט — און די קישקעס האָבען דער־ווייל געברומט און געוואָרטשעט, אַזש צום הערען, און דער הונגער האָט גע־בויערט ווי מיט אַנ׳עגבער.

איינמאָל בייטאָג האָט זי געהערט אַ נייעס: אין דעם קאָנטאָר פון „לאַנדוי עט קאָמפּ.”. האָבען זיך אַריינגעבראָכען גנבים און האָבען אויפגעריסען די אייזערנע קאַסע און האָבען געכאַפּט עטליכע טויזענד רובעל — און זי האָט זיך פּלוצלינג געגעבען אַ כאַפּ און האָט אָנגעהויבען שווערען ביי איהר לעבען און ביי איהר מאַנ'ס נשמה און ביי גאָט, אַז זי איז נישט מיטגעווען צווישען די גנבים! — אַלע, וואָס האָבען געהערט, האָבען זיך צעלאַכט. —

און אָווענד'ס פון דעמזעלביגען טאָג, ווי זי איז אַליין געבליבען אין דער שטוב, איז זי אויפגעשטאַנען און איז צוגעגאַנגען ביז אַהין, וואו די פּושקע הענגט. וואָס עס האָט זיך געטהון דאַן מיט איהר, ווייסט זי נישט, גאָר מערקווירדיג, אַז געדענקען געדענקט זי דוקא טויזענד פערשידענע איינצעלנע קליינינגקייטען, וואָס אַנ'אַנדער מאָל זענען זיי איהר גאָרנישט געקומען אין קאָפּ ראַיין און זי האָט זיי קיינמאָל גאָרנישט בעמערקט. אָט, למשל, איז זי פּלוצלינג געוואָהר געוואָרען, אַז צווישען די ביידע פענסטער הענגט אַ שפּיגעל אין דער ברייט אויף דער וואַנד; עס איז איהר געווען אויפפאַלענדיג, אַז פון באַלקען הענגט אַראָב אַ פיער־רעהריגער מעשענער הענג־לייכטער, בעפּוצט מיט רויטע און געלע שטיקלעך גלאַנץ־פּאַפּיער, מיט שוואַרצע פּינטעלעך פון פליגען־שמוץ. אויף איין בעט איז געלעגען אַ העל־בלויע — יאָ ,אַ העל-בלויע — אָבגעבלאַקירטע קאָלדרע, און אויף דעם צווייטען בעט איז גאָרנישט געלעגען. די שטוב איז פּיערקאַנטיג. די שטוב האָט פּיער ווענד — יאָ, פּיער. און צווישען די דאָזיגע פּיער ווענד, דאַכט זיך איהר, איז עפּעס געגאַנגען אַ יודענע. זי האָט געהאַלטען אַ מעסער אין דער האַנד און איז דערמיט צוגעקומען ביז צו דער פּושקע. זי האָט אַריינגעשטעקט דאָס מעסער צווישען דעם צודעקעל פון דער פּושקע און צווישען די פּושקע, און דאָס צודעקעל האָט זיך אָוועקגעבויגען. צוויי דריי דינע פינגער האָבען זיך אַריינגעשטופּט מיט גרויס מיה אין די פּושקע אַריין און האָבען פון דאָרט אַרויסגעשלעפּט עפּעס — דאַכט זיך, אַ מטבע. אָבער נישט זי, נישט זי! חס־וחלילה! נישט זי! ביי גאָט און ביי איהר לעבען און ביי איהר מאַנ'ס נשמה

און ביי איהר חלק לעולם הבא קאָן זי ־דערויף שווערען: נישט זי, נישט זי, נאָר עפּעס אַנ׳אַנדערע, אַ פרעמדע פרוי האָט דאָס אַלץ געטהון.

און די דאָזיגע אַנדערע, פרעמדע פרוי איז געווען הונגעריג, זעהר זעהר הונגעריג.

און איהר דאַכט זיך, אַז די דאָזיגע פרוי איז געגאַנגען — צוערשט האָט זי אויפגעהויבען דעם רעכטען און דאַן דעם לינקען פוס — אָט אַזוי: איינס, צוויי — אָבער נישט זי! — און איז אַרויס פון שטוב און איז אַריין אין דעם נעכסטען שפּייז־קרעמעל און האָט זיך געקויפט אַ זעמעלע פאַר אַ קאָפּעקע — אַ גרויסע זעמעל קאָסט צוויי קאָפּעקעס.

דאַן האָט דיזעלביגע פרוי געוואַשען זיך די הענד און האָט זיי אָבגע־ווישט מיט דעם לייליך און האָט געזאָגט: „שאו ידיכם קדש״, און האָט גענומען אין די האַנד אַריין די זעמעל. —

און פּלוצלינג ווייסט זי און געדענקט און פערשטעהט, ווער עס איז געווען די דאָזיגע פרוי, וועלכע האָט דאָס אַלץ געטהון.

און זי וואַרפט זיך אויפ׳ן בעט אָנגעטהוענערהייט און האַלט די זעמעל פעסט מיט ביידע הענד.

מען טאָר נישט מפסיק זיין! מען טאָר נישט מפסיק זיין!

און אין שטוב געהט אַריין ר׳ מאיר בעל־נס מיט דער לאַנגער, ווייסער באָרד, און אין דער האַנד האַלט ער אַ גליהענדיגע אייזערנע רוט. און אין שטוב געהט אַריין איהר מאַן עליו־השלום, אַנגעטהון אין תכריכים און אין טלית. און אין שטוב געהט אַריין דער מלאך־המות מיט די טויזענד אוי־גען. און אין שטוב געהט אַריין דער שניידער — — —

מען טאָר נישט מפסיק זיין, מען טאָר נישט מפסיק זיין. ס׳איז צווי־שען נטילת ידים און דער המוציא . . .

און זי האַלט די זעמעל מיט ביידע הענד אַרומגענומען און דריקט זי מיט איהר גאַנצען כח און פאָהרט קיין ארץ־ישראל! דער וועג איז אַזוי ווייט, וואָס מעהר זי פאָהרט, ווערט ארץ־ישראל אַלץ ווייטער, זי איז שוין זעהר ווייט פון דאָרטען, זי איז שוין זעהר ווייט . . .

און איהרע געדאנקען האבען זיך צעמישט, און זי ווייסט גארנישט מעהר, וואס עס טהוט זיך.

אינדערפריה האט מען זי געפונען אויף איהר געלעגער, און אין דער האנד די זעמעל, צו וועלכער איהרע ליפען האבען זיך נישט געהאט צוגע־ריהרט.

דאס ערשטע ווארט, וואס זי האט געהערט, איז געווען: „גנב'טע, ארויס פון מיין שטוב! ארויס בזה הרגע!"

# מצוה

וואָס איז אַזעלכעס מצוה? וואָס טהוט זיך אָב אין דער נשמה פון א יוד, בשעת ער טהוט א מצוה? איך מיין בשעת ער איז מקיים א זאַך מיט מסירתנפש און טהוט א מצוה, אפילו ווען זי איז געגען זיינע אייגענע אינטערעסען און געגען זיין גוף און געגען אייגען ווייב און קינד? — טהוט ער עס, וויל זיין נשמה איז א הויכע, אַנ'איידעלע, אַזעלכע, וואָס קאָן זיך אָבזאָגען פון אַלצדינג, אָדער טהוט ער עס, אדרבא, וויל די דאָזיגע נשמה איז רויה און אויסגעטרוקענט און פיהלט גאָרנישט און עס אהרט זי גאָרנישט וואָס זי זאָגט זיך אָב פון עפעס? . . .

נאָך ווען איך בין א קינד געוועזן, האָבען די דאָזיגע פראַגען שטאַרק בעשעפטיגט מיין יונגען מוח.

מיר זעהען אָפט א יוד, וואָס איז פון דער נאַטור א דימענט, א ווייך האַרץ, א גרויסער בעל־רחמנות, א מענש, וואָס קאָן א פליעג אויף דער וואַנד נישט דערצערנען — אָבער אָט האָט איהם גאָט א מצוה צוגעשיקט, און ער איז פּלוצלינג ווי איבערגעביטען: זיין מאַמע הויבט איהם נישט אָן צו אהרען און ער פערשטעהט נישט מעהר זיין אייגענע טאָכטער, זיין טאַטע איז פאַר איהם נישט פאַרהאַנען און ער וויל נישט מעהר וויסען פון זיין אייגענעם זוהן, זיין אייגען ווייב געהט איהם נישט אָן און ער פיהלט נישט מעהר מיט דעם הונגעריגען און דעם דורשטיגען. ווייסט א לאָקאָמאָטיוו בשעת דעם לויפען וואָס עס הייסט א שטערונג אויפ'ן וועג? אז א מענש ליגט אויף די רעלסען און זי שטורעמט איבער איהם פאַרביי און צערייסט איהם און צעברעקעלט איהם?

א מצוה! . . . א מענש וועט ער הרגנ'ען און א מצוה מקיים זיין, זיך זעלבסט וועט ער מקריב זיין, אבי די מצוה איז געטהון.

וואָס קומט־פאָר אין דער דאָזיגער נשמה?

איך האָב געקענט א גרויסען בעריהמטען רב אין א גרויסער שטאָדט,

איינעם, וואָס איז געווען נעבענביי אויך אַ שטיקעל סוחר. די פּריצים האָבען געפלעגט איהם צוזושיקען זייער ספּירט, און ער האָט געפלעגט דעמזעלבען אוועקצוגעבען אַנגראָ אין די גרויסע געשעפטען. איינמאָל, אין אַנ׳-ערב־פּסח, זענען איהם אָנגעקומען פּראַכטען, און די פעסער זענען אריין אין זיין „רשות״ שוין נאָך ביטול חמץ. דאָס פּנים פון דעם רב איז געוואָרען בלייך ווי קאַלך, אָבער נאָר אויף איין איינציגע מינוט. דאַן איז ער אויפגעשטאַנען רוהיג, האָט געלאָזט אוועקפיהרען די פעסער צו דער ווייסעל, האָט געלאָזט עפענען די קראַנען און די פעסער אויסצאַפּען אין טייך אריין, איינע נאָך דער אַנדערער, און ער איז דערביי געשטאַנען און האָט מיט קיין אויג נישט געפינטעלט. אין דער דאָזיגער איינער שעה איז דער רב, וועלכער איז געווען אַ שעהנער גניד, געוואָרען אַ קבצן אויף זיין גאַנץ לעבען.

וואָס האָט זיך אָבגעטהון אין דער נשמה פון דעם דאָזיגען מענשען אין יענער שעה?

איך האָב געקענט אַנ׳אָנגעזעהענע, פרומע יודישע פרוי, וועלכע האָט געהאַט אַ בת־יחידה אַ צאַצקע, אַ מיידעל מיט אַלע מעלות. דאָס מיידעל איז דריי טעג פאַר איהר חתונה געשטאָרבען, און געווען איז עס ערב־שבת צו ליכט־צינדען. די דאָזיגע פרוי האָט זיך אָנגעטהון אין איהרע בגדי שבת, האָט זיך אָנגעהאַנגען די גרויסע שבת־דיגע ברילאַנטענע אויער־רינגען, האָט ליכט געצונדען אין די גרויסע זילבערנע לייכטער, האָט נישט קיין פּיפּס געגעבען און האָט געגעסען און געטרונקען לכבוד שבת, ווי תמיד, אַזוי איז געווען דעם גאַנצען טאָג און נאָר מוצאי־שבת, ווייבאַלד עס האָבען זיך געוויזען די ערשטע דריי שטערענדלעך, אַט דאַ ערשט איז ארויסגעפּלאַצט איהר גאַנצער וועהטאָג מיט אַ שטורם און אַ מאַכט ווי איך האָב עס עהנליך קיינמאָל אין מיין גאַנצען לעבען נישט געזעהן.

וואָס איז פאָרגעקומען אין דער נשמה פון דער דאָזיגער פרוי דעם גאַנצען שבת? וואו איז איהר הארץ געוועזען?

אויך לאַנג, לאַנג נאָך די דאָזיגע צייטען האָבען מיך אַלץ נאָך יענע פראַגע געמוטשעט; אויך דאַן, ווען איך בין שוין געווען ווייט פון מיין היים און מייז לאַנד און האָב יודען כמעט גאַרנישט מעהר געזעהן און בין

געוועז אינגאנצען איבערגעגעבען מיין שטודיום און מיינע ביכער, — אויך דאן האָבען מיך אַלץ נאָך יענע פראַגע אָפּט געמוטשעט.

איינמאָל, ווי איך זיץ אַזוי אין מיין חדר'ל, פערטראַכט איבער מיינע ביכער און איבער טויזענד וועלט־רעטענישען — קומט אונזער דיענסטמיי־דעל צו מיר אריין צו געהן.

דאָס חדר'ל איז אַ חדר פון אַ סטודענט פון פילאָזאָפיע, אַ „מעבלירטע צימער", און דאָס דיענסטמיידעל — אַ בלאָנדע, לאַכעדיגע דייטשקע, אַ „מעדכען פיר אַלעס".

„הערר דאָקטאָר! (מיין דיענסטמיידעל האָט מיר דעם טיטעל געגעבען פיעל פריהער ווי מיינע פּראָפּעסאָרען) — אַ „פּאָלנישער יודע" וואַרט אין קאָרידאָר און פרעגט זיך צו אייך".

דער „פּאָלנישער יודע" מיט זיין לאַנגער קאַפּאָטע און זיין משונה'דיגען אויסזעהען איז אַנ'ארט מדינה־מכה אין אַלע אוניווערזיטעטס־שטעדט אין אויסלאַנד, ווען עס קומט דער זומער און די מענשען קומען צופאָהרען מארבע פנות העולם, כדי זיך צו בעראָטען מיט די גרויסע פּראָפּעסאָרען וועגען פאָהרען אין די וואַרמבעדער.

איידער דאָס מיידעל האָט נאָך צייט געהאַט איהרע ווערטער צו ענדי־גען און איידער איך האָב איהר נאָך געקאָנט ענטפערען, איז דער יוד שוין געשטאַנען אויף דער שוועל.

אַ בלוטיג רויט פּנים, פעט און פליישיג, און די געשטאַלט איז אַ מיטעל־גרויסע — דאָס האָב איך אין דער ערשטער מינוט געזעהן, אָבער צו מעהר האָב איך מיך נישט געקאָנט צוקומען, דען דער יוד איז שוין געשטאַנען און גערעדט.

אויך דעם רויטען אויסגעפּילטען האַלז האָב איך נאָך בעוויזען צו בעטראַכטען און אויך דעם טונקעל־רויטען קאַרק, וועלכער שפּראָצט פון בלוט. אַזאַ קאַרק רופט זיך „שטיער־קאַרק".

„איך וויל, איהר זאָלט מיט מיר געהן צום פּראָפּעסאָר. אויך צום קאָנסול וועט איהר דאַך געהן מיט מיר?"

בינו לבינו האָב איך געזעהן, אַז דאָס איז אַ מענש פון אַ יאָהר פופ־ציג, מיט אַ געדיכטער פערפּלאָנטעטער באָרד, וועלכע האָט געמוזט זיין אַמאָל

רויט אָדער געל. אינטערעסירט האָט ער מיך אויך דערמיט, וואָס די באָרד וואַקסט איהם ביז אויבען צו די אויגען. די אויגען זענען קליין און ליגען אין חלב'דיגע גריבלעך בעהאַלטען הינטער ברייטע ברעמען, און די נאָז איז קורץ און ברייט. די ברייטע ברעמען אָבער געהען פון איין עק שטערען צום אַנדערען. בכלל האָט זיך דאָס פּנים כמעט נישט אַרויסגעזעהן, און איז געווען ווי אַ קליין פּינטעלע אין אַ ים פון האָר. — אינטערעסירט האָט מיך אויך דער גרינער וואָלענער שאַל, וועלכער איז איהם געהאָנגען איבער דעם ברייטען קאַרק, הגם די היץ אויף דער גאַס איז געווען נישט צו דערטראָגען.

„איך וויל איהר זאָלט מיט מיר געהן צום פּראָפעסאָר, אויך צום קאָנסול וועט איהר דאָך געהן מיט מיר?" — דאָס זענען געווען זיינע ערשטע ווערטער, אָהן אַ גוט מאָרגען אָהן אַ גוט יאָהר. אָבער גערעדט האָט ער אַזוי איילענדיג, אַזוי געכאַפּט, אַזוי קורצאָטעמדיג, אַז ס'איז שווער געווען איהם צו פערשטעהן. ווי עס ווייזט זיך אויס ,איז דאָס געווען אַ זעהר נערוועזער מענש.

דאָס געשעפּט, צו געהן מיט אַזעלכע פאַרשווינען צו דעם און צו יענעם, איז מיר נישט ניי געווען. דאָס דיענסטמיידעל איז נאָך געשטאַנען אַ ווײַלע מיט גרויסע נייגעריגע אויגען און האָט געשמייכעלט, דאַן איז זי אַרויסגעגאַנגען.

„מען האָט מיר געזאָגט, אַז איהר וועט געהן מיט מיר. אַוודאי וועט איהר געהן. אַלע זאָגען, אַז איהר וועט געהן. נאָך אינדערהיים האָט מען מיר געזאָגט, אַז איהר וועט געהן. פאַר אייערטוועגען וועט דער קאָנסול אַלצדינג טהון. איהר זענט דאָך דאָס פאַר פיער יאָהר אויך משה־מאָטלען ביי־געשטאַנען!"

איך פרעג, ווער עס איז משה־מאָטעל, און ער ענטפערט: זיין שוואָגער, אַ שוואָגער פון דער שוועסטער'ס צד. איך ציה מיט דער פּלייצע. ניין, דאַכט זיך אַזאַ יוד, וואָס הייסט אַזוי, איז ביי מיר גאָרנישט געווען.

— פערשטעהט איהר — רעדט ער ווייטער האַסטיג, און די ווערטער, דאַכט זיך, שטופּען זיך און יעדעס וויל פריהער אַרויס — איך עס נישט קיין פליישׁ אין אויסלאַנד, פערשטעהט איהר, איך עס נישט קיין פליישׁ!

כלל וכלל עם איך נישט קיין פלייש! וואו איז דא וואסער צום וואשען? ברויט עם איך! נאר הערינג עם איך! ציבעלעס עם איך אויך! וואו איז דא וואסער, האב איך געפרעגט! —

דאס געשעפט, אז א פרעמדער זאל אריינגעהן צו מיר און זאל רעדען ווי בעפעהלענדיג און זאל זיך ביי מיר איינקווארטירען ווי א בן־בית, איז מיר נישט ניי געווען. דער יוד האט אנגעהויבען ארויסצונעהמען פון דער הינטער־קעשענע פון זיין קאפאטע א פעקל אין א טאשענטוך, און איך האב איהם אנגעוויזען, וואו וואסער שטעהט. ווי עס ווייזט זיך אבער אויס, האט ער באלד חוזר געווען פון דעם, וואס ער האט געוואלט.

— צייט לאנג האב איך נישט! מיר מוזען געהן! נעכטיגען וועל איך דא ביי אייך! אט דא אויף דער קושעטקע! — דאס אלץ האט ער גערעדט אין איין אטעם, קורץ, האסטיג און כאפענדיג.

אין די ערשטע מינוטען האב איך געהאט חשק, דעם דאזיגען פארשוין משלח צו זיין; איך האב אבער שוין געוואוסט פון ערפאהרונג, אז אזעלכע מענשען לאזען זיך נישט פון ווענען עס איז משלח זיין, בעזונדערס נאך ווי ער האט אנגעהויבען מיט גרויס אימפעט און אויף גיך צו דערצעהלען פון זיין קראנקהייט און פון דער סכנה אין וועלכער ער איז, און ווי מען האט איהם געשיקט דא אהער צום פראפעסאר, און פון דעם אומגליק, וואס ער האט געהאט אונטערוועגנס מיט דעם פאספארט, אזוי אז איך מוז איהם ראטעווען און מיט איהם געהן צום קאנסול, כדי דעם פאספארט צו פראָ־ראגירען — דא האב איך פערמאכט מיינע ביכער, אוועקגעלעגט די כתבים אין א זייט און בין אויפגעשטאנען.

נאך א האלבער שעה געהען מיר שוין איבער דעם „אויסערען שטאדט־גראבען" און איבער דער „קייזער־ווילהעלם־שטראסע" — און דער יוד האלט אין איין רעדען.

מיר זענען ביים פראפעסאר און ביים קאנסול — און דאס מויל האט זיך איהם נאך נישט פערמאכט.

מיר זענען אקעגען אוועגד שוין ווידער ביי מיר אינדערהיים — און ער רעדט נאך אלץ אין איין אימפעט.

אבער וואס איך וואלט אנפאנגס קיינמאל נישט געגלויבט, דאס איז

געשעהן: דער דאָזיגער מאַן, אין דער צייט, וואָס איך בין געווען בעשעפטיגט מיט איהם און מיט זיינע עסקים, האָט מיך איינציגווייז געלאָזט פערגעסען ווי עקעלדיג ער איז מיר געווען אָנפאַנגס מיט זיין אויסזעהן און מיט זיין רעדען און האָט אויפגעהערט מיר צו זיין לעסטיג. פון מינוט צו מינוט איז ער מיר געוואָרען אַלץ מעהר מקורב. אַקעגען אָוועגד, ווי מיר זענען געווען ביי מיר ווידער אינדערהיים בין איך שוין געווען צוגעוועהנט צו איהם.

און איך זיץ מיר ווידער פאַר מיין שרייב־טיש איבער מיינע ביכער און כתבים, און איהם לאָז איך זיצען הינטער מיר און רעדען און דאָס שטערט מיר גאָרנישט מעהר. טיילמאָל הער איך וואָס ער רעדט; טיילמאָל אָבער הער איך אפילו נישט. ער פּלוידערט און פּלוידערט און איך זיץ און טהו מיר מיין אַרבייט.

פּלוצלינג הער איך עטליכע ווערטער: „אברהם גדליה איז זיך אוועקגעפאָהרען“. ווי עס ווייזט זיך אויס, האָבען זיך די דאָזיגע ווערטער אַרויסגעשאָטען גלאַט אַזוי פון זיין מויל, נישט אָנגעהערענדיג זיך מיט דעם, וואָס ער האָט גערעדט פריהער. אין לויף פון רעדען האָב איך מיר משער געווען, אַז אברהם גדליה איז זיין עלטסטער זוהן. — „איז זיך אַוועקגעפאָהרען קיין אַמעריקאַ. מען זאָגט, ער איז זעהר רייך געוואָרען. צוריק דאָס אייגענע, פאַרוואָס נישט? זאָל ער! האָט איהר נישט קיין שוועבעלע ביי זיך, אַ פּאַפּיראָס אָנצוצינדען? ער האָט אַוודאי זיינע ק״ן אלף קערבלעך! איך נעהם זיי חלילה ביי איהם נישט אַוועק! חלילה, חלילה! האָט איהר נישט קיין שוועבעלע? ער איז אַ טפש! פאַרוואָס בעהאַלט ער זיך פאַר מיר? טהוט אַזוי אַ זוהן, אַנ׳עלטסטער זוהן, זיין אַלטען קראַנקען טאַטען? און נאָך דערצו ווייסט ער דאָך, אַז נאָך דער שרפה ביי אונז בין איך זעהר אַראָבגעקומען! אין מיין קראָם וועט איהר נישט געפינען קיין הונדערט שטיקלעך סחורה. דעם פונפצעהנטען נאָוועמבער האָב איך אַ וועקסעל צו צאָהלען: דרייהונדערט מיט זעכצעהן רובעל. האָט איהר נישט נאָך אַ שוועבעלע? אַ חכם להרע איז ער פון תמיד אָן געווען; ער האָט פון תמיד אָן ליעב געהאַט נאָר זיין אייגען נפש און זיין אייגען בייכעל. דער פּאַפּיראָס איז פייכט, ער ברענט נישט מעהר“.

איך האָב איהם פאַרגעלעקט מיין טעשעל מיט פּאַפּיראָסען.

— איז מיר געבליבען אַזוי גרויס ווי משה זלמן. אָבער ער איז נאָך גאָר אַ יונגעל. חוץ מזה זיצט ער נאָך אויפ'ן שווער'ס קעסט. גם לאָזט איהם זיין ווייב נישט זיין אַ צו גרויסער געבער. און פאַרט, ווען נישט ער, וואָלט איך היינט נישט געהאַט אין מיין קרעמעל אפילו קיין איינציג שטיקעל סחורה! מיט זיין שווער האָב איך אַ דין־תורה. האָט איהר נישט אַ גלאָז וואַסער צום טרינקען? איך בין דורשטיג. דער פּראָפעסאָר האָט מיר אָנגעזאָגט, נישט צו טרינקען קיין נישט־געקאָכט וואַסער. יאָ, וואָס האָב איך געוואָלט זאָגען? מיט זיין שווער האָב איך אַ דין־תורה. אדרבה, זאָגט איהר, איהר זענט דאָך אַ קלוגער, ווער פון אונזביידע איז גערעכט?"

ווער פון ביידע ס'איז גערעכט, האָב איך איהם נישט געקאָנט זאָגען, דען ער האָט פלוצלינג איבערגעהאַקט זיינע רייד.

און אַזוי זיצט ער און רעדט און רעדט אָהן אַנ'אויפהער און איך זיץ געבוידגען איבער מיינע פּאַפּירען און הער כמעט קיין איינציג וואָרט נישט. איך הויב אָן מינוטען־וויוז צו פערגעסען, אַז עמיצער איז דאָ ביי מיר אין שטוב. פלוצלינג פליהען מיר פאַרביי פאַר די אויערען עטליכע נייע ווערטער:

„בנוגע צו מנחם־מענדלען זאָג איך נאָכאַמאָל, וואָס איך האָב שוין געזאָגט מאָה פעמים ואחת: איך בין אין דער גאַנצער מעשה נישט שולדיג. ער איז מיר אַלעמאָל ליעבער געווען פאַר זיין עלטסטען ברודער און אויך פאַר דעם יונגסטען. אַזאַ מענש, אַ דימענט, געפינט מען נישט צווישען טויזענדער. אָבער וואָס האָב איך געקאָנט טהון? ס'איז דאָך וועגען אַ מצוה! . . . " איך האָב אָנגעהויבען האָרכען. „ס'איז דאָך אַ בפירוש'ער דין. האָב איך איהם געזאָלט לאָזען עובר זיין אויף אַ דין? אַז ער האָט פון זעלבסט זיך נישט געגומען צו דער זאַך, האָב איך מיך געמוזט דערצו נעהמען! איך בין דאָך ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר אַ טאַטע! דערויף זעגען מיר דאָך יודען! דערפאַר איז עס דאָך אַ מצוה! אָבער ער איז געווען אַ טפש! אַ שוטה איז ער געווען! אַ שוטה, זאָג איך אייך, אַ שוטה! אַז

איך זאָג אַ שוטה, קאָנט איהר מיר גלויבען! און באמת גערעדט, איז דאָ אַ גרויסע נפקא־מינה — דאָס ווייב אָדער יענץ ווייב?"

איך האָב דעם קאָפּ צו איהם אומגעקעהרט. די זאַך האָט מיך אָנגע־הויבען צו אינטערעסירען.

„און יעצט וואו געפינט זיך דער דאָזיגער זוהן אייערער?" האָב איך איהם געפרעגט, נאָר אום עפּעס וואָס צו פרעגען און איהם נישט צו לאָזען שפּרינגען פון דעם געגענשטאַנד צו אַנ'אַנדערען.

„וואו?! אדרבא איך פרעג אייך וואו? איהר ווייסט עפּעס? און ווי איהר ווייסט נישט, אזוי ווייס איך נישט! דאָס איז עס דאָך, וואָס לאָזט מיך נישט שלאָפען גאַנצע נעכט! — אוועק, פערשוואונדען און נישט דאָ איז ער! אָבער איך בין נישט שולדיג. איך בין דאָך אַ יוד. ס'איז דאָך אַ מצוה־זאַך געוועןֹ! — אָבער ער איז אַ שוטה געוועןֹ! — און פּאָרט, ווען איך ליג ביינאַכט אַליין און קלער אַריין דערין, קען איך נישט מעהר אַנט־שלאָפען ווערען . . . "

האָט זיך עס מיר נאָר געדאַכט, אז די שטימע פון דעם דאָזיגען רוי־הען מענשען האָט געציטערט ביים רעדען? איז עס מעגליך, אז אויך אונטער דער דאָזיגער רויהער שאָל איז פאַרהאַנען אַ האַרץ, און דאָס דאָזיגע האַרץ ציטערט און גרימט זיך און ציהט זיך, ווען ס'טהוט איהם וועה?. . .

„ס'איז אַ מענש געוועןֹ, ווי מען געפינט נישט זיין גלייכען צווישען טויזענדער און צעהנטויזענדער" — האָט ער ווייטער גערעדט. „ביי אונז אין בית־מדרש האָט מען איהם אפילו גערופען „מענדעל דייטש", אָבער וואָס איז שייך צו זאָגען? חלואי זאָלען אַלע יודען זיין אזעלכע כשר'ע יודען ווי ער. ער האָט נאָר אַביסעל מקפיד געוועןֹ אויף די ריינקייט פון זיינע מלבו־שים און האָט געקאָנט גוט פּויליש רעדען. ער האָט פאַר דעם גאַנצען שטעד־טעל די בריעף געשריבען. ווער ס'האָט בעדאַרפט אַ בריעף צו אַ סוחר אָדער אַ בריעף צו אַ כלה, האָט געמוזט אַנקומען צו איהם. אַ מושלם איז ער געוועןֹ, זיין כתב־יד איז אפילו געוועןֹ נישט אזוי שטאַרק שעהן, אָבער אַלע האָבען געזאָגט, אז דאָס וואָס ער שרייבט אָן איז ווי . . . וואָס זאָל איך אייך זאָגען? ווי פּערעל! גם אז ער האָט גערעדט, האָבען זיך פּערעל גע־גאָסען פון זיין מויל. און אַ האַרץ האָט דאָס געהאַט — אזאַ גאָלדען האַרץ

איז גאָר אויף דער וועלט נישט פאַרהאַנען. כל זמן ער האָט געהאַט אַ רובעל אין קעשענע, האָט געקומען ווער עס האָט נאָר געוואָלט נעהמען. אַלע האָבען איהם ליעב געהאַט. ווי אַ בן-מלך האָט ער אויסגעזעהן, ממש ווי אַ בן־מלך. . . ״

און איך זיץ און הער זיין געפּלוידער און ווי עס שיט זיך פון איהם ווי אַ גאָס־רעגען — און פאַרטראַכט זיך אַביסעל. אַ שעהנער יונגער מענש האָט עס געמוזט זיין. שעהן, ריין און ציכטיג אָנגעטהון און זיס און ליעבליך צו יעדען מענשען. ווי עס ווייזט זיך אויס, גאָר אַביסעל פערכאַפּט אין די „ביכלעך״. און איינער אַליין אין גאַנצען שטעדטעל, און קיינער ווייסט נישט, וואָס עס קומט־פאָר אין זיין נשמה. אַ בלימעל אין אַ וויסטער מדבר, וועלכעס שפּראָצט און בליהט און וואַקסט און ווערט פערוועלקט, און קיינער ווייסט נישט פון זיין בליהען אַזוי ווי קיינער ווייסט נישט פון זיין פערוועלקט־ווערען . . . פּלוצלינג האָב איך געפּיהלט. אַז עס ווערט מיר וואַרם, און אַ משונה׳דיג רחמנות האָט מיך אָנגענומען צו אַ מענשען, וועלכען איך קען גאָרנישט.

„און זיין ווייב שרה־מלכה״, הער איך מיין יוד ווייטער רעדען — „האָב איך דען חלילה עפּעס צו איהר? אַלע גויים, וועלכע זענען אַריינגעקומען צו זיי אין קראָם אַריין, האָבען פּראָסט קיין אויג פון איהר נישט אַראָפּגענומען. נישט אַראָפּגענומען — טאָ נישט אַראָפּגענומען. וואָס אַהרט מיך דאָס? אָבער דער עיקר איז, וואָס זיי, דאָס פּאָר־פּאָלק, האָבען צווישען זיך געלעבט בשלום ובשלוה. יאָ, איך וויל נישט לייקענען. בשלום ובשלוה האָבען זיי געלעבט! שלום־בית האָבען זיי געהאַט! אַז איך זאָג שלום־בית, איז שלום־בית. דאָס איז אמת: אַ גרויסער שטאַרקער שלום־בית! דאָס גראָד וויל איך נישט לייקענען. שלום־בית האָבען זיי געהאַט . . . וואו איז דאָ מזרח?״

דאָס וואָרט „שלום־בית״ האָט מיך מאָדנע בעריהרט. אַ סטרונע האָט אין מיין האַרץ געציטערט.

איך זיץ און רויכער מיר מיין פּאַפּיראָס, און ווען די געהערטע ווערטער, וועלכע האָבען זיך ווי אַ שטראָם געגאָסען, האָבען זיך אַביסעל גלייכגעלעגט אין מיין מוח האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט אַ מערקווירדיג בילד, אַ

בילד וועלכעס קאָן דאָס הארץ דערוואַרמען און די נשמה העכער הויבען:
—א גוטער, הארציגער יונגערמאַן מיט א הארציגער, שעהנער פרוי. אלע, וועלכע זעהען די פרוי, מוזען שטעהן בלייבען און זי אַנגלאָצען מיט אויפ־געריסענע מיילער. און דאָס פאַר־פאָלק האָט זיך ליעב געהאַט מיט אַן'אמת'־ער, ריינער ליעבע. דאָס רופען דאָך אַן אַזעלכע מענשען „שלום־בית", א „גרויסען, שטאַרקען שלום־בית". און ליכטיג און ציכטיג איז אומעטום אין הויז, עס שמעקט מיט שטילקייט און צופרידענקייט פון יעדען ווינקעלע. קליינע מלאָכים'לעך פליהען אונגעזעהנערהייט ארום אין יעדען קאַנט. וואָס פעהלט אַזאַ הויז צו זיין גליק? . . .

„ס'איז דאָך אָבער א מצוה!" הער איך פּלוצלינג די רויהיגע שטימע פון מיין יוד. די שטימע גיט א פאָהר ווי א שטורם־ווינד איבער יונגע בלי־מעלעך, און מיר שטעלען זיך באַלד פאָר אין דער פאַנטאַזיע אַלע מיני אונ־דערבאַרעמדיגע אינסטרומענטען, וואָס די אינקוויזיציע האָט אויסגעקלערט — „ס'איז דאָך א בפירוש'ער דין. אדרבא, זאָגט איהר אַליין. מיר האָבען דאָך אויך געוואָרט דאָס גאַנצע עלפטע יאָהר. מיר האָבען געמיינט, אפשר וועט זי אין דעם יאָהר עפּעס א קינד האָבען . . ."

איך האָב געפיהלט אַ שטאָך אין הארצען. איך האָב געוואוסט, אַז דער שטורם קומט אָן און די קאַטאַסטראָפע וועט באַלד אויסברעכען, נאָר גע־וואוסט האָב איך נאָך נישט אויף קלאָר, ווי און וואָס וועט זי זיין.

„אדרבא" הער איך איהם רעדען, און דאָסמאָל, דאַכט זיך, זענען די ווערטער נישט מעהר אַזוי גיך און שטורמיש און מיט אַזאַ אימפעט ארויס פון זיין מויל — „זייט מוחל און קוקט אַליין נאָך מסכת כתובות, דף . . . דף . . . האָט איהר נישט דאָ אין אייערע שאַפעס א ש"ס? יאָ: דף מ"ז איז עס. אויך אין פרק הבא על יבמתו". דף ס"א; דאָס געדענק איך קלאָר, אַז עס איז דף ס"א. קוקט נאָך אויך דעם טור הלכות אישות . . . א שאָד, וואָס עס איז נישט פאַרהאַן ביי אייך קיין טור" . . .

„פאַרהאַנען", האָב איך געענטפערט כמעט געגען דעם אייגענעם ווי־לען.

און שוין איז ער געשטאַנען פאַר די ספרים און האָט ארויסגעשלעפּט דעם טור. „יאָ, הלכות אישות איז עס, יאָ, יאָ, הלכות אישות" . . . און רע־

רענדיג האָט ער געמישט דערוויל אינ׳ם ספר — „יאָ יאָ . . דאָס איז עס: סימן קנ״ד . . . זעהט אַליין״ . . . פּלוצלינג אָבער האָט ער דאָס ספר אוועקגעלעגט. „ניין, שרייט ער, בעסער נאָך נאָכצוקוקען אין רמב״ם אַליין״, און שוין זוכט ער זיך דעם רמב״ם צווישען די ספרים אויף דער וואַנד — „אָט דאָ איז ער! קוקט אַליין. דאָ איז עס, פּרק ט״ו. זעהט אַליין, ווי ער זאָגט בפירוש: נשא אשה ושהתה עמו עשר שנים ולא ילדה האָט ער גענומען אַ ווייב און האָט געוווינט מיט איהר צעהן יאָהר און זי האָט קיין קינדער נישט געהאַט, הרי זה יוציא ויתן כתובה, זאָל ער זי מוציא זיין, דאָס הייסט גט׳ען, און איהר געבען אַ כתובה, או ישא אשה הראויה לילד אָדער ער זאָל חתונה האָבען מיט איינער, וועלכע קאָן האָבען קינדער. ואם — איהר זעהט? — ואם לא רצה להוציא, אַז ער וויל זי נישט גט׳ען, כופין אותו ומכין אותו בשוט עד שיוציא, צווינגט מען איהם און מען שלאָגט איהם מיט אַ רוט ביז ער וויל געבען אַ גט. איהר הערט ווערטער? כופין אותו ומכין אותו בשוט עד שיוציא, מען נייט איהם און מ׳שלאָגט איהם מיט אַ רוט ביז ער וויל געבען אַ גט . . . אַזוי שטעהט בפירוש״ — אַ מין זיפץ, אַנ׳עדות, אַז יעצט איז איהם לייכטער געוואָרען, האָט זיך געהערט פון איהם. און פּלוצלינג: „וואו איז דאָ מזרח? האָב איך געפרעגט״.

ער האָט זיך די הענד געוואַשען און האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער וואַנד צו מזרח־זייט מנחה דאַווענען, און איך בין געבליבען פער׳חלומט אויף מיין אָרט זיצען, רויכערענדיג אַ פּאַפּיראָס נאָך אַ פּאַפּיראָס.

ט עפּע שאָטענס האָבען זיך צעלאָזען איבער דער שטוב, די שאָטענס האָבען געפלאַטערט איבער די ווענד און מיין האַרץ האָט מאָדנע מיטגעפלאַטערט. די טונקעלע שאָטענס און די איינצעלנע פערבלאָנדזשעטע טעגער פון דעם יוד, וועלכער דאַווענט, האָבען מיין האַרץ מאָדנע שווער געמאַכט. די טונקעלהייט ווערט אַלץ שטאַרקער, און מיין האַרץ קרימט זיך אונטער יענעם שרעקליכען געדאַנק, וועלכען איך האָב שוין נישט איינמאָל און נישט צווייטאָל געטראַכט: וואָס איז טייטש אַ מצוה? וואָס קומט פאָר אין דער נשמה פון׳ם יודען, בשעת ער טהוט זי? טהוט ער זי, ווייל ער פיהלט צופיעל? אָדער טהוט ער זי, אדרבא, ווייל ער פיהלט

שוין גאַרנישט מעהר? אָט לעבט זיך אַ פּאָר־פאָלק ווי די צוויי טויבען, בשלום ובשלוה, פּלוצלינג שטרעקט זיך אַ האַנד אויס, וועלכע מאַכט חרוב אַ טאָפּעל־לעבען און פערגיסט דאָס אונשולדיגסטע, ריינסטע בלוט. ווער ערלויבט אַ מענשען אַזאַ רציחה צו בעגעהן? . . . עס קלעבט בלוט אָן זייער האַנד און זיי שפּירען עס נישט. זיי מאַכען חרוב משפּחות און ווייסען נישט, זיי הרג'ענען מאַן און ווייב און פערשטעהען ניט. ווער גיט די דאָזיגע מענשען דעם כח צו נייטען און צו שלאָגען מיט ריטער דעם מאַן, וועלכער האָט ליעב זיין ווייב, ביז ער גיט איהר אַ גט געגען זיין ווילען?...

„אַ שוטה איז ער געוועזן" — די דאָזיגע ווערטער האָבען מיך פּלוצלינג אַרויסגעריסען פון מיינע חלומות; איך האָב גאָרנישט בעמערקט געהאַט, אַז מיין יוד האָט שוין געענדיגט זיין דאַווענען און זיצט שוין ווידער נעבען מיר און רעדט. — „אַ שוטה זאָג איך אייך. אַ גוטע נשמה אפילו, נאָר אַ שוטה. אדרבא, זאָגט איהר אַליין: ער האָט עטליכע מאָל זיך געפּרובט מיר צו בעווייזען, אַז ס'איז פאַרהאַן צווישען די פּוסקים אויך אַזעלכע, וועלכע זענען מקיל. אָט למשל דער „הגהות מיימוניות", אויף דעם אייגענעם דף. אַ שאָד וואָס עס איז שוין אַביסעל פינסטערליך און איהר קאָנט נישט זעהן. אָט דאָ איז עס. איהר הערט? —: והנה לא חילוק בין ארץ־ישראל לחוץ־לארץ, ער האָט נישט קיין חילוק געמאַכט צווישען ארץ־ישראל און חוץ־לארץ"; ניין, נישט דאָ. אָט איז עס: וכתב עוד דאין כופין להוציא אפילו בארץ־ישראל, און זינגט נאָך, אַז מען נייט נישט צו גטען אפילו אין ארץ־ישראל אַליין, מהא דגרסינן, פון דעם וואָס מען איז גורס, מיום שחרב בית המקדש דין הוא, זייט ס'איז חרוב דער בית־מקדש וואָלט זיין רעכט, שנגזור על עצמנו, מיר זאָלען אויף זיך גוזר זיין, שלא לישא אשה ושלא להוליד בנים, נישט חתונה צו האָבען און נישט קיין קינדער צו האָבען, אלא שאין גוזרין על הצבור, נאָר מען איז נישט גוזר אויף צבור, אלא אם כן רוב הצבור יכולין לעמוד בה אַזוי לאַנג ווי דער רוב צבור קען דערויף נישט בעשטען, הילכך לכל־הפּחות אין כופין להוציא אפילו בארץ־ישראל, דעריבער וועניגסטענס נייט מען נישט צו גט'ען אפילו אין ארץ ישראל אַליין. אַזוי ווייט ברענגט דער אביאסף. אָבער . . ."

שטיל זיץ איך נאָך און טרויעריג, ווי איך בין געזעסען, און פאַר מיי־נע אויגען שטעלט זיך פאַר די געשטאַלט פון דעם יונגען מענשען, וועלכער, ווי עס ווייזט זיך אַרויס, האָט נאָך געפּרובט אין זיינע צרות צו ראַנגלען זיך און זוכען הילף ביי די דאָזיגע פּוסקים, וועלכע זענען עטוואָס מקיל. — מיין האַרץ איז אין מיר מיט יעדער מינוט אַלץ מעהר און מעהר פערקלעמט גע־וואָרען.

מיין יוד, ווי ער האָט געזאָגט דאָס וואָרט „אָבער”, איז פּלוצלינג ווי־דער אַהינגעלאָפען צו דער שאַפע און האָט געבראַכט אַ ניי ספר.

„אָבער”, הער איך איהם — „דער טור, קנ”ד, זאָגט בפירוש — איהר זעהט ? —:כתב אדוני אָבי הרא”ש ז”ל, מיין טאַטע, דער רא”ש זכרונו לברכה, שרייבט : יש אומרים שבחוץ־לארץ אין כופין להוציא אחר יו”ד שנים, אַ טייל זאָגען, אַז אין חוץ־לארץ נייט מען נישט צו גט’ען נאָך צעהן יאָהר ולא מסתבר להורות כן, ס’איז נישט רעכט אַזוי צו פּסקנ’ען. — נו, וואָס וועט איהר יעצט זאָגען ?”

ער האָט אַ זיפץ געגעבען ווי אַ מענש, וועלכען ס’איז אַראָב אַ שווע־רער שטיין פון’ם האַרצען. ווער ווייס ? אפשר איז אויך אויף דעם האַרץ געלעגען אַ שטיין, און אַז ער האָט געפונען עפּעס אַ סמך ביי אַ מחמיר, האָט ער אָבגעאָטעמט און האָט זיך לייכטער געפיהלט.

„און איהר ווייסט דאָך”, האָט ער יעצט געזאָגט ווידער גיך און נער־ווען — כל המוסיף נפש אחת לישראל כאילו בנה עולם, ווער ס’איז מוסיף איין נפש מעהר צו די יודען, איז ווי ער וואָלט אויפבויען אַ וועלט. און ווי גרויס די חומרא איז זעהען מיר אויך דערפון : הוא אומר, הפילה בתוך עשר, כדי שישהה עמה, אַז ער טענה’ט, זי האָט מפּיל געווען אין די צעהן יאָהר, כדי ער זאָל קאָנען בלייבען וואוינען מיט איהר, משביעה שבועת היסת שהפילה גיט מען איהר אַ שבועת היסת, אַז זי האָט באמת’דיג געמ־פּיל’ט. די זאַך איז אַ זעהר האַרבע, אַ האַרבע עבירה . . . קאָן איך דאָ נישט קריגען יודיש ברויט און הערינג ?”

אין דער מינוט האָט דער מענש ביי מיר אויסגעוויזען ווי אַ רוצח, וואָס בשעת ער הרג’עט אַ מענשען, שטעהט ער און קנאַקט רוהיג ניסלעך.

„נו וואָס", האָב איך פּלוצלינג אויסגערופען און האָב מיך אויפגע־כאַפּט פון מיין בענקעל — „האָט אייער זוהן באמת זיין יונג, שעהן ווייב אַ גט געגעבען או זי געפּטר'ט ביי זיין גאַנצער ליעבשאַפט?"

„אויב ער האָט איהר אַ גט געגעבען?" — האָט ער געענטפערט — אלא ווי דען מיינט איהר? דערויף איז ער דאָך אַ יוד! אָבער אַ שוטה, זאָג איך אייך, איז ער פאַרט געוועזען, אַ שוטה זאָג איך אייך, אַ שוטה מופלג. אָנפאַנגס האָט ער נישט געוואָלט. איך האָב יעדען טאָג מיט איהם איבער־גערעדט און האָב איהם קיין רוה נישט געלאָזען. מיר זענען דאָך יודען. ס'איז דאָך אַ מצוה. און ער האָט מיך אַלץ מדחה געוועזען פון טאָג צו טאָג. ס'איז נאָך צייט, האָט ער יעדעסמאָל געזאָגט, ס'איז נאָך צייט דערפון צו רעדען. אפשר וועט השם יתברך געבען און זי וועט טראָגעדיג ווערען. און איך — וואָס טהוט דען אַלץ נישט אַ טאַטע פאַר זיין קינד? איך האָב גע־וואַרט. וואָס זאָל איך אייך דאָ לאַנג בריינען? איך האָב געוואַרט דאָס גאַנ־צע עלפטע יאָהר. און ער . . . ער, וואָס זאָל איך אייך דאָ דערצעהלען אַלע נאַרישקייטען, וואָס ער האָט געפּרובט אַקעגען מיר? . . . צום סוף האָב איך מיר גענומען צו־הילף אויך אונזער שטאָדט־רב, אונזער שטאָדט־רב איז אפילו נישט קיין גדול, איך האָב פיינד צו זאָגען, אָבער אַ יוד אַ צדק, אַ טהור איז ער. טאָג און נאַכט האָבען מירביידע געאַרבייט מיט איהם. די וועלט איז נישט הפקר. און בפירוש שטעהט דאָך: כופין אותו ומכין אותו בשוט עד שיוציא, מען נייט איהם און שלאָגט איהם מיט אַ רוט, ביז ער גיט גט. אָבער רעדט אייך נישט איין, אַז ס'איז לייכט אָנגעקומען. דע־רויף איז ער דאָך אַ שוטה, אַן עקשן. נאָר צום סוף איז ער מרוצה געוואָ־רען . . ."

מיין האַרץ האָט זיך איין מיר אַ וואָרף געטהון.

„דער רב האָט געשיקט, רופען זי. אָבער דאָס איז עס דאָך, וואָס איך טענה, אַז ער איז אַ שוטה געוועזען! דער שוטה, ווי עס ווייזט זיך אויס, האָט איהר פריהער קיין וואָרט נישט געזאָגט פון דער גאַנצער מעשה. ער האָט נישט געוואָלט זי מצער זיין, און דעריבער האָט ער נישט געזאָגט — אַזוי האָב איך פון זיין אייגען מויל געהערט. איז זי געקומען צו געהן, כלל וכלל

נישט וויסענדיג וואָס עס וועט דאָ געשעהן. דאָ . . . איך האָב דאָך איך געזאָגט, אַז זי איז תמיד געוועזען אַ געזונדע, הלואי זאָל איך שוין זיין אַזוי געזונד ווי זי איז געווען. אָבער אַנ׳אשה איז פאָרט נאָר אַנ׳אשה, צופיעל קלוג איז זי בודאי קיינמאָל נישט געווען. ווי ער האָט איהר דערלאַנגט דעם גט, איז זי אין חלשות געפאַלען . . . און ער . . .״

פלוצלינג איז ער שטיל געבליבען. — מיר דאַכט זיך, אַז זיין שטימע האָט זיך ביי איהם פלוצלינג איבערגעביטען.

„קאָן איך אפשר דאָ קריגען יודיש ברויט מיט אַ הערינג?״

און באַלד דערויף:

„זי האָט לאַנג געקרענקט, צום סוף זענען געקומען די עלטערען און האָבען זי צוגענומען. און ער . . . ער האָט געהאַט אַ „מיחוש״ און איז וואַ־בענלאַנג אויף די לופט נישט ארויסגעקומען, פלוצלינג האָט ער זיך אויפ־געהויבען און איז אַוועק, און האָט מיט קיינעם זיך נישט געזעהן פאַר׳ן אַוועקפאָהרען. מען זאָגט, ער איז אַוועק קיין לאָנדאָן, אָבער קיינער ווייסט נישט קלאָר . . . ווער איז איהם דען שולדיג, אַז ער איז געוועזען אַ שוטה?״

און דאַן פלוצלינג: „ס׳איז עפּעס וויט פון דאַנען קיין לאָנדאָן?״

דאָסמאָל האָב איך קלאָר דערקענט, אַז זיין שטימע האָט ביי איהם גע־ציטערט.

אין שטוב איז די פינסטערניש אַלץ מעהר און מעהר געקראָכען אויף די וואַנד, ביז עס איז גאָר אינגאַנצען פינסטער געוואָרען. איך בין געזע־סען און האָב געפיהלט, ווי ס׳וואָלט מיר קערפּערליך עפּעס וועה טהון. דאָס בילד פון אַ יונגען מענשען און אַ יונגער־פרוי, וועלכע איך האָב קיינמאָל נישט געזעהן, האָט זיך מיר געשטעלט פאַר די אויגען. מינוטענווייז האָב איך געמיינט, אַז נישט אין דער פאַנטאַזיע זעה איך זיי, נאָר אויף דער וואָהר.

דאָס דיענסט־מיידעל האָט אַריינגעטראָגען דעם לאָמפּ און עס איז אין שטוב ליכטיג געוואָרען.

אין מיין הארץ אָבער איז קיין ליכט נישט געוועזן.

דער יוד איז געזעסען ביים טיש און האָט געגעסען זיין ברויט און געקייעט זיין הערינג און האָט אויסגעזעהן ווי איינער, וואָס דאָס גאַנצע

געהט איהם גאָרנישט מעהר אָן — איך האָב נישט געקאָנט איהם קוקען מעהר אין פּנים אַריין.

אויך ביינאַכט האָב איך נישט געקאָנט רוהען און האָב נאָר געקלערט און געקלערט.

און אויך נאָכדעם ווי דער יוד איז שוין אַוועק פון מיר, האָב איך נישט אויפגעהערט צו קלערען.

## ער איז נפטר געוואָרען

איך געדענק אַ זומערטאָג אַלס קינד. פריש און ליעבליך איז געווען דער טאָג און דער זומער איז געשוואומען דורך די בלויע לופט אריין אין מיין הארץ . . .

און געצויגען האָט עס מיך אַרויס, אַרויס, אין דעם גרינעם וואַלד אריין. מיין מאַמע אָבער האָט געזאָגט שטרענג און פעסט: אין דעם חדר, יוסי'ל, אין דעם חדר אריין!"

איך האָב די אויגען אויפגעהויבען און האָב אָנגעקוקט מיין מאַמע. איך האָב געזעהן, אַז דאָ איז גאָרנישט וואָס צו מאַכען, איהר פּנים איז געווען ערנסט און איהר בליק שטרענג. זי האָט זיך אויפגעהויבען פון דעם שפּיגעל־טישעל, וואו זי האָט זיך צורעכטגעמאַכט איהר האָרשייטעל, און האָט מיר דערלאַנגט מיין בייגעל מיט פּוטער, בעלעגט מיט ווייסע און געלע שטיקעלעך איי, און האָט שטרענג און קורץ איבערחזרט: „אין חדר, אין חדר אריין!"

און איך בין געגאַנגען . . .

שמעקענדיג און זיס איז געווען די לופט, און דער זומער איז אַרומ־געשוואומען אומעטום. דאָ, אויף דעם אייגענעם אָרט, וואו דורך די לופט פלאַטערען יעצט אַרום די ווייסע ברעקעלעך שניי, זענען פויגעלעך אַרומגע־פלאַטערט און האָבען געטשוויטשערט און געטרעלט.

„אין חדר אריין!" — האָבען מיר נאָך אַלץ געקלונגען אין די אויע־רען די ווערטער פון מיין מאַמען. איך האָב אַ זיפץ געטהון און בין גע־גאַנגען.

און ווי איך בין איבער'ן בריקעל אַריבערגעקומען, האָבען מיינע אויגען דערזעהען די גרינע בוימער פון דעם וואַלד, וואָס זעהט זיך אַרויס באַלד הינטער דעם שטעדטעל. אַך, ווי האָבען די בוימער געוואונקען צו מיר! אַך, ווי האָבען זיי מיך גערופען!

זאָל איך ? זאָל איך נישט ? . . .

מיין יונג קעפּעל האָט אָנגעהויבען צו קלערען און צו פילאָזאָפירען. געוואוסט האָב איך עפּעס די מעשה פון דעם יצר טוב מיט דעם יצר הרע; אָבער געדאַכט האָט זיך מיר אַלץ, אַז דער יצר טוב טאַקי איז עס, וועלכער שלעפּט מיך אין וואַלד אריין.

נאָך פאַרבייגעהענדיג פאַר דער שוהלגאַס, האָב איך געוואָלט זיך דאָרט אריינדרעהען און פון דאָרט אין דעם חדר אריין. איך וויים אָבער נאָך ביז היינט נישט, ווי די מעשה איז אייגענטליך געשעהן: פּלוצלינג האָב איך דערזעהן, אַז איך געה גאָר דורך די זאַמדגאַס, ווייטער ווייטער, פּונקט אַהין צו דעם וואַלד. אַ פּאָר מינוט שפּעטער בין איך שוין געוועזען דאָרטען.

און דער וואַלד האָט גערוישט איבער מיין קאָפּ און דער הויך ארום מיר איז געווען טונקעל און שטיל. עפּעס ווי סודות האָבען געשטעקט אין דער לופט — און איך האָב געהאָרכט און געהאָרכט. ביסלעכווייז האָט זיך דאָ און דאָרט בעוויזען אַ שיינדעל פון אַ לאַכעדיגער זון, און באַלד ווידער, אַז איך בין געגאַנגען אביסעל ווייטער, איז שוין ווידער געווען טונקעל און שטיל. טויזענד מיקען און קליינע פליגעלעך זענען מיר ארומגעשוואומען הארט פאַר די אויגען און האָבען געשושקעט און האָבען זיך געסוד'עט — און איך בין מיר אַלץ געגאַנגען ווייטער און ווייטער.

ווי אַן אַ טויטען האָב איך געהאַט אַן דעם חדר פערגעסען.

אַלע וועגען און אַלע קרומע און גלייכע שטעגלעך זענען מיר גוט בעקאַנט געווען נאָך פונ'ם פאַראיאָהריגען לג־בעומר, און איך בין מיר געגאַנגען אַלץ ווייטער. איך האָב מיר אויסגעטהון מיין קאַפּאָטקעלע און מיין וועסטעל, און האָב זיי גענומען אויפ'ן אָרעם, און האָב אָנגעהויבען לויפען האלב נאַקעט און באָרפיס. אין אַ גרינעם ווינקעל האָט זיך מיר ענטדעקט פּלוצלינג אַ גאַנצער אוצר מיט שוואָמען, און איך האָב מיך אראָבגעבויגען, זיי אויפצוהויבען. פּלוצלינג האָב איך געהערט אַ געזאַנג אין וואַלד און האָב מיך אומגעדרעהט — איך האָב געמוזט לאַכען, ווי איך האָב מיך ארומגעזעהן, אַז איך אַליין בין דער זינגער און האָב עס אַליין נישט געוואוסט. און

ווידער האָט זיך מיר בעוויזען אין אַ גרינעם ווינקעל אַ גאַנצער אוצר מיט שוואַרצע יאַגדעס, און איך האָב מיך איינגעבויגען זיי אויפצוהויבען. פּלוצ־לינג האָב איך אין וואַלד געהערט אַ פּייפען, אַזוי שעהן און אַזוי זיס, און דאָס איז שוין נישט געווען איך אַליין; דען ווי איך האָב אויפגעהויבען די אויגען, האָב איך געזעהן פאַר מיר פערביילויפען אַ קליין שייגעצעל מיט אַ גרויסער לאַנגער בייטש. נישט ווייט פון איהם האָב איך געזעהן אַ געלע קוה מיט אַ גלעקעל, אַנגעהאַנגען אויף אַ רויט בענדעל. אַביסעל ווייטער איז געזעסען אַ מיידעלע און האָט זיך געפלאָכטען אַ קרענצעלע. דערנאָך ווי־דער, אַ פּאָר שריט ווייטער, איז שוין ווידער אַלץ געווען טונקעל און שטיל און גרין. אומעטום הויכע, גרינע בוימער, אומעטום גרינער, נידעריגער סכך. איבער די הויכע צווייגען הערט זיך טיילמאָל דאָס קריישען פון אַ קראָה. אַ מינוט לאַנג הערט זיך דאָס קריישען, און פּלוצלינג איז עס ווידער שטיל, פּירכטערליך שטיל. צווישען די בוימער לויפט אַ וויעווירקע גיך. פּלוצ־לינג איז זי ווידער פערשוואונדען, און אַלץ איז שטיל, פּירכטערליך שטיל. „ווי פּירכטערליך איז דאָס דאָזיגע אָרט!" שעפּטשען די ליפּען פון אַ קליין יונגעלע, וועלכער דערמאָהנט זיך גראָד אָן די דאָזיגע ווערטער פון אַ פּסוק — און דאָס קליינע יונגעלע לויפט ווייטער און ווייטער.

און נעבען דעם וואַסערעל, וואָס מורמעלט צווישען די געדיכטע בוי־מער, האָב איך מיך אוועקגעזעצט. איך האָב אויסגעטהון די שטיוועלעך און האָב אָנגעהויבען וואַשען מיינע פיס. אין וואַסער האָט אָנגעהויבען אַ פראָש צו מאַכען אָהן איין אויפהער „קוואַ, קוואַ". און איך האָב זיך פער־טראַכט או פערטראַכט . . . רבונו־של־עולם! וואו בין איך דאָ? וואָס טהוט זיך עס עפּעס מיט מיר? — האַלב ווי אין חלום האָב איך געגעסען מיין בייגעל מיט איי. אַ געדיכטער טומאַן האָט אָנגעהויבען אויפצושטייגען פון דעם וואַסער און במאַרעס האָבען אָנגעהויבען זיך צו לעגען מיר אויף די אויגען. אָרום און אָרום זענען וואָלקענס — און די אויגען זענען מיר אַזוי שווער און די אויערען זענען מיר אַזוי שווער. ווי אַ שטיק בליי האָט אָנ־געהויבען מיין קאָפּ צו זינקען, אַראָב, אַראָב, טיעף ביז אין דעם גראָז אריין ...

און ווי איך האָב מיך אויפגעכאַפּט, איז דער וואַלד געווען נאָך טונ־קעלער און פינסטערער ווי פריהער. די זון האָט שוין געמוזט זיין טיעף, טיעף געזונקען. מיין הארץ האָט אָנגעהויבען פּלוצלינג שטאַרק אין מיר צו קלאַפּען. איך בין געלאָפען אין איין אָטעם אהיים, אהיים.

גרויסע, שווערע טראָפּען שוויים זענען מיר געהאָנגען אויפ'ן שטערען, ווי איך בין אַרויסגעקומען פונ'ם וואַלד. עס איז נאָך גאָרנישט אַזוי שפּעט געווען, ווי איך האָב פריהער געמיינט, און פאָרט האָט זיך מיין הארץ אין מיר געוואָרפען, ווי ביי איינעם, וואָס האָט געטהון אַ מעשה רע. אַ קלייניג־קייט: דער רבי, דאָס חדר און צום סוף גאָר די מאַמע מיט איהרע ערנסטע און קאַלטע אויגען — אַלעס, אַלעס איז מיר געשטאַנען לעבעדיג פאַר די אויגען. איצט ערשט האָט מיר אָנגעהויבען באַנג צו טהון דאָס נאַרישקייט, וואָס איך האָט געטהון. אַ גאַנצען טאָג נישט געווען איך חדר, אַ גאַנצען טאָג זיך אַרומגעדרעהט פּוסט און פּאַסט — — און דאָס וועט דאָך מוזען צו דער מאַמען אָנקומען. ווער ווייס, אפשר איז עס שוין אָנגעקומען? נישט אַנדערש, עס מוז אודאי שוין לאַנג צו איהר זיין אָנגעקומען! . . .

און ווי איך בין צוריקגעלאָפען איבער דער זאַמדגאַס און פאַר דער שוהלגאַס פאַרביי, האָט זיך מיין קאָפּ געדרעהט מיט מיר און עס האָט מיר געשווינדעלט פאַר די אויגען.

אויך איבער דעם בריקעל בין איך שוין צוריק, און ווייטער נאָך — און אַ תירוץ ווייס איך נאָך אַלץ נישט.

זאָל איך זיי ערצעהלען, ווי זיס און ווי ליעבליך עס אין דרויסען, אין דער פרייער לופט?

און ווייטער, און ווייטער נאָך בין איך געלאָפען. איך בין שוין אָנ־געקומען אין דעם שמאָלען געסעל, וואו עס שטעהט אונזער הייזעל.

זאָל איך זיי דערזעהלען, ווי ענג און ווי דושנע עס איז דרינען אין דעם וויסטען חדר?

און ווייטער, און ווייטער נאָך בין איך געלאָפען. איך בין שוין ביי דער שוועל פון אונזער הייזעל. מיין הארץ קלאַפּט אין מיר שטאַרק און עס

שווינדעלט מיר פאַר די אויגען. איך האַלט די האַנד בײַ דער קלאַמקע — אַ מינוט שפּעטער בין איך שוין אין שטוב.

מײַן טאַטע זיצט אויף דער קושעטקע בײַם עק טיש און האַלט דעם „קדושת לוי" אין דער האַנד, און מײַן מאַמע זוכט די שליסעלעך . . .

. . . פאַרוואָס בין איך נישט אַנטלאָפען איידער איך בין דאָ אַרײַנגעקומען? פאַרוואָס בין איך נישט דורך דעם וואַלד דאָרט ווײַטער אַנטרונען ביז אַזש אַראָב צו די הרי־חשך? . . .

„וואו ביזטו געוועזן דעם גאַנצען טאָג? אין דעם חדר?" האָט די מאַמע געלאַסען און מיט אַ שטרענג קול געפרעגט.

מײַן קאָפּ האָט מיר געשווינדעלט און מײַנע אויגען האָבען זיך אויף אַ מינוט פאַרמאַכט . . .

„ער איז נפטר געוואָרען!" האָט זיך מיר אַרויסגעגליטשט פּלוצלינג פון׳ם מויל.

ווען מען זאָגט „ער", ווייסען שוין אַלע, ווען מען מיינט „ער" — דער צדיק פון סמילאָוו.

איך ווייס נאָך ביז אויף דעם הײַנטיגען טאָג נישט, ווי אַזוי דער דאָזיגער געדאַנק איז געבוירען געוואָרען אין מיר. איך ווייס נאָר, אַז ווי איך בין אַזוי געשטאַנען, ציטערדיג און פלאַטערדיג פאַר מײַן מאַמען און מײַנע אויערען האָבען געהערט איהר פראַגע, איז ווי בליץ דורך מײַנע אויערען דורכגעלאָפען דער דאָזיגער אײַנפאַל, און אַליין נישט וויסענדיג וואָס איך רעד, האָבען זיך אויסגעשיט איבער מײַנע ליפּען די עטליכע ווערטער: „ער איז נפטר געוואָרען!" . . .

איך האָב מיך באַלד דערשראָקען פאַר מיר אַליין, פאַר דעם קלאַנג פון מײַנע אייגענע ווערטער, ווי נאָר ער איז אָנגעקומען צו מײַנע אויערען. אין איין מינוט אַרום האָב איך שוין אַרויסגעפיהלט ווי שרעקליך, ווי פירכטערליך דער ליגען איז.

שטיל איז פּלוצלינג געוואָרען אין דער שטוב, שטיל און הייליג ווי אויף אַ בית־עלמין. מען האָט דײַטליך געקאָנט הערען דאָס זשומען פון אַ פליעג.

דער טאַטע איז אויפגעשטאַנען און האָט שוין נישט מעהר געהאַלטען דעם „קדושת לוי” אין דער האַנד. די מאַמע האָט זיך אָוועקגעזעצט און האָט שוין נישט מעהר געזוכט די שליסעלעך.

נאָך עטליכע יודען זענען געווען ביי אונז אין דער שטוב, און אויך זיי האָבען געשוויגען. איינער נאָר האָט אַ טיעפען זיפץ געגעבען און איז מיט דער האַנד אַריבערגעפאָהרען זיך איבער'ן פנים; ער האָט, דאַכט זיך, פאַמעליך געמורמעלט: „ברוך דיין אמת!”

מיך אָבער האָט קיינער נישט קיין וואָרט מעהר איבערגעפרעגט. די מאַמע האָט זיך גאָרנישט אומגעקוקט אויף מיר דער טאַטע איז געגאַנגען האַסטיג אַרויף און אַראָב אין דער שטוב. איך אַליין בין געשטאַנען שטיל און שטום ווי מיין שאָטען אויף דער וואַנד.

וואָס וואָלט איך דענסמאָל נישט אַוועקגעגעבען, ווען איך וואָלט נישט געהאַט אַרויסגערעדט יענע שרעקליכע ווערטער! אָדער וועניגסטענס ווען איך וואָלט געהאַט דעם כח פראַנק און פריי אַרויסצוזאָגען, אַז איך האָב מיר אויסגעטראַכט אַ שרעקליכען ליגען!

פריה זענען אין יענעם אָוונד אַרויסגעקומען די שטערען, שפּעט האָט מען דענסמאָל אָנגעצונדען די ליכט ביי אונז אין דער שטוב. מיין מאַמע איז נאָך אַלץ געזעסען פאַר דעם פענסטער. מיר דאַכט זיך, אַז זי האָט אין דער פינסטער געוויינט.

מען האָט זיך געזעצט צום טיש און געגעסען. מיר דאַכט זיך, עס האָט קיינער אַליין נישט געוואוסט, אַז ער עסט. דער און יענער האָט גע־פּרובט עפּעס רעדען, די ווערטער האָבען זיך אָבער נישט געקלעבט איינס צום אַנדערען און אַלע זענען ווידער געבליבען שטיל און שטום.

„שלום יעקב!” האָט זיך פּלוצלינג מיין מאַמע אָנגערופען, זיך צום טאַטע ווענדענדיג. „שלום יעקב! פאַרטאָג וועסטו לאָזען איינשפּאַנען און וועסט אַריבערפאָהרען.”

דער ביסען איז מיר געבליבען שטעקען אין דער קעהל. איך האָב פער־שטאַנען פון וואָס מען רעדט: אַריבערפאָהרען, הייסט עס, און די לויה נאָך אָנטרעפען...

„געוויס, געוויס!" האָט מיין פאָטער געענטפערט און האָט זיך געג־לעט די באָרד און האָט אָנגעקוקט אין איהר עטליכע גרויע האָר.

„עס איז וואונדערליך!" האָט זיך אָנגערופען איינער פון די יודען — שוין אחרון של פסח, ווען מיר זענען „דאָרט" געווען, האָט עס מיר נישט געוואָלט געפעלען. עפּעס דער מיחוש אין דעם פּוס איז מיר נישט געפע־לען" . . .

יעדעס וואָרט איז געווען פאַר מיר שטאָך מיט אַ שפּילקע אין סאַמע מיטען האַרץ. דער קאָפּ האָט זיך מיט מיר געדרעהט און אין די אויערען האָט עס מיר געקלונגען. איך האָב פּלוצלינג מורא געקריגען, מען זאָל מיך נאָר נישט אָנקוקען — די מאַמע זאָל מיך נאָר נישט אָנקומען.

:מיין קינד, עס איז צייט שלאָפען צו געהן!" האָב איך פּלוצלינג געהערט די מאַמע צו מיר רעדענדיג.

עס האָט דאָסמאָל נישט אַזוי האַרט און אַזוי שטרענג געקלונגען ווי אַנ'אַנדער מאָל. אדרבא, זי האָט דאָסמאָל עפּעס אַזוי ווייך און אַזוי מילד צו גערעדט. — דאָך, טויזענדמאָל וואָלט שוין בעסער געווען, ווען זי וואָלט גראָד דאָסמאָל זיך בייזערען און שרייען און שלאָגען מיך!

„עס איז צייט שלאָפען צו געהן", האָט זיך נאָכאַמאָל געזאָגט. „מאָר־גען וועסטו פריה אויפשטעהן . . .

און איך בין געגאַנגען.

וויפיעל מאָל איך האָב אין דעם אָווענד אָנגעהויבען קריאתשמע לייע־נען און האָב אַלץ נישט געענדיגט, ווייס איך אַליין נישט. איך געדענק נאָר, אַז ווי איך האָב מיר דעם לינקען שטיוועל אויסגעטהון, זיצענדיג אויפ'ן בעט, האָב איך פערגעסען אויסצוטהון אויך דעם רעכטען און בין אַזוי גע־זעסען, פערטראַכט און פערקלערט, מי יודע ווי לאַנג. דרויסען האָט אָנגעהוי־בען געהן אַ שלאַגס־רעגען, און איך האָב נישט געהערט און נישט געפיהלט. נאָר שפּעטער ערשט, ווי עס האָט אָנגעהויבען צו דונערען און צו בליצען, אַז דאָס גאַנצע הייזעל האָט זיך געשאָקעלט, האָב איך מיך אויפגעכאַפּט און האָב מיך געוואָרפען אויפ'ן בעט.

און ווי איך האָב זיך איינגעטוליעט אין די קישענס און די דעק, האָב

איך געשפּירט ווי די ביינער ציטערען אונטער מיר. איך האָב אָנגעהויבען צו פערשעלטען דעם וואַלד און דעם גרינעם סכך און דאָס וואַסערעל און אַלץ, וואָס האָט מיך פערפיהרט. איך האָב אָנגעהויבען זיך אַליין צו פער־שעלטען און אַלעס, וואָס איך האָב אין דעם דאָזיגען טאָג געטהון און גע־רעדט — פּלוצלינג איז מיר עפּעס אריין אין דעם זין, אַז די גאַנצע מעשה איז גאָרנישט געשעהן און נאָר גע'חלומ'ט האָט זיך מיר. אַ מינוט שפּעטער אָבער האָב איך שוין ווידער געשפּירט, ווי איך גליה און ליג אין שוויים.

און מאָרגען? מאָרגען פריה וואָס וועט זיין? — נאָך עטליכע שעה, און דער שרעקליכער אמת מוז דאָך ארויסקומען! אַלע יודען פון דער גאַנצער שטאָדט, אַלע יודען פון דער גאַנצער מדינה וועלען דאַן וויסען, וואָס איך האָב געטהון . . .

און נישט בלויז דער פּחד פאַר דעם אמת, וואָס וועט מאָרגען ארויס־קומען, נאָר נאָך אַ פירכטערליכער געדאַנק האָט מיך געקוועהלט: דאָס שלעכטע וואָס איך האָב גערעדט אויף „איהם", דאָס וואָס איך האָב געזאָגט, אַז „ער" איז שוין נפטר, „ער", וואָס איך אַליין וואָלט דאָך אוועקגעגעבען אַלעמאָל מיין לעבען, אַז ער זאָל נאָר לעבען אייביג, אייביג . . . איך האָב דענסמאָל שוין געוואוסט וואָס עס הייסט: „אל תפתח פה לשטן — דעם שטן טאָהר מען נישט מאָלען אויף דער וואַנד", און מיין בלוט האָט אָנ־געהויבען אין מיר געגליווערט צו ווערען.

און שטאַרק האָב איך אָנגעהויבען צו וויינען.

אַך, אַז איך וואָלט נאָר קאָנען איצט שטאַרבען! אַז איך וואָלט נאָר נישט דערלעבען מאָרגען פריה אויפצושטעהן! . . .

און ווי איך בין אנטשלאָפען געוואָרען, האָבען מיך שרעקליכע חלו־מות געקוועהלט און געפּייניגט.

אַ גרויסע עדה יודען, טויזענדער און ווידער טויזענדער מענשען, זע־נען נאָכגעגאַנגען נאָך אַ לויה דורך דעם וואַלד, און פאַר דער מטה האָט געטאַנצט דאָס קליינע שייגעצעל מיט דער גרויסער בייטש. ווי איך האָב מיך גוט צוגעקוקט, האָב איך געזעהן, אַז עס איז נישט דאָס שייגעצעל, נאָר די געלע קוה איז עס מיט דעם גלעקעל, און זי געהט אָנגעטהון אַ קרענצעל

בלומען, וואָס דאָס קליינע מיידעלע האָט געפלאָכטען, און אַלע שרייען: א חלול השם, א חלול השם! — און איך שריי מיט אויפ'ן קול: „א חלול השם, א חלול השם!" און מיין מאַמע כאַפּט מיך אָן פאַר די האַנד און שרייט: „הערט יודען! אָט דער בן סורר ומורה האָט איהם געהרגעט! אָך און וועה צו מיר, אַז איך בין דאָס די מאַמע פון אַזאַ זוהן!"... און איך הער דאָס אַלץ און איך לויף אַהין ביז צום וואַסערעל און שפּרינג אין איהם אריין...

און ווייטער ווייס איך נישט מעהר, אויב איך האָב גע'חלום'ט אָדער געוואַכט: די שלייפען האָבען מיר מאָדנע געהעמערט. די צונג איז מיר גע־ווען טרוקען אין גומען. דאָס העמד איז געווען נאַס אויף מיר פון שוויס, און פאַרט איז מיר הינטען אין רוקען געווען מאָדנע קאַלט. באַלד אָבער האָט אָנגעהויבען צו קלינגען אין די אויערען און דורך אַלע גאַסען און פאַר די אויגען האָבען זיך אָנגעהויבען צו דרעהען גרויסע און קליינע רע־דער און פייערדיגע און פלאַמעדיגע רעדלעך...

עטליכע טעג זענען פערבייגעגאַנגען.

איך ליג נאָך אַלץ אין דעם אייגענעם בעטעל, אין וועלכען איך האָב זיך געלעגט דענסמאָל אין יענעם אָוועננד. אויף א טישעל נעבען מיר ביים בעט זעה איך שטעהען פערשינעדע פלעשלעך מיט מעדיצינען, און עפּעס א הערר — דאַכט זיך, דער דאָקטאָר ראָזענטהאַל איז עס — שטעהט און האַלט מיין האַנד אין זיינער. מיין מאַמע זיצט אויף מיין בעטעל און קוקט מיך אָן און איהרע אויגען זענען פול מיט טרעהרען.

„איהר מעגט איצט גאָט דאַנקען!" הער איך דעם דאָקטאָר רעדען צו דער מאַמען. „נאָר נאָך א קליין רעצעפּטעל וועל איך פערשרייבען... קיין טיפּוס איז נישטאָ מעהר!...

מיין מאַמע האָט זיך אַראָבגעבויגען צו מיר און האָט מיר א קוש געגעבען.

איך האָב זי אָנגעקוקט מיט א פאַרשעמטען בליק. האָבען זיי געוואוסט, וואָס איך האָב געטהון? האָט מען מיר שוין מוחל געווען?... מיין מאַ־

מע האָט זיך ווידער אראָבגעבויגען איבער און האָט ווידער מיך געקושט און געקושט . . .

„נישט רעדען, נאָר נישט רעדען, מיין קינד! האָט זי געזאָגט.

אָבער געקלונגען האָט מיר פאָרט נאָך אַלץ אין די אויערען: „ער איז נפטר געוואָרען!"

# צוויי

**Es war ein alter König**
**Sein Herz war schwer, sein Haupt war grau...**

געדענקסט דו? — דער אַלטיטשקער איז געזעסען און האָט דאָס ספר׳ל אין דער האַנד געהאַלטען. שיר־השירים אין עס געווען — דאָס געזאַנג איבער אַלע געזאַנגען: דאָס געזאַנג פון דעם אייביגען פריהלינג, פון דער אייביגער יוגענד, פון דער אייביגער ליעבע, זיינע אויגען זענען אָבער געווען פייכטליך און אָהן גלאַנץ און כמעט שטייף, און די דאַרע, טרוקענע הענד האָבען געציטערט . . . פאַר אַ האַלב יאָהר איז עס געווען.

און דער יונגער, פרישער זומער האָט נאָר וואָס געהאַט דערוואַכט. ווי אַ ליוב־געזאַנג האָט עפּעס דורכגעצויגען דורך די לופט. עס האָט געשאַלט, און מען האָט נשיט געוואוסט פון וואַנען, עס האָט געזונגען, און מען איז נישט דערגאַנגען וואו.

און דער אַלטיטשקער איז געזעסען געבויגען איבער׳ן ספר׳ל און זיינע פערוועלקטע ליפּען האָבען געמורמעלט. מעכאַניש האָבען זיי געמורמעלט, און ער האָט נישט געוואוסט, וואָס.

„. . . גוטע, איידעלע איילען און ווי מערקישער אייל איז דיין נאָמען. אַלץ שמעקט און עס איז זומער־צייט. מינוטענווייז הערט מען די טורקעלטויב ברומען. זי ברומט אַזוי זיס און בענעהמט דאָס האַרץ. אויפגעבראָכען האָט דער פייגענבוים זיינע גרינע פייגען. די יונגע שפּראָצען האָבען זיך שוין געוויזען. דער גאַרדען־בוים פער׳שיכור׳ט די לופט. עס גליהט און גליהט דער גראַנאַט . . . ”

דער אַלטער געניצט. ווען אַ שטייגער איז דאָס אייגענטליך אַ נפקא־מינה? . . .

„דעריבער האָבען דיך ליעב געהאַט די מיידלעך”. דער אַלטער פער־

טראַכט זיך איין אויגנבליק. און דאַן אָבער ווייטער: „ווי אַ נ׳עפּעלבוים איז ער געווען, גרוים און גלייך און שטאַרק. צווישען רויזען האָט ער זיך אַרומגעטריבען. אַרומגעשפּרונגען איז ער אויף די בערג, באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָב, בערגעל־אַרויף און בערגעל־אַראָב. אַט קלעטערט ער גאָר אַרויף אויפ׳ן טייטעלבוים, הויך אַרויף און וויעגט זיך צווישען די צוויי־גען. אַט יאָגט ער זיך אַרום מיט די מיידלעך און כאַפּט פּאַר זיי קליינע פּיקסעלעך. רינגעל־רינגעל־טאַנץ!״

דער אַלטער שמייכעלט מיעד, אַ שעהנער קונדס אביסעל! אַט וואָס עס הייסט אַ שטיפער! מיט וואָס, מ׳שטיינסגעזאָגט, מען פערברענגט אַ וועלט! מיט וואָס אַזאַ יונג, אַ לעדיגגעהער, איז בעשעפטיגט טאָג און נאַכט!

„שוואַרץ איז זי געווען, טיעף ברונעט, און דערצו אָבגעברענט פון אַ דרום־זון. און צייהן האָט זי געהאַט, ווייס און געפּערעלט, איינס און איינס. ווי פּריש־געוואַשענע וואָל פון די שאָף, וועלכע בליצען־אַראָב פונ׳ם גלעד־באַרג. און ווי פּורפּור־פּאָדים די ליפּעלעך די צוויי בריסטען ווי צוויי יונג־הערשען, און צווישען די ביידע בריסטען נעכטיגט דאָס בוקעטעל פון מיר־רהען־בליהטען. און פונ׳ם דעקטוך קוקט עפּעס אַרויס. זענען עס אויגעלעך? זענען עס טייבעלעך? און אַ שטימע האָט זי — אוי ווי זיס, ווי זיס! לאָז מיך הערען דיין שטים — מיינע קאָלעגען הערען גערן דיין שטים . . .״

דער אַלטער ציהט צונויף דעם שטערען. נאַרישע, נאַרישע וועלט! ווי קען מען זיך גאָר אָבגעבען מיט אַזעלכע נאַרישע זאַכען? איז דאָס תכ־לית? האָט גאָט צוליעב דעם בעשאַפען אַ וועלט און צוליעב אַזעלכע נאַ־רישקייטען?

„. . . אונזער בעטעל איז פריש־גרין. זיין לינקע האַלט ער אונטער איהר קאָפּ און מיט דער רעכטער האַלט ער זי אַרומגענומען. זי ציטערט און פיבערט און איז קראַנק פאַר ליעבע . . . מיר האָבען אַ קליין שוועס־טער׳ל! און די טורקעלטויב טאָרקעלט און טאָרקעלט און אַלץ אַרום שמעקט מיט טערקישע איילען . . .״

מיעד און פאַמעליך, קוים וואָס ער בעוועגט זיך, לאָזט דער אַלטער

ארום פון דער האנד דאָס ספר'ל. אוי, גרויסער גאָט! ווי שעהמט זיך דאָס נישט אַ יוגענד פאַר זיך אַליין פאַר איהרע פּוסטע הוריות! אין זייערע ווייטע העלזער מעגען זיי זיך שעהמען, מיט וואָס זיי פערברענגען זייערע פיער און צוואַנציג שעה!

ער צעהוסט זיך, עס איז איהם פּלוצלינג אַזוי מאָדנע קאַלט, כאָטש אין דרויסען ברענט די זון, ער טוליעט זיך אין זיין וואַטירטען שלאָפראָק און זעצט זיך פאַר'ן אויוועז.

*

Es war ein schöner Page,
Blond war sein Haupt, leicht sein Sinn...

„קהלת" — דאָס ספר פונ'ם אייביגען גריבלען זיך, פון דער אייביגער מיעדיגקייט און צוועקלאָזיגקייט און טריסטלאָזיגקייט אינ'ם גאַנצען לעבען: עס איז דער אייביגער, גרוינער, געדיכטער שטאָטען, וועלכער ליגט אויף אַ גאַנצער וועלט . . .

און דער, וועלכער האַלט עס אין האַנד, איז אַ בליהענדער יונגער מענש, איינער, וואָס וואָלט וועלען שפּיעלען אין באַל מיט דעם גאַנצען ערד-קוגעל. פון די אויגען שיסט איהם די קראַפט, און אַלץ איז לעבענס-לוסט און לעבענס-פרייד און לעבענס-בעגעהר, עס קאָכט אין איהם און עס פלאַמט. אָך, ווען ער וואָלט נאָר זיין פאַרטיג שוין מיט די לאַנגווייליגע געדרוקטע אותיות!

אין דרויסען איז דאָס וועטער טריב און גרוי. דער ווינד בלאָזט, און עס פאַלען די געלע בלעטער. שווערע טראָפּען ריעזלען אַראָב אויף דער ערד, און באַלד נאָכ'ן רעגען קעהרען זיך די וואָלקענס ווידער צוריק אום. אַלץ איז אַזוי שווער. אַלץ אַזוי טריסטלאָז . . .

און דער יונגער מענש פליהט אַריבער האַסטיג מיט די אויגען איבער די ווערטער.

„. . . נאַרישקייט איבער אַלע נאַרישקייטען, האָט געזאָגט קהלת. אַלץ איז נאַריש און אַ פּוסטער ווינד. וואָס בלייבט איבריג פאַר'ן מענשען? עס

איז קיין חילוק נישט צווישען איהם און דער בהמה. אלע זאכען אונטער דער זון זענען מיעד און פוסט. צו וואס פרייט מען זיך? צו וואס לאכט מען? עס געהט אלץ אהין אויף איין ארט און אלץ קעהרט זיך אום צו דער ערד . . ."

ער פערטראכט זיך אויף א מינוט. אלע מיינע בייזע חלומות זאלען אויסגעהן צו די וויסטע שטיינער! דאס האט דאך געמוזט זיין נישט קיין קליינער באנק־קנייטשער, דער, וואס האט געמאכט אזא בוך! א נישקשה'־דיג ביסעל חכמה קאן מען זיך דא אויסלערנען ביי אזא אלטען, טעמפען מענשען, אהן אויגען און אויערען און צייהן! און דאס, וואס ער טענה'ט אלץ, אז אלץ געהט אהין אויף איין ארט — יישר כח איהם! איך האב נאך א רעכט ביסעל צייט דערצו!

אונצופרידען און אונגעדולדיג בלעטערט ער ווייטער.

„ . . . די טרעהר פון די אונטערדריקטע, און זיי האבען נישט קיין טרייסטער; פון דער האנד פון זייערע אונטערדריקער מיט'ן גאנצע כח האבען זיי נישט קיין טרייסטער . . ."

דער יונגערמאן ווערט אונגעדולדיג. קאנט איהר מיר נישט א שטייגער זאגען, אנטקעגען וואס ער לאזט מיך דאס אלץ הערען? ער האט אויך שוין קיין אנדערע דאגות נישט געמוזט האבען כל ימיו!

און ער לייענט האסטענדיג ווייטער.

„ . . . בעסער דער טאג פון שטארבען, ווי דער טאג פון געבוירען־ווערען, און בעסער צו געהן אין א טרויער־הויז, ווי צו געהן צו א באל . . ."

אונגעדולדיג קוקט ער אויפ'ן זייגער. ער איז בעשטעלט היינט צו א מין באל. אויך זי, זיין הארציג גאלדען מיידעל, וועט דארטען זיין. ווי שעהן איז גאט'ס וועלטעל און ווי שעהן קאן מען לעבען! עס לויהנט זיך, בנאמנות, געבוירען צו ווערען! עס איז א שאד א מינוט צו פערלוירען און זי נישט אויסצונוצען!

און מעכאניש, נישט וויסענדיג וואס, מורמעלט ער די לעצטע ווערטער.

„ . . . קאליע געווארען זענען די מאהלערס אין מויל, פינסטער געווארען זענען די קוקערס אין די לעכער און געבויגען געהען די מעכטער פון

געזאַנג די גאַנצע ליעבעס־תאווה איז צעשטערט. דער מענש געהט אין זיין איי־ביגע רוה אריין און עס דרעהען זיך ארום אין גאַס די קלאָגערס. ביי זיין קוואַל ליגט דער צעבראָכענער קרוג — און אַ סוף און אַנ׳עק!״

לענגער האַלט ער עס נישט אויס. וואָס זאָלען איהם די אַלטע ביכער־קוועטשער מיט זייער אויסקוועטשטע און אויסגעמאַטערטע מליצות! דאָס וועט ער זיך נישט לאָזען איינרעדען! די וועלט איז פּרעכטיג און דאָס לע־בען איז אַזוי שעהן! ווער עס האָט קיין מאָהלערס נישט און קיין קוקערס נישט און ביי וועמען די גאַנצע ליעבעס־תאווה איז צעשטערט, דער זאָל זיך לעגען שלאָפען און זאָל אַנדערע נישט שטערען אינ׳ם וועג! קיין מוסר־זאָגערס ברויך ער נישט! און דאָס וואָס ער טענה׳ט אז געבויגען זענען די טעכטער פון געזאַנג — זאָל ער טויזענדמאָל מוחל זיין! ניין, די קליינע פעפי וועט היינט זינגען און די בלאָנדע זוזאַ אויך, — נישט קיין מינוט לענ־גער טאָר מען בלייבען אינ׳ם צימער אין דער ענגער געשטיקטער לופט.

און ווי אַ ווירבעלווינד שטורעמט ער ארויס, לייכט און לוסטיג, אין דאָס פרייע.

# ר ו ת

פאר מיטאג: — איך האלט אין דער האנד דאס קליינע ביכעלע און לייען דערין. ווייס איך דען, וויפיעל מאל שוין אין האב דאס דאזיגע קליינע, מערקווירדיגע ביכעלע געלייענט, און איך קאן מיך אלץ נישט זאט לייענען? — אט איז די שענסטע אידיליע, וועלכע מיר האבען אין דער גאנצער וועלט־ליטעראטור. עס איז צום אנהויב פונ׳ם גערשטען־שניט. איבער׳ן פעלד ברענט די זון. די לופט טריפט זיסע, בערוישענדע ריחות צוזאמען מיט א וועלט־רוהיגקייט און מיט אנ׳אייביגער גליק־זעליגקייט. צווישען די זאנגען, נאך די שניטערס, קלויבט א יונגע, שעהנע, פרעמדע פרוי און זאמעלט פלייסיג צווישען די גארבען. פון צייט צו צייט געהט זי אהין צו די געפעסען, און די יונגען שעפען איהר אן דאס וואסער און זי טרינקט פונ׳ם עמער. אט קומט־אן דער האר פונ׳ם פעלד. דער יונג, וועלכער פאסט־אויף איבער די שניטערס, כאפט זיך אויף. „גאט איז מיט אייך!“ — זיי געבענשט פון גאט! — „ווער איז דאס דאזיגע מיידעל?“ — א מואבשעס מיידעל איז עס, וועלכעס האט זיך אומגעקעהרט איצט מיט נעמי פון די פעלדער פון מואב! — רות הערט עס און וויל אויסבעסערען דעם קליינעם טעות: זי איז דאך נישט מעהר קיין מיידעל, גאר א ווייבעל איז זי. א יונגע פרוי, אנ׳אלמנה, און איהר קליין אומגליק איז עס, וואס זי זעהט אלץ אויס ווי א קליין מיידעלע — זי שעהמט זיך אבער דאס מויל אויפצומאכען און איהר צונג בלייבט איהר צוגעקלעבט צום גומען. בועז שטעהט א מינוט לאנג פאר איהר און בעטראכט זי שטוינענד: אך, ווי הערליך איז די דאזיגע קליינע מואב׳שע! פלוצלינג לאזט ער אראב די אויגען צו דער ערד. רות אבער לאזט די אויגען נישט אראב צו דער ערד; זי האט זיי נאך גארנישט אויפגעהויבען. איהרע אויגען זענען צוגעקלעבט צום פעלד, וועלכעס ווערט געשנישען, און אלע איהרע געדאנקען ווילען ביי איהר שוויגער. די שוויגער ווארט דאך אויף איהר אינדערהיים. און זי האט

נאָך פיעל צו קלויבען. אַך. ווען מען וואָלט איהר ערלויבען, אַביסעל אָראָב־צוצופּען אויך פון די שטעהנדיגע בונדען! פּלוצלינג הערט זיך אַ טראָמ־פּייט. די עסענס־צייט איז געקומען. די יונגע פרוי, וועלכע זעהט נאָך אויס גאַנץ ווי אַ מיידעל, זיצט אין דער זייט פון די שניטערס און עסט פונ׳ם ברויט און טונקט־איין דעם ביסען אין עסיג — אָבער פון מינוט צו מינוט געהט־צו צו איהר בועז און קנייפּט־אָב פּאַר איהרעטוועגען פון די געדרויבערטע זאַנגען, און זי עסט פון זיין האַנד. אַך, ווי נאַאיוו איז נאָך דאָס דאָזיגע מיידעל׳שע ווייבעל! דאַן צופּט ער אָב פּאַר איהרעטוועגען גאַנצע הויפענס אויך פון די שטעהענדיגע בונדען און זאָגט איהר, אַז זי זאָל זיך בעהעפטען מיט זיינע מיידלעך. האָט די נאַאיווע פרוי פערשטאַנען, וואָס ער פערלאַנגט פון איהר? אַך, זי איז נאָך אַביסעל צו זעהר נאַאיוו! — ווי גליקליך איז זי. אַז זי קאָן קלויבען ביז צום אָווענד, און אַז נאָך דעם, ווי זי האָט דאָס געקליבענע אויסגעקלאַפּט, איז עס געווען אַ גאַנץ מעסטעל גערשטען. זעהט, אַ גאַנץ מעסטעל! מיט שמחה האָט זי דעם גאַנצען פּאַק געטראָגען און איז מיט איהם געקומען אין שטאָדט אריין און האָט געוויזען דער שוויגער, וואָס זי האָט צונויפגעקליבען . . .

און נאָך מיטאָג: — איך האַלט דעם לעצטען נומער פון די „דוואַ גראָשע״ אין האַנד און לייען אין איהם. רבונו־של־עולם, זענען דען די מענ־שען געוואָרען פּלוצלינג ווילדע חיות? — „פרעמדע, וועלכע האָבען זיך אריינגעכאַפּט צו אונז, ווילען אונז מיט געוואַלד פערדרענגען. זיי שמיע־דען טאָג און נאַכט פּלענער, ווי אַזוי אַ סוף צו מאַכען מיט אונז אַלעמען. אָט האָט מען שוין ווידער ענטדעקט אַ געהיימע פערשווערונג. זיי האָבען גאַנצע לאַגערס מיט געוועהר בעהאַלטען אין שוהלען און אין בתי־מדרשים.

און איז זיי דאָס נאָך ווייניג, געהען זיי און מאַכען זיך אַליין פּאָגראָמען, כדי צו קאָנען שרייען אויפ׳ן קול און אונזער פּנים צו פערשוואַרצען אין גאַנץ אייראָפּאַ. און בערד שניידען זיי זיך אָב צוזאַמען מיט האַלבע גאָמ־בעס פלייש און טראָגען דאָס איז זייערע רעדאַקציעס, כדי אַ געדודער צו מאַכען אין דער גאַנצער וועלט. און פון די וואַגאָנעס וואַרפען זיי זי אַרויס

ביים פאַהרען, כדי צו מאַכען אַ בלבול אויף אונז און אונז צו פער׳מסר׳ן אין די אויגען פון אַלע קולטור-פעלקער״ . . .

וואו איז פּלוצלינג מיין גאַנצע אידיליע אַהינגעקומען? וואו איז יענע גאַנצע שעהנע וועלט מיט די שניטערס און מיט דער קליינער פרוי און מיט דער לופּט, וועלכע טריפט זיסע ריחות און אַנ׳אונענדליכע צופרידענהייט און אַ נשמה־פריידען פון איין עק וועלט ביז צום אַנדערען עק־וועלט?

און אַנ׳עקעל־געפיהל כאַפּט מיך אַרום פאַר דער גאַנצער אומגעבונג און פאַר דער גאַנצעל וועלט און פאַר׳ן גרויסען, שוידערהאַפטען ליגען. ניין, איך קען נישט ווייטער. לאָמיר נאָר פּרובען און ווידער נעהמען דאָס קליינע ביכעלע אין האַנד אַריין . . .

*

ביים שיידע־וועג זענען זיי אַ מינוט לאַנג אַלע דריי געשטאַנען: די עלטערע פרוי, וואָס אין איהר פערוועלקט געזיכט זענען נאָך שפּורען פון אַ פריהערער שעהנהייט געוועזען צו דערקענען, און די צוויי יונגערע פרויען. ווי די פעלד־בלומען זענען די צוויי געווען, וועלכע געדענקען נישט, אַז נעכטען איז אַ ווינד איבער זיי אַריבערגעפאָהרען, און עס פאַלט זיי נישט איין, אַז מאָרגען קאָן אויך אַ שטורם קומען. די איינע — מיט אַ פּאָר געדיכטע בלאָנדע צעפּ און אויף די ליפּען און אין די אויגען גליהט דאָס אייביגע, אויסגעלאַסענע לאַכען און אַ פערבאָרגענע ליידענשאַפט, און די צווייטע — מיט צוויי שוואַרצע, גרויסע, נאַאיווע קינדער־אויגען, און זי קוקט שטענדיג ערנסט און שטיל אַרום זיך.

און די עלטערע פרוי זאָגט:

— קעהרט אייך אום, מיינע טעכטער, געהט קעהרט אייך אום יעדע צו איהר מוטער׳ס הויז? גאָט וועט אייך נאָך געבען, אַז יעדע וועט אַ רוה־אָרט געפינען אין אַ מאַנ׳ס הויז. די פעלדער פון מואָב זענען דאָך שעהן, און שעהן איז דאָס לעבען און לוסטיג זענען די מענשען אויף יענע פעלדער און אַ שאַלען און אַ פרייד הערשט דאָרט פון פריה בעגינען ביז אין די

טיפע נאַכט. וואָס אָבער קאָן יהודה אייך געבען? דאָס לעבען איז דאָ אַזוי ערנסט, און ערנסט זענען די מענשען און די אַרבייט איז אַלעמאָל שווער און ערנסט. און איהר זענט דאָך נאָך אַזוי יונג . . .

און רות בליקט מיט איהרע גרויסע, דערשראָקענע אויגען אין דעם געזיכט פון איהר שוויגער, און פּלוצלינג צעוויינט זי זיך אויפ'ן קול. ניין, זאָל מען מאַכען מיט איהר, וואָס מען וויל נאָר, אָבער אומקעהרען וועט זי זיך נישט מעהר! אין דערזעלבער מינוט האָט ער, בעהאַלטענערהייט געקייט אַ פּאָר צוקער־שויטען, און ווי זי האָט געזעהן, אַז רות וויינט, האָט זי אויך אַרויסגעלאָזט אַ געוויין. אָבער שוין אַ מינוט שפּעטער, ווי זי האָט דערבליקט איהר געשטאַלט אַרויסשטראַהלען פון דעם קליינעם פליסעדיגען טייך, האָט זי זיך צורעכט געמאַכט גיך דעם גערדיכטען, בלאָנדען צאָפּ און איז שוין ווידער געווען לוסטיג ווי פריהער. ביידע אָבער האָבען געענטפערט פעסט: ניין, מיר וועלען זיך נישט אומקעהרען, קיינמאָל וועלען מיר זיך נישט מעהר אומקעהרען!

אָבער שוין נאָך צעהן מינוט צייט איז ערפּה צוגעגאַנגען צו איהר שוויגער און האָט זי געקושט און האָט אָבשייד גענומען פון איהר. סוף־כל־סוף איז דאָס פעלד פון מואב אַזוי שעהן, און שעהן איז דאָס לעבען און לוסטיג זענען די מענשען — און איהר אַלטע שוויגער און איהר ערנסטע שווערפעליגע שוועגערין זענען איהר שוין אַביסעל לעסטיג. און שעהן אויף די פעלדער פון מואב זענען אויך די אַפּפערהיגלען און די זיבען מזבחות און לוסטיג זענען די טענץ און הערליך זענען די יונגע בחורים, וועלכע דיע־נען דעם בעל־פּעור. נאָר איינמאָל האָט זי געזעהן דעם קאָפּ פון דעם פּעור, אַרויסקוקענדיג אויף די וויסטעניש, און דעם יונגען בחור, וועלכער האָט געדיענט צו איהם — און דעם דאָזיגען טאָג און יענע נאַכט און דאָס, וואָס מען האָט דענסמאָל געטהון מיט איהר, וועט זי קיינמאָל נישט מעהר פערגעסען ווער ווייסט: אפשר וועט אויך יעצט אַזאַ כהן זי נעהמען און זי וועט זיין זיין קעבס־ווייב, און איהר לעבען וועט זיין אויסגעפילט מיט טענץ און מיט ליעבע און מיט אַ פרעהליך לעבען. זי איז דאָך אויך יעצט נאָך אַ שעהן פרויענצימער! . . .

און רות געהט דערווייל שטילשווייגענד נעבען איהר שוויגער, און איז פערטראַכט און ערנסט. אַך, עקעלדיג איז איהר דאָס גאַנצע לעבען דאָרט! און הויפט־זעכליך איז איהר פערהאַסט די רעליגיע פון די פעלדער מואָב׳ס, יענע רעליגיע, וועלכע פּרעדיגט דעם גאַנצען טאָג נאָר „ליעבע„ און „ליעבע". פון פריה בעגינען ביז אין די טיעפע נאַכט אַריין פערלאַנגען זיי פונ׳ם מענשען קיין שום אַנדערע זאַך נישט ווי נאָר ליעבע. אַ פאָלק. וועלכעס רעדט דעם גאַנצען טאָג נאָר פון ליעבע, און די ליעבע קומט אויף אַ מינוט נישט אַראָב פון זיין צונג — מוז סוף כל סוף ווערען אַ היה־רעה, וועלכע פערצוקט מענשען אויף רעכטס און אויף לינקס און ווייסט נישט, וואָס רחמנות איז. צו וואָס טויג דאָס ליעב האָבען דעם גאַנצען טאָג? סוף־כל־סוף זענען מיר דאָך נישט קיין מלאכים, נאָר איינפאַכע מענשען. איז נישט בעסער, אַז מיר זאָלען אַביסעל אויך פיינד האָבען — און נאָר ווילדע חיות זאָלען מיר נישט זיין? איז נישט בעסער, אַז מיר זאָלען לערנען אונזערע קינדער, אַז אַ קליינע עולה אַמאָל טהון איז פון די מדות פון מענשען־געשלעכט — און נאָר פרעסען זאָלען מיר נישט איינער דעם צווייטען פאַר לויטער ליעבע און פאַר לויטער צדקות איז נישט בעסער, אַז האָבען זאָלען מיר אַנ׳אל קנא ונוקם — און נאָר ביינער זאָלען מיר נישט שניצען און נעגעל זאָלען מיר נישט קלאַפּען אין די שלייפען און בלבולים זאָלען מיר נישט אויסטראַכטען יעדע מינוט?...

פלוצלינג האָט זי נעמי אויפגערודערט פון איהרע געדאַנקען און פון די חלומות:

— רות, זעה, דיין שווענערין האָט זיך אומגעקעהרט צו איהר פאָלק און צו איהר גאָט, געה, קעהר אויך דו זיך אום! צום לעצטען מאָל בעט איך דיך זיך אומצוקעהרען...

רות אָבער האָט זיך אַ וואָרף געטהון אויף איהר שוויגער און איז געפאַלען אויפ׳ן האַלז פון דער געליעבטער פרוי און האָט געוויינט אויפ׳ן קול:

— וואו־אַהין דו וועסט געהן, וועל איך אויך געהן, און וואו דו וועסט נעכטיגען, וועל איך אויך נעכטיגען, דיין פאָלק איז אויך מיין פאָלק און

דיין גאָט איז אויך מיין גאָט וואו דו וועסט שטאַרבען, וועל איך אויך
שטאַרבען און דאָרט וועל איך בעגראָבען ווערען. אַזוי זאָל גאָט טהון פאַר
מיינעטוועגען און אַזוי זאָל ער מעהרען, ווי נאָר דער טויט וועט שיידען
צווישען מיר און דיר.

*

און ווידער האַלט איך אין האַנד יענעם צייטונגס-נומער.

איך ווייס: נאָך עטליכע חדשים, נאָך אַ יאָהר, נאָך צוויי אָדער דריי. די שנאה, אַזוי פּלוצלינג ווי זי איז געקומען און איז ווילד אויסגעבראָכען, וועט סוף-כל-סוף מוזען שווינדען. די בלבולים וועלען אַמאָל פערשווינדען ווערען. די פּאָליטיק, וועלכע פיהרט יעצט איהרע פינסטערע אָרגיעס, וועט אַראָב פון דער טאָג אָרדנונג, און אַ נייע פּאָליטיק, וועט פערלאַנגען פּלוצלינג אַ פריינדליכקייט און אפשר גאָר אַ ליעבע. אָבער ווער וועט מיר אומקעהרען פאַר דעם, וואָס איך האָב געליטען און געטראָגען? ווער וועט מיר בעצאָהלען פאַר די מינוטען, וואָס מען האָט מיר געצאַפּט מיין בלוט טראָפּענווייז? איך ווייס: מען וועט אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען פּלוצלינג דערזעהען, אַז איך בין גערעכט — אָבער האָט מיך דען מיין גערעכטיגקייט עפּעס געהאָרט? האָב איך דען אַ מינוט געגלויבט, אַז זיי דאָרט צווייפלען אין מיין גערעכטיגקייט? ווען עס האָט מיך עפּעס געהאָרט, איז עס נאָך נאָר געווען דאָס דאָזיגע, אַז אין אַזאַ וועלט לעבען מיר און אין אַזאַ אומבעגונג, און אַז אַ מענשליכע געזעלשאַפט פערגראָבט זיך נישט אין דער ערד פאַר גרויס שאַנד, און עס איז נישט פאַרהאַן קיין מענש, וואָס זיין בלוט זאָל איהם ווערען אין זיינע אָדערען גיפט און דער צאָרן אין זיין האַרץ זאָל איהם ווערען שלאַנגען-גיפט, און גזל'ען זאָל עס זיין שלאָף ביינאַכט און זיין רוה בייטאָג, און דער מענש זאָל איינמאָל נאָר צונויפקפרעמפּפען זיין פויסט און זאָל אויף פּיץ-פּיצלעך צעקלאַפּען דאָס גאַנצע געבוי און די גאַנצע פערשאָלטענע מענשען-געזעלשאַפט, ווי זי שטעהט און געהט!

*

אַ רות, וואָס האָסט דו געמאַכט און פאַרוואָס האָסטו דיר אויסגעקליבען דוקא דאָס דאָזיגע אומגליקליכע, אָרימע פאָלק ? . . .

זעה, דו האָסט דאָך אַ זוהן, אָט דעם קליינעם עובד, ער ליגט פאַר דיר אין זיין וויגעל, און דו שאָקעלסט און וויעגסט איהם, און זינגסט דיין קינד דיינע וויעג־ליעדער. זינג איהם די ליעדער, וועלכע זאָלען זיין האַרץ בייצייטענס טרינקען מיט גיפט. קענסט דו זיי ? — זינג איהם: גיס־אויס אויף זיי דיין צאָרן, און דיין גרימצאָרן זאָל זיי דערגרייכען! לערן איהם: וואויל דעם, וועלכער וועט דיר בעצאָהלען דיין פערגעלטונג, וואָס דו האָסט אונז פערגאָלטען, וואויל דעם, וועלכער וועט כאַפּען און וועט צעשמעטערען דיינע קינדער צום פעלזען! זאָג איהם; זאָל זייער גאַנצע שלעכטקייט קומען פאַר זיי און טהו זיי אַזוי ווי דו האָסט מיר געטהון!

קענסט דו די דאָזיגע שעהנע מעלאָדיען ?

נאָר נישט ליעבע — דו ביסט דאָך אַ יודישע פרוי . . .

# פורים-שפּיל

דיר, אומגליקליכער קעניגין ושתי, ווייל איך זינגען היינט מיין לויב-ליעד!

מעגען אנדערע זינגען און זאָגען וועגען דעם איידעלען מרדכי און דער גרי-נער אסתר, מעגען, זיי רעדען לאַנג און ברייט וועגען דעם נאַרישען אחשורוש און דעם קלוגען המן, וועגען דעם גרויסען חרבונה און דעם קליינעם ויזתא און וועגען נאָך אַלע יענע טעמאַ'ס, וואָס יעדער קלוגער יודישער שרייבער מוז זיי היינט נעבעך בעאַרבייטען — איך אָבער מוז מיר טהון דאָס מייניגע און מוז מיך אַראָבבאַפּען אין אַ זייט צו מיין אַלטער סימפּאַטיע, צו איהר מאַיעסטעט דער קעניגען ושתי . . .

וואָס זאָל איך איין זאָגען? עס איז אפשר נישט שעהן פון מיר. אפשר אַלס נאַציאָנאַל־יוד און גלויבענס גענאָס וואָלט איך באמת'דיג געדאַרפט אָבגעבען דעם כבוד דער קעניגען אסתר. פּאָרט עפּעס אייגען פלייש און בלוט און דערצו נאָך גאָר אַ שיינדעל אין דער משפּחה, אונזער גאַנצער יחוס. אַ קליינינקייט אַרויסצורעדען: עפּעס פּאָרט אַ מלכה. אמת, גאַנץ פיין בענו-מען האָט זי זיך גראָד נישט, די דאָזיגע קעניגליכע יודענע פון גאָט'ס גע-נאָד. זי האָט שוין אין יענע צייטען פערשטאַנען די חכמה, ווי אַזוי אַ יודיש קינד קאָן קומען פאַרוועדטס אין לעבען, און אַז די גאַנצע קונץ ליגט דערין, נאָר למען השם נישט אויסצוזאָגען, ווער מען איז פון דעם היים, — און זי האָט דאַדורך טאַקי געמאַכט אַ גאַנץ היבשע קאַריערע. נאַטירליך איז קיין וואונדער נישט, אַז פערקוקענדיג זיך אויף איהר, איז די דאָזיגע חכמה זינט דענסמאָל געוואָרען אונזער נאַציאָנאַל־אייגענטום, אַט, למשל, האָב איך ערשט נישט לאַנג קענען געלערנט איינע, אַנ'אונזעריגע, וועלכע האָט נישט אויסגעזאָגט, ווער זי איז, און האָט דאַדורך געמאַכט קאַריערע און איז אָנ-געקומען אַזש אַלס פערקויפערין ביי אַנ'עכט־פּוילישער פירמע; ערשט ווען מען איז דורך איהר פּאַספּאָרט דערגאַנגען, וואָס אַזעלכעס זי איז, איז זי

געוואָרען אַרויסגעוואָרפען בכבוד גדול. דעם אמת אָבער מוז איך זאָגען: מיין גאַנץ בעזונדערע סימפּאַטיע האָט פון תמיד אָן געהאַט נישט די דאָזיגע קעניגין אסתר, נאָר דוקא די אַנדערע, די שטילע, אומגליקליכע ושתי. שוין פון מיין פריהסטער יוגענד האָב איך געשוואוירען פאַר איהרעטוועגען. איהר מאַיעסטעט די קעניגין ושתי איז יעדענפאַלס פון די צוויי די פיעל אינטערעסאַנטערע. און נאָר ווייל די פיגור פון אסתר'ן איז אינ'ם בוך „אסתר" אַזוי זעהר געוואָרען אַרויסגערוקט, ווערט די שטילע פיגור פון ושתי'ן נעבען איהר פערטונקעלט און מען זעהט זי כמעט נישט אַרוים.

אפשר איז דאָס בוך „אסתר" איבערהויפּט דאָס מאָדערנסטע בוך מיט דעם מאָדערנסטען שטאָף. און נישט נאָר, ווייל דאָרט שפּיגעלט זיך אָב דאָס נאַרישע הויף־לעבען פון אַ נאַרישען קעניג מיט זיין אונערזעטליכער ליעבע צו אַלערליי פערשווענדונגען און זיין אונגאַטירליכער נייגונג צו אַנ'־איבערפליסיגען לוקסוס און זיין אונגעבענדיגטער תאוה צו מאַכען הויף־בעלער גאַנצע הונדערט מיט אַכציג טעג אינ'ם יאָהר און דאַן נאָך עקסטראַ זיבען טעג, און דאָס אַלע נאָר דערפאַר, ווייל ער פייערט מיט מזל אַ דריי־יעהריגען יובילעאום זינט ער איז אַרויף אויפ'ן טראָהן; — און נישט נאָר, ווייל דאָס דאָזיגע בוך לאָזט אונז געבען אַ טיעפען קוק אין די לעבענס־אַרט פון אַ מיניסטער און ווי ער רעדט און ווי ער אַרבייט; — און נישט נאָר, ווייל די דאָזיגע עלעגאַנט געשריבענע ערצעהלונג איז די קלאַסישסטע שילדערונג פון דער יודישער צרה, אַזוי אַז מען וואָלט געקאָנט מיינען, דאָס דער מחבר איז אונזער אַ צייט־גענאָס; — נאָר גאַנץ בעזונדערס אויך דערפאַר, וואָס אין בוך „אסתר" ווערט צום ערשטען מאָל בעריהרט אויך אַ גאַנץ אַנדערער העכסט מאָדערנער שטאָף: די פרויען־פראַגע. די נעבען מעשה מיט אחשורוש און ושתי האָט גאַנץ גוט געקאָנט שטעהן אין עפּעס אַ צייטונג פון היינט אי זאַ טעלעגראַמע פון לאָנדאָן. איך בין זיכער: די דאָזיגע ושתי, ווען זי וואָלט לעבען איצטער, וואָלט זי זיין גאַנץ בעשטימט די אָנפיהרערין פון די סופראַזשיסטקעס. זי האָט געהאַט די מאָדערנסטע לעבענס־אַנשויאונגען. און נאָר ווייל די מעשה איז שוין פאַרט אַלט אַ צוויי־

טויזענד מיט פיערהונדערט יאָהר און ווייל דער שויפּלאַץ איז פּאַרט נישט לאָנדאָן, נאָר דאָס אַלטע פּערסיען, דעריבער איז דער פּערלויף פון דער מעשה אויסגעקומען אַביסעל אַנדערש: די ראַהם איז „פּערעלטערט".

אויב איהר מאַיעסטעט, די קעניגין ושתי, האָט געהאַט אַ האָרן אויף איהר שטערען אָדער נישט, דאָס ווייס איך נישט; אַז אָבער אונטער דעם דאָזיגען שטערען האָט זי געהאַט גענוג פּערשטאַנד — דאָס איז קלאָר.

אין איהר פּאַלאַץ איז זי געזעסען, אינ'ם לוסט־גאָרטען פון זיין קעניגליכער מאַיעסטעט דעם שאַך אחשורוש, און געמאַכט האָט זי גראָד אַ „משתה נשים", אַ פרויען־באַל, היינט וואָלט עס געהייסען אַ „פּייוו אַ קלאָק". ארום איהר זענען געזעסען די הויף־דאַמען, די פירשטין כרשנה און די מאַרקיזע שתר און די גרעפין אדמתא און די באַראָנעסע תרשיש, און נאָך פיעל אַנדערע איינגעלאַדענע געסט. גערעדט האָט מען אָנפאַנגס — דאָס איז זעלבסטפערשטענדליך — וועגען טואַלעטען און וועגען די נייעסטע מאָדעס. די פירשטין מרסנא, אַ יונגע ברונעטע מיט אַ פריזור אַ לאַ פּאָמפּאַדור, האָט איינגערוימט דער מאַרקיזע ממוכן אַ סוד אין אויער, אַזוי אַז אַלע ארום האָבען עס געקאָנט הערען ,אַז די גרעפין מרס זעהט אויס אין איהר נייער, גרינער ראָבע מיט די געלע שפּיצען ווי אַ מיידעלע פון זיבעצעהן יאָהר. אַלע האָבען זיך שטילערהייט צעלאַכט, דען אַלע האָבען זעהר וואויל געוואוסט, אַז דוקא די דאָזיגע גרעפין מרס איז שוין קיין עין־הרע אַ רעכט ביסעל עלטער, טראָץ דעם, וואָס מען זעהט זי נאָך אַלעמאָל אויף אַלע קאָנצערטען און טעאַטער־פאָרשטעלונגען אין דער בעגלייטונג פון דעם יונגען לייטענאַנט אבנתא. אַ גליק איז. האָט די מאַרקיזע ממוכן מיט רשעות שטילערהייט בעמערקט, אַז אבנתא איז אַ סרים. דאַן איז מען ארויפגעקומען אויפ'ן שמועס וועגען יונגע לייטענאַנטס און ווער עס טרייבט פלירט מיט וועמען. און דאַן ווידער צוריק צו די טואַלעטען און אַז אין באַזאַר, וואו יודען האַלטען די קראָמען טאָר מען נישט קויפען, דען עס אי זאַ באָיקאָט. דאַן האָט זיך דער שמועס אָבגעשטעלט ביי דער פרויען־פראַגע, פרויען — האָט איר מאַיעסטעט די קעניגין ושתי געזאָגט — טאָרען זיך נישט מעהר פון זייערע מענער אַזוי קנעכטען לאָזען. נישקשה, פרויען זענען שעהן גענוג און ווען

זיי וועלען זיך אביסעל פער'עקש'ענען, וועלען די מענער מוזען נאכגעבען. און דאן האט מען גערעדט וועגען שטים־רעכט, און דאן וועגען דעם, אז פרויען זאלען מעגען זיין צוגלייך מיט מענער דאקטוירים און קוימען־קעהרערס און אדוואקאטען און דראשקען־קוטשערס און פראפעסארען. און אזוי ווייטער און אזוי ווייטער. די שטימונג איז געווארען פון מינוט צו מינוט געהויבענער. דער וויין האט אנגעהויבען צו טהון זיין ווירקונג. די באקען האבען געגליהט. די אויגען האבען געברענט. פון מינוט צו מינוט איז מען געווארען תקיפ'ער ביי זיך. מען האט געגליהט אויף מלחמה . . .

און אט זענען פלוצלינג אנגעקומען די זיבען עוונוכען פונם קעניג אחשורוש. זיין קעניגליכע מאיעסטעט דער שאך אחשורוש האט בעפויהלען, אז איהר קעניגליכע מאיעסטעט די קעניגין ושתי זאל זאפארט אריינקומען צום קעניג, אום זיך בעקוקען צו לאזען!

איין אויגענבליק זענען אלע געווען ווי פערשטיינערט. ס'טייטש, א מאן האט בעפויהלען.

איך גלויב נישט, אז די אורזאך פון ושתי'ס נישט וועלען געהן איז געווען דער פערלאנג פונ'ם קעניג, אז זי זאל זיך ווייזען נאקעט אביסעל. אביסעל דעקאלט מעהר אדער אביסעל וועניגער־דערויף קומט עס ביי א פרוי זיכערליך נישט אן. עס זענען פארהאן אפט פרויען, וועלכע טראגען א קורץ קליידעל ביז צום האלז און אויסגעשניטען ביז צום נאפעל, און ביי מיין גאנצער גרויסער אכטונג פאר איהר מאיעסטעט דער קעניגין ושתי, גלויב איך נישט אז זי איז געווען אנ'אויסנאהם. גאנץ בעזונדערס האב איך אלעמאל געהאט די געלעגענהייט צו בעמערקען, אז דוקא די פרויען, וועלכע קעמפען אזוי שטארק פאר פרויען־רעכט, זענען אינ'ם פרט פון דעקאלטירען זיך רעכט פערשווענדעריש. איך מוז אננעהמען, אז ביי ושתי'ן איז די פראגע געווען א פרינציפ־פראגע. דאס פרויען־רעכט איז געווען איהר פרינציפ. זי איז אין דעם דאזיגען פרט געווען אזוי פערעקשנ'ט, אז אפילו די פערלאקעדיגע אויסזיכט, זיך צו קענען ווייזען אין איהר גאנצער שעהנהייט פאר אנ'עדה מענער האט זי קאלט געלאזען.

און דעם סוף פון דער מעשה קענט איהר.

די פרויען־פראגע אָבער האָט זינט דענסמאָל ביז היינט געמאַכט גע-וואַלדיגע פאָרשריט. דער מאַן בעפעהלט. די פרוי האָט שוין לענגסט אויפ־געהערט צו געהאָרכען, דערפאַר אָבער וויל זי, אז דער מאַן זאָל געהאָרכען. זי וויל שוין נישט מעהר קיין גלייכע רעכט, נאָר זי וויל אַלע רעכט אַליין האָבען. אַ מאָדערנע ושתי שיקט זיבען סריסים, אום דעם מאַן מיט געוואַלד צו ברענגען אין דער מינוט, ווען עס ווילט זיך איהר די קאָמעדיע מאַכען.

און דאָס דאָזיגע פורים־שפיעל דויערט ווייטער.

איך אָבער מוז אויסדריקען מיין סימפּאַטיע פאַר דער קעניגין ושתי, וועלכע איז געווען די ערשטע, וואָס האָט דעם מוט געהאַט פאַר פרוי־ען־רעכט צו קעמפען און צו פאַלען.

# אַ הוהן מיט אַ האָהן

דאָ הויבט זיך די מעשה אָן". אייגענטליך אָבער האָט זי זיך אָנגעהויבען שוין פיעל פריהער. זי האָט זיך אָנגעהויבען נישט מיט היהנער און העהנער, נאָר מיט — מענשען. נאָך גענויער: די מעשה האָט זיך אָנגעהויבען שוין מיט יענער מינוט, ווי זעהר קלוגע מוחות האָבען אויסגעטראַכט דאָס זעהר קלוגע וואָרט: נאַציאָנאַליזם. איך קען אפשר נישט קיין צווייט וואָרט אין'ם גאַנצען ווערטער־בוך פון דער מענשהייט, וועלכעס זאָל האָבען אַזאַ פיין שטיקעל אַרבייט אָנגעאַרבייט „פאַר די טובה" פון די מענשען ווי דאָס דאָזיגע וואָרט. אַז איך אַליין בין פון תמיד אָן ענטציקט געווען ביז אין דער טיעפעניש פון מיין נשמה, ווען איך האָב געהערט דאָס וואָרט נאַציאָנאַליזם — דאָס בעדאַרף איך אייך ערשט נישט מבטיח צו זיין, אומעטום און אַלע מאָל, ווען נאָר איך האָב דערלעבט צו הערען אַזאַ גאָלדען וואָרט, ווי למשל, רוסלאַנד פאַר רוסען", „פוילען פאַר פאָליאַקען", „דייטשלאַנד פאַר דייטשען" און אַזוי ווייטער, האָב איך געפיהלט אין זיין גאַנצער גרויס דעם חסד, וועלכען מען וויל דאָ טהון מיט דער מענשהייט. איך האָב פערשטאַנען אויגענבליקליך, ווי זעהר דאָס שמעקט מיט איידעלער מענשענליעבע און ווי פיין די וועלט וועט אויסזעהן, ווען זי וועט געהן אָדער געפיהרט ווערען אויף דעם שעהנעם וועג פונ'ם דאָזיגען פאָרטשריט. איי וואָס, איין פאָלק וועט דאַדורך דורס'ן דאָס צווייטע און מענשען וועלען זיך דורך די דאָזיגע איידעלע לעהרע פרעסען איינער דעם צווייטען — דאָס איז, נאַטירליך, איינע פון יענע קלייניגקייטען, אויף וועלכע אַ „נאַציאָנאַלער" מענש טאָר נישט קוקען. דערויף האָט מען שוין נישט געקוקט פאַר דריי טויזענד יאָהר, און דערויף קוקט מען אויך היינט נישט. דאָס זענען נאָר אַזעלכע „שוואַכהייטען" אָדער „ווייבע, ווייבערישע געפיהלענישען", וועלכע מוזען אויסגעראָטען ווערען. די הויפטזאַך איז, אַלע „פרעמדלענדישע" מוזען אַרויסגעביסען ווערען. אַרויסגעביסען

פון די שולען, אַרויסגעביסען פונ׳ם האַנדעל, אַרויסגעביסען פון דער פּאָליטיק און אַרויסגעביסען אפילו פון די פרייע פּראָפעסיעס און מלאָכות. און אַזוי ווי מענשען זענען בטבע איידעל, האָבען זיי דערפאַר ערפונדען אויך אַנ׳איידעלען נאָמען ; זיי זאָגען נישט אויף גראָב־לשון אַרויסבייסען, נאָר זיי זאָגען דאָס פיינע, נייע וואָרט באַיקאָטירען. נאַטירליך האָב איך געוואוסט פון תמיד אָן, אַז דערביי וועט עס נישט בלייבען : נישט חלילה, אַז דאָס וועט אויפהערען — אַזאַ נאָר בין איך נישט — נאָר אדרבא, די וועלט איז דאָך אַ הולך און וועט מסתמא אויפ׳ן דאָזיגען וועג געהן אַ שריט ווייטער אויך נאָך. האָט מען געזאָגט אל״ף, וועט מען זאָגען אויך בי״ת. דער מענשליכער פערשטאַנד וועט מיט אַנ׳אייזערנער לאָגיק קומען ביז צו דער לעצטער קאָנסעקווענץ — און אפילו ביז צום לעבערליכען. און אָט האָב איך מיך דערוואַרט. די, וואָס אַרבייטען פאַר דער אידעע פון נאַציאָנאַליזירען אַלעס, האָבען אונז אַרויפגעפיהרט מיט זייער נאַציאָנאַליזם נישט נאָר אויפ׳ן בוידעם, נאָר אויך ביז צום היהנערשטאַל. זיי האַלטען שוין ביי וועלען נאַציאָנאַל מאַכען — די היהנער ,אַלע היהנער אין רוסלאַנד זאָלען זיין נאַציאָנאַלע, רוסישע היהנער, און אַלע „פרעמדע״ זאָלען אַרויסגעשיקט ווערען. מען וועט, פשוט, די פרעמדלענדישע היהנער נישט געבען קיין גלייכגעבערכטיגונג. אויב מען וועט איינאָרדענען פאַר זיי אַ פּראָצענט־נאָרמע אָדער אַ טשערטאַ אָסיעדלאָסטי אָדער זיי ערקלערען פאַר רעוואָלוציאָנערען — דאָס ווייסען מיר נאָך נישט. די הויפטזאַך איז, אַז די רדיפה אויף אַלע פרעמדלענדישע, נישט רוסישע, היהנער אין רוסלאַנד האָט זיך אָנגעהויבען. איהר מיינט, איך שפּאַס ?

די צייטונגען זענען פול דערמיט. מיר האָבען אין רוסלאַנד אַ ספּעציאַל־צייטונג מיט׳ן נאָמען „סעלסקי כאַזיאַן״, וועלכע בעשעפטיגט זיך מיט לאַנדווירטשאַפטליכע פראַגען. און אָט איז אין איינעם פון די לעצטע נומערען פון דער דאָזיגער צייטונג געווען אָבגעדרוקט אַ וויסענשאַפטלעכער אַרטיקעל מיט׳ן נאָמען : „וועגען דעם נאַציאָנאַליזם אין דער לאַנדווירטשאַפט„. דער שרייבער, אַ פּנים אַ גרויסער געלעהרטער און דערצו נאָך אַ הייסער רוסישער נאַציאָנאַליסט, שטעהט אויף דעם שטאַנדפּונקט „רוסלאַנד

פאַר רוסען" און מהאי טעמא אויך „רוסלאַנד פאַר רוסישע היהנער". אַלע פרעמדער היהנער טויג אויף כפרות. עס רעדט זיך אַזוי „אויף כפרות". אָבער מיינען מיינט ער, אַז אפילו אויף כפרות איז כדאי צו נעהמען נאָר רוסישע היהנער אין העהנער. מיט איין וואָרט: „איסטינאָ רוסקיע". אַלע פרעמדע נאַציאָנאַליטעטען, איך מיין היהנער־נאַציאָנאַליטעטען מוזען אויסגעטיליגט ווערען. דער דאָזיגער געלעהרטער, הייסען הייסט ער אָכטאַפּיעוו, פּאַלעמי־זירט אין זיין אַרטיקעל מיט אַ צווייטען געלעהרטען, מיט אַ געוויסען שאוו־ראָוו, וועלכער האָט שוין פריהער גערעדט וועגען דעם דאָזיגען געגענשטאַנד און וועלכער האָט געהאַט מתיר געווען קוטאַאיסעגע לענקאָראַנער און מיטעל־אַזיאַטישע היהנער, און אָט קומט דער געלעהרטער אָכטאַפּיעוו און מאַכט אַ געוואַלד און טענה'ט אַז די דאָזיגע זענען אויף קיין האָהר נישט בעסער ווי ענגלישע, בעלגישע אָדער איטאַליענישע היהנער און אַז מוזען מוז מען האָבען נאָר עכט־רוסישע. קאַווקאַזיער און קאַספּיער און מיטעל־אַזיאַטען זענען פאַר זיינעטוועגען אויך אַזעלכע פרעמדע נאַציאָנאַליטעטען ווי די מיטעל־אייראָפּעער. מען מוז זיי אויך אַזוי רודפ'ען. די הויפּט־זאַך איז, זעלבסטפערשטענדליך, די ריין רוסישע ראַסע. אַלע אַנדערע זענען שעדליך. וויל מען אַרויסקריגען אַ נאַציאָנאַלע הוהן, מוז מען קולטיווירען און אויס־פיינערען און אויסאיידעלען די ריין רוסישע הוהן. אַלע אַנדערע מוזען באָי־קאָטירט און אונשעדליך געמאַכט ווערען. און אָט דעם דאָזיגען וויסענשאַפט־ליכען אַרטיקעל בעפּוצט דער וויסענשאַפטליכער מחבר אויך מיט אַ „פּאָרט־רעט". אַ פּאָרטרעט פון אַ ריין־רוסישער הוהן. פּראָסט: כזה ראה וקדש. אַזוי זעהט אויס: אַנ'אַנשטענדיגע הוהן, וועלכע האָט די עהרע צו זיין די פאָרשטעהערין פון דעם ריין־רוסישען נאַציאָנאַל־היהנערטום.

נאַטירליך: יעצט וועט מען נישט בלייבען שטעהן מעהר אויפ'ן האַל־בען וועג. האָט מען געזאָגט אל"ף, איז מען געקומען און מע האָט געזאָגט אויך בי"ת, און אָט וועט מען באַלד זאָגען אויך גימ"ל און דל"ת און אַזוי ווייטער. מען וועט די גליקליכע אידעע פונ'ם נאַציאָנאַליזם באַלד אויסרע בענען אויך אויף אַלע אַנדערע עופות און חיות. און באמת זעה איך נישט איין פּאַרוואָס די הוהן אַליין זאָל זיין אַזוי גליקליך. מען וועט זיך באַלד

נעהמען צו די גענז און צו די פייגעל און צו די קיה און די פערד און מען וועט זיי מאַכען נאַציאָנאַל. אַלץ מוז ווערען נאַציאָנאַל. קיין שום פרעמדעס און פרעמדלענדישעס טאָר נישט געדולדעט ווערען. נישט קיין פרעמדלענדישע קונסט, נישט קיין פרעמדלענדישע וויסענשאַפט, נישט קיין פרעמדלענדישע ערפינדונג, למען השם נאָר נישט פרעמדעס, און ווען עס וועט זיך אַמאָל מאַכען, אַ קראַנקער וועט ליגען אין זיינע גרויסע שמערצען און רעטען וועט איהם קאָנען נאָר אַ פרעמדלענדישער דאָקטאָר, מוז מען קענען אויף אַזוי פיעל מקדש השם זיין און דעם דאָזיגען פרעמלענדישען דאָקטאָר נישט דערלאָזען צום קראַנקען. דער הייליגער נאַציאָנאַליזם פערלאַנגט דאָס, אַלץ וואָס קומט פון דער פרעמד מוז באָיקאָטירט ווערען. דאָס איינציגע פרעמדלענדישע, וואָס מען מעג אפשר אָננעהמען, איז און בלייבט נאָר דאָס פרעמדלענדישע געלד. דער הייליגער נאַציאָנאַליזם פערלאַנגט דאָס.

ווי די פרטים וועלען זיין, מיט וועלכע מען וועט זיך בענוצען, אום די גרויסע ערהאַבענע אידעע פון דער נאַציאָנאַליזירונג פון די היהנער דורכצופיהרען? — איך ווייס עס נישט. ביז יעצט האָבען די נאַציאָנאַליזם־ספעציאַליסטען אין דער אַלגעמיינער פרעסע צו דעם דאָזיגען געגענשטאַנד נאָך קיין שטעלונג נישט גענומען. איך וואַרט נאָך אויף דעם ליכטיגען וואָרט פון מענשיקאָוו און גורלאַנד און די אַנדערע. אפשר וועלען אויך אונזערע באַלקס־מריבונען זייער וואָרט וועגען דעם זאָגען, איך אַליין, בעניות דעתי, שטעל מיר פאָר די זאַך, ווי איך האָב זי שוין אויבען אָנגעמערקט. אונזערע נאַציאָנאַל־העלדען וועלען ביי דעם גרויסען ווערק פון דער היהנער־און העהנער־נאַציאָנאַליזירונג מסתמא געהן אויפ'ן זעלביגען וועג, אויף וועלכען זיי זענען געגאַנגען ביי זייערע אַנדערע נאַציאָנאַליזירונגען ביז יעצט: זיי וועלען איינפיהרען אַ שטרענגע קאָנטראָל אויף אַלע פרעמדלענדישע היהנער, אַ מין רעגיסטרירונגס־ביכעל וכדומה, זיי וועלען זיי אין די אַנדערע גובערניעס נישט לאָזען וואוינען. זיי וועלען זיי צום אייער־לעגען דערלאָזען נאָר ביז צו אַ געוויסער פראָצענט־נאָרמע, זיי וועלען זיי אויפ'ן באַרג מיסט, לאָזען פיקען נאָר בעשטימטע פאָליצייליך־ערלויבטע קערנער,

זיי וועלען זיי טאָג־טעגליך דורך די „דווא גראָשע” באַיקאַטירען לאָזען און אזוי ווייטער און אַזוי ווייטער.

ווי שעהן איז גאָט׳ס וועלטעל! עס איז נישט פארהאַן קיין שענערע און ריינערע אידעע, ווי די נאַציאָנאַל־אידעע. זי פיהרט פון ערהאבענעם ביז צום לעכערליכען — פונ׳ם מענש ביז צו היהנער און העהנער.

# הבל הבלים

געדענקסטו נאָך דעם שפּרוך, דעם טרויעריגסטען פון אַלע טרויעריגע, וועלכער נעהמט דיך אַרום מיט אַנ'אונענדליכער טרייסטלאָזיגקייט און פרעסט דיר טרעהרען אין די אויגען אַריין און לאָזט דיך דורך זיין נאָגענדען אומעט וויסען, ווי עלענד דו ביסט, און זאָגט דיר אָן, אַז דיין לעבענס־ווינטער געהט? — דער טאָן דערמאָהנט אַ קאַלטען שניי, וועלכער איז נאָך נישט געפאַלען, און נאָר ער הענגט דערוויילע, אומגעזעהן, אין דער לופט. די גאַנצע נאַכט האָט היינט דער ווינד געפּייפט אַזעלכע ווילדע און נאַרישע מעלאָדיעס, אַ מינוט מיט אַ געפילדער און אַ מינוט פאַמעליך, און די שווערע רעגענטראָפּענס האָבען אויף דעם שוואַרצען פענסטער צוגעקלאַפּט דערצו דעם טרויעריגען טאַקט. און אויך דער הונד אויפ'ן הויף האָט היינט אַזוי יאָמערליך געוואָיעט. קום מיין קינד, טהו אויס דיין אַטלאַס־פאַנטאָפל און זעץ דיך אַהער צו מיר אויף די קניען: דעם טרויעריגסטען פון אַלע טרויעריגע שפּרוכען מוז איך דיר היינט הויכען אין דיין אויער און אין דיין האַרץ אַריין . . .

„נאַרישקייט איבער אַלע נאַרישקייטען, האָט געזאָגט דער קוהלת — און אויך דאָס דאָזיגע אַליין איז אַ נאַרישקייט: דאָס קלערען און דאָס רעדען וועגן דעם" . . .

און דאַן ווידער: — „עס שיינט די זון און עס געהט אונטער די זון, זי געהט קיין דרום און דרעהט זיך קיין צפון, עס דרעהט זיך און דרעהט זיך דער ווינד געהענדיג, און דרעהענדיג קעהרט זיך אום דער ווינד. אַלע דינג איז אַזוי לעסטיג און לאַנגווייליג. עס קאָן עס דער מענש נישט אַרויסרעדען, עס ווערט קיין אויג נישט זאַט פון זעהן און עס ווערט קיין אויער נישט פול פון הערען" . . .

האָרך, מיין קינד, ווי עס פאַלט ווי אייז פלאָקענס איבער די צאַרטעסטע בליהטען פונ'ם לעבען. ווי געלע פערוויאַלעטע בלעטלעך רוישט עס אַראָב צו דער ערד אין דעם הערבסטליך־וויסטען האַרץ.

ווייטער! — „און געזאָגט האָב איך מיר: גוּה, לאָמיר פּרובען פרעה־ליך זיין, לאָמיר א לעב־טהון א גוטען טאָג — איז אָבער אויך דאָס א נאַ־רישקייט . . . האָב איך געזאַמעלט זילבער און גאָלד און קעניגליכע קאָסט־באַרקייטען, און זינגערס און זינגערינס און אַלע פערגעניגענס האָב איך מיר אָנגעטהון. אַלץ וואָס מיינע אויגען האָבען פערלאַנגט, האָב איך נישט פערשפּאָרט פון זיי — איז אויך דאָס געווען א נאַרישקייט . . . האָב איך הכמה געלערענט און וויסענשאַפטען און קונסט, און קליגער בין איך גע־וואָרען און געבילדעטער און וויסענשאַפטליכער מעהר פון אַלע מענשען אונטער דער זון — האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז אויך דאָס איז א נאַריש־קייט . . . און מיט פּרויען האָב איך מיך אָבגעגעבען און מיט ליעבע און מיט זוכען גליק ביי ווייבער — איז דאָס ערשטע רעכט געווען א נאַריש־קייט . . . און א צדיק בין איך געווען ,און דאַן האָב איך געפּרובט און בין געווען א רשע — און זעה,ביידע צוזאַמען איז א נאַרישקייט" . . .

און איך קאָן מיך נישט אָברייסען דערפון, און איך מוז נאָך און נאָך, און איך מוז שוין אַזוי געהן ביז צום סוף —

„ביז עס וועלען נישט קומען די טעג פון'ם בייז און עס וועלען נישט דערגרייכען דיך די יאָהרען, וואָס דו מוזט זאָגען: איך האָב קיין פערלאַנ־גען נישט נאָך זיי, און עס ווערט פינסטער די זון און דאָס ליכט, די לבנה און די שטערען, און עס קעהרען זיך אום די וואָלקענס נאָך דעם רעגען. און אָט וועט זיין א טאָג, ווען עס ווערען פערציטערט די וועכטער פון'ם הויז און סווערען פערקרומט די אויפּפּאַסערס, און עס וועלען ווינציג ווערען די מהיל־שטיינער און וועלען אויפהערען צו אַרבייטען, און פענסטער וועלען ווערען די קוקערס אין די לעכער . . . פּלוצלינג קריגט מען מורא פאַר עפּעס אין דער הויך און מען ציטערט פאַר גריבער אונטען אויפ'ן וועג . . . און דאַן רייסט דאָס שטריקעל און עס ברעכט זיך דער קרוג ביים קוואַל, און אָט קעהרט זיך אום דער שטויב צו דער ערד — — —

און נאַרישקייט איבער אַלע נאַרישקייטען, האָט געזאָגט קוהלת — און דאָס גרעסטע נאַרישקייט איז דאָס טראַכטען און דאָס זאָגען, אַז עס איז א נאַרישקייט. אפילו דאָס, מיינע קינדערלעך, לויהנט זיך נישט" . . .

*

דורך פּוסטע, וויסטע גאַסען האָט עס מיר געטראָגען אין דער פינס־טערער נאַכט, און מיין מיעדער קאָפּ האָט געטראַכט און געטראַכט. אַך, דאָס דאָזיגע אייביגע טראַכטען! אַך, דער דאָזיגער הבל־הבלים! דער גרעס־טער איז ער פון אַלע, דער לעצטער פון די נאַרישקייטען — אָבער עס נוצט נישט: עס טראַכט זיך, נישט ווילענדיג.

און איך געה, און אין מיין קאָפּ עגבערט עס: — נאָר פינף יאָהר וועלט־מלחמה, און גענוג זענען געווען די דאָזיגע פינף יאָהר, אום אַ גאַנצע וועלט אויפ׳ן קאָפּ צו שטעלען. בעגריפען פון נעכטען זענען היינט מעהר נישט גילטיג. טויזענדער וועלט־אַנשויאונגען, טויזענדער אמת׳ן פון נעכטען און פון עהערנעכטען, טויזענדער אַנזיכטען, וועלכע זענען אונז געלעגען אינ׳ם בלוט און אינ׳ם פלייש — היינט זענען זיי ווי מיטען רויך אַוועק. עס איז געקומען די אמת׳ע איבערוועדטונג פון אַלע ווערטען. דער מענש איז פּלוצ־לינג אַזוי רייף געוואָרען. ער זעהט אַלעס אַזוי קלאָר, און די קוהלת פילאָ־זאָפיע איז איהם נאָך קיינמאָל נישט אַזוי פערשטענדליך און אַזוי געלויפיג געווען ווי איצט. אַ קינד אין זיין וויעגעל, דאַכט זיך, קוקט שוין היינט מיט זיינע קליינע אויגעלעך אין די וועלט אריין, און די אויגעלעך ווייסען שוין דעם סוד און זיי שמייכלען: הבל הבלים!

פּאַטריאָטיזם? — דער, וועלכער רעדט אַרויס דאָס וואָרט, בלייבט פּלוצלינג פערשעהמט און וויים, אַז קיינער וועט עס איהם היינט נישט מעהר גלויבען. עס איז אַ וואָרט. ווי טויזענד אַנדערע אין דעם ווערטער־בוך, וועלכע דער מענש האָט זיך פאַבריצירט, אום זיין פּאָליטיק דורכצוזעצען און זיינע צוועקען צו דערגרייכען. הבל הבלים האָט געזאָגט קוהלת! יושר; זאָגט איהר? קליינע שטאַאַטען? גרויסע שטאַאַטען? קריעג פאַר מענשען־רעכט? קריעג פאַר גלייכשטעלונג פונ׳ם שוואַכען מיט׳ן שטאַרקען? קריעג און אַריינמישען זיך אינ׳ם קריעג נאָר לשם־שמים און צוליעב אַן׳אידעאַל? — אַך, דו ליעבער גאָט! אפילו קינדער אין די וויעגען האָבען שוין אויפ־געהערט נאַאיוו צו זיין, און ווען די מלחמה האָט נישט אויפגעמאַכט די אויגען דעם האָט דער שלום געמאַכט זעהעוודיג. „און געזעהן האָב איך, אַז די גאַנצע אַרבייט און די געשיקליכקייט פון יעדער טהאַט בעשטעהט נאָר אין דער קנאה פון איין מענש צום צווייטען — און אויך דאָס איז אַ נאַריש־

קייט און א ווינד־טרייבען. נאַרישקייט איבער אַלע נאַרישקייטען, האָט געזאָגט דער קוהלת!"

וואָס איז אַ שטאַט? וואָס איז אַ לאַנד? וואָס איז אַ פאָלק? וואָס איז ליעבען און האַסען? וואָס איז לעבען און שטאַרבען? אַנ'אויסגעבלאָזען איי! עס לויהנט זיך נישט, אַ מינוט זיך דעריבער צו פערטראַכטען — דען אויך דאָס איז אַ נאַרישקייט . . .

און געדענקט איהר אפשר, וואָס אַ קייזער איז? וואָס אַ קעניג איז? — עפּעס ווי אַ צויבער איז געלעגען אויסגעשפּרייט איבער'ן דאָזיגען וואָרט. מען האָט געמעגט זיין רעוואָלוציאָנעריש, וויפיעל מען האָט געוואָלט, אָבער אַ געוויסען רייץ האָט דאָס וואָרט געהאַט פאַר'ן אויער. פאָרט עפּעס אונגעוועהנליכעס. און די פאַנטאַזיע האָט זיך בעשעפטיגט מיט דעם לעבען און מיט דעם שטאַרבען און מיט דעם רעדען און מיט דעם שווייגען און מיט דעם עפענטליכען און מיט דעם פּריוואַטען לעבען פון אַזאַ קייזער אָדער קעניג. און אין אונזערע ערצעהלונגען פאַר קינדער האָט דער מלך און דער בן־מלך און די מלכה און די בת־מלכה געשפּיעלט אַזאַ גוואַלדיגע ראָלע. זענען אָבער געקומען פינף יאָהר און האָבען אַראָבגעריסען דעם דאַך פון דעם גאַנצען וועלט־בנין און האָבען אונז געלאָזט קוקען ביז אויפ'ן גרונד פון אַלע זאַכען — אַז אַ שוידער האָט אונז אַרומגענומען פאַר דער גאַנצער הויהלקייט. עס איז אַלעם געוואָרען אַזוי וואָכעדיג און אַזוי פּראָסט. אַזאַ קייזער אָדער קעניג שטעהט אין דורכשניטס ריין מענשליך גענומען, אַ סך נידריגער ווי דער געוועהנליכסטער צווישען אונז. וועט קומען אַמאָל אַ צייט, אַז מען וועט איינפיהרען אַ וואַלוטאַ אויף מענשען, וועט דאָס פערהעלטניס פון אַ קייזער צו אַ געוועהנליכען מענשען זיין ווי היינט דאָס פערהעלטניס פון אַ מאַרק צו אַ דאָלאַר: מען וועט 35 קייזער געבען פאַר איינעם אַ רעכטען מענשען. — אָבער אויך דאָס איז אַ נאַרישקייט, האָט געזאָגט דער קוהלת!

און אַ מיניסטער? — רבונו של עולם, וואָס האָט נישט דער קריעג אַלץ געמאַכט פון די דאָזיגע הערליכקייטען! דער גאַנצער גלאַנץ איז אַראָב פון אַזאַ מין חיה, און מיר זענען פּלוצלינג געוואָהר געוואָרען, ווער און ווי און וואָס און ווי אַזוי און צו וואָס ווערט אַזעלכעס געמאַכט און וואָס

אזינס עס איז. די פֿאַריגע וואָך האָט מיר עמיצער געזאָגט, אַז איך האָב א קאָפּ פֿון א מיניסטער, און איך האָב דעם דאָזיגן אויגענבליקליך פערק־לאָגט אין געריכט פאַר בעליידיגונג — אָך, ווי נאַריש איז דאָס לעבען!

און דער דיכטער אין היינט געוואָרען אזוי וואָכעדיג אין אונזערע אויגען, דען דער קריעג האָט אונז געמאַכט אזוי ניכטער און מיר ווייסען פּלוצלינג וואָס אזוי איינער איז און ווי אזוי ער מאַכט זיך. עס איז נישטאָ קיין סוד מעהר, די וועלט איז פּלוצלינג אזוי זעהעוודיג געוואָרען. און דער פֿאָרשער און דער פילאָזאָף און דער אידעען־מאַכער, און דער, וועלכער האַנדעלט מיט דיפּלאָמאַטיע און פּאָליטיק און דער, וועלכער האָט א קרע־מעל מיט רעוואָלוציע און מענשען־בעגליקונג, אַלע, אלע זעהען מיר איצט אזוי קלאָר און אזוי דייטליך „אַלע וועט אוועקטראָגען דער ווינד, דען אַלעס איז נאַריש און א ווינד־טרייבעניש!

*

געדענקסט דו נאָך דעם הבל הבלים, דעם טרויעריגסטען פון אַלע טרויע־ריגע שפּרוכען? — וויסטע טרייסטלאָזיגקייט כאַפּט־אָן ביים האַרץ. ווען מען קוקט אזוי אין לעבען אריין. און שוין דאָס היינטיגע קינד זעהט אזוי דאָס לעבען. די קוהלת-פילאָזאָפיע אין אַלעמען אזוי קלאָר און אזוי געלויי־פיג. מען וויל פון זיין אייגענער הויט ארויס, ווען מען דערמאָהנט זיך אין דעם. פערשאָלטען האָט געמענט ווערען א מלחמה, איידער זי האָט א וועלט אזוי רייף געמאַכט!

אָבער אויך דאָס אַליין, זאָגט קוהלת, איז דאָך א נאַרישקייט . . .

# המן

ווי איך שטעל מיר איהם פאר: א פערשיסער מיניסטער אינ׳ם אלטען פארצייטיגען פערסיען. א זעהר גרויסע זאך מוז דאס נישט זיין געווען. אויב אזעלכער איז געווען פרעוואסכאדיטעלסטווא? אויב ער האט געהאט דעם טיטעל גראף? איך גלויב דאס נישט. עפעס א מיניסטערעל אדער העכסטענס א פרעמיער־מיניסטערעל, לאמיר זאגען א גרויסוויזיר אבער אפליו א מיניסטער, און זאגאר א פרעמיער־מיניסטער, און זאגאר א גרויס־וויזיר אינ׳ם אלטען פארצייטיגען פערסיען מוז נישט זיין געווען אזאאיי־איי. מיט עטליכע רובעל, אדער גאר פראסט דורך צושטעלען עפעס א רעכט מיידעל צום קעניגליכען הארעם, האט מען אזא טשין געקאנט לייכט דערגרייכען. אין געלד־אנגעלעגענהייטען האט מען זיך געווענדעט צום שאך אליין, און מיט מיידלעך — צום הערן הגי אדער צום הערן שעשגז אדער צו די אנדערע אינטענדאנטען, מיט וועלכע עס האט זיך יעדענפאלס געלאזט האנדלען. געזעלשאפטען צום „שוץ געגען האנדעל מיט לעבעדיגער סחורה” זענען נאך דענסמאל נישט געווען. איבערהויפט איז דאס דעמאלדיגע פערסיען נאך גארנישט געווען דאס, וואס היינט; עס איז נאך געווען זעהר צוריק אין זיין קולטור. ארדנונג אין לאנד איז אויך נאך נישט געווען, דען ענגלאנד האט נאך נישט געהאט אהינגעשיקט זיינע שטראפעקספעדיציעס, אום דארטען ארדנונג צו מאכען. ציוויליזאציע אין לאנד איז אויך נאך נישט געווען, דען די אנדערע האבען נאך נישט געהאט אהינגעשיקט זייער מיליטער, אום דארטען ציוויליזאציע צו פארשפרייטען אלץ איז נאך געווען זעהר פרימיטיוו. אפילו א מעדזשילים, א פארלאמענט הייסט עס, האבען זיי נאך נישט געהאט. ווען ס׳איז אמאל אויסגעקומען צו מאכען עפעס א הריגה׳לע אין איינער פון די 127 מדינות, אזוי אז איין פאלק זאל אבבייסען דעם צווייטען די גזער, זענען זיי נאך נישט געווען אזוי געבילדעט, אז אזא זאך זאל דורכגעהן צוערשט אין דער מעדזשילים

און זאָל ווערען אָנגענומען פון דעם רוב דעפּוטאַטען, נאָר דער שאַך אַליין האָט דאָס נעבעך געמוזט טהון אויף זיין אייגענער אחריות. יעדען טאָג צוויי א זייגער נאָכמיטאָג, אזוי באַלד ווי דער שאַך אחשורוש איז אויפגע־שטאַנען פונ׳ם שלאָף און איז ארויס פון זיין הארעם, קוים־קוים וואָס ער האָט בעוויזען ארייננצוכאַפּען אַביסעל „שתיה כדת״, איז ער אריין אינ׳ם קעניגליכען דיוואַן, אום צו „רעגירען״. א שעה אויפ׳ן זייגער פלעגט ער יע־דען טאָג א רעגיר געבען, און אַלץ אויף דער גיך. 127 מדינות אָברעגירען איז דאָך נישט אַזא שווערע זאַך. ארום איהם פלעגען זיצען די זיבען ווי־זירען — די מיניסטאָרען הייסט עס — די הערערען כרשנא, שתר אדמתא און די אַנדערע, און דער גרויס־וויזיר המן אין דער שפּיץ. דען „זיין שטעל איז געווען געהויבען פון אַלע ווזירען״. האָט דער שאַך אחשורוש געשאָ־קעלט מיט׳ן קאָפּ אויף יאָ, האָבען די הערערען מיניסטאָרען אויגענבליקליך פערלעגט די הענד איבער דער ברוסט און האָבען זיך אַוועקקעוואָרפען אויף דער ערד און האָבען מיטגעשאָקעלט אויף יאָ; האָט דער שאַך אחשורוש געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ אויף ניין, האָבען די הערערען מיניסטאָרען אויגענ־בליקליך דאָסזעלביגע געטהון. אָפּט אָבער אינמיטען דער בעסטער ארבייט, ווען דער שאַך אחשורוש האָט אויפ׳ן הויף עפּעס איינע פון די ווייבלעך דערבליקט, האָט ער אויסגעשטרעקט צו איהר די גאָלדענע רוט און איז ארויס צו איהר אויפ׳ן הויף, פערגעסענדיג די 127 מדינות און די געשעפטען און די מיניסטאָרען . . .

איינמאָל נאָר האָט די אוידיענץ אינ׳ם קעניגליכען דיוואַן א פּאָר מי־נוט לענגער געדויערט. עס איז געווען דענסמאָל, ווען דער גרויס־וויזיר המן איז געקומען מיט א פּאָרטראַג וועגען די עטליכע מיליאָנען יודען. ער האָט דאָס געמאַכט בקיצור. אפשר ווייס דער קעניג, אז מיר האָבען ביי זיך א פאָלק, וועלכעס הייסט יודען. נאַטירליך האָט דער קעניג דאָס נישט געוואוסט. און דער מיניסטער האָט איהם ערשט געמוזט דערמאָהנען. ביי 127 פער־שידענע פעלקערשאַפטען קען זיך מאַכען, אז א קעניג, און דערצו א קליין קעפּעל, פערגעסט אמאָל עטליכע מיליאָנען און ווייס זיי נישט. און דאָן האָט ער איהם געזאָגט: אדוני מלך, אזוי און אזוי. אזוי ווי די יודען זענען צעזייהט און צעשפּרייט און האָבען חוץ דעם נאָך עטליכע אַזעלכע מעלות,

על־כן זאָל געשריבען ווערען, מען זאָל זיי פערטיליגען, און צעהנטויזענד צענטער זילבער וועל איך געבען דערפאַר די מלאָכה־מאַכערס. דערביי האָט ער צוגעדריקט דאָס לינקע אויג און האָט כיטרע צוגעשמייכעלט, און גע־טראַכט האָט ער זיך בעת מעשה: אַ טפש איז ער אפשר וועט ער דאָס געלד אויך נישט וועלען נעהמען און וועט די הריגה לאָזען מאַכען אויף שטאַאטס־קאָסטען. נישקשה, אַזעלכע מלאָכה־מאַכער האָבען עס כשר פערדיענט, אַז די רעגירונג זאָל זיך עפּעס לאָזען קאָסטען אויף זיי פּאָר זייער פיין שטיקעל ארבייט. און כך הוה, דער שאַך אחשורוש, אין זיין איידעלען אידעאַליזם פאַר אַ גרויסע זאַך, האָט דאָס געלד גאַרנישט געוואָלט נעהמען און די יו־דען האָט ער דעם פּרעמיער־מיניסטער סיי ווי סיי אַוועקגעשאָנקען. לאַנג צייט צו טראַכטען האָט שאַך אחשורוש איבריגענס נישט געהאַט. עס איז שוין שפּעט געווען, און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט המנ׳ען טרינקען . . .

אויב די וועלט האָט דענסמאָל געשוויגען? אויב דאָס „געוויסען אַזיענס" האָט זיך נישט אָבגערופען? אויב הינטער־אינדיען האָט מען נישט געמאַכט מיטינגען און מרעיש עולם געווען? אָה, דאָס דאַזיגע אונציוויליזיר־טע אַזיע! די ציוויליזאַציע איז נאָך אַזוי קליין געווען, אַז זיי האָבען נע־בעך גאַרנישט פערשטאַנען, אַז צוליעב דעם עסק דאַרף מען מאַכען אָט די דאָזיגע אַלע קאָמעדיעס. אָבער טויזענדמאָל אָרימער און טויזענדמאָל קלע־נער פון זיי אַלעמען קומט מיר אויס המן אליין. אָרימער און קליינער המן! ווי קוקסטו אויס אין מיינע אויגען מיט די השגות פון פיינינגען יודען און מיט דיין ביסעל רשעות און דיין ביסעל שנאה און דיין ביסעל רדיפות און דיין גאַנצע בעהאַנדלונג פון דער יודען־פראַגע, ווען איך זאָל דיך וועלען פערגלייכען מיט אַ היינטיגען גרויסען אין עפּעס אַ ציוויליזירט, מאָדערן, אייראָפּעיש לאַנד מיט אייראָפּעישער קולטור! דיין ביסעל נאַרישער אַנטי־סימיטיזם, אַזוי גרויס ווי אַ שפּילקע־קעפּעל, האָט אַ פּנים היינט פון אַ קאַ־נאַריקעל נעבען אַ בער. די ציוויליזירטע וועלט האָט זינט דענסמאָל געמאַכט געוואַלדיגע פאָרט־שריט, די טעכניק פון דער יודען־שנאה איז איצט טוי־זענדמאָל אויסגעפיינערטער און אויסגעבעסערטער, די מאַשינעריע קלאַפּט איצט טויזענדמאָל געשיקטער, מען מוז פּראָסט אַראָבהענגען די אויגען, ווען מען זעהט, אַז אַזאַ אונשולדיג בעשעפעניש ווי אַ המן ווערט אויך אריינגע־

צעהלט אין די חברה. מיר דאכט זיך אלץ, ווען מען זאל היינט רעווידירען זיינע אקטען, וועט ער אונז אויסגעקומען א צדיק תמים.

קודם־כל זיין נאאיוויטעט. ער האט פיינט געהאט איין יוד, און נוקם זיין איז ער זיך געגאנגען אינ׳ם גאנצען פאלק. אומגעקעהרט ווי מען מאכט דאס אין א ציוויליזירט פארטגעשריטען לאנד. דארט האט מען פיינט אלע, און דעם כעס לאזט מען אויס צו איינעם, צום ערשטען בעסטען, וועלכען מען דערטאפט, און מען נעהמט איהם און מען ווארפט איהם אריין אין א פינסטערע תפיסה, כדי ער זאל ליידען פאר׳ן גאנצען פאלק. און דאן דער גאנצער הויפט־פלאן פונ׳ם דאזיגען פערסישען גרויס־וויזיר. ווייטער איז נישט געגאנגען די השגה פון זיין נארישער רשעות, ווי נאר וועלען אויס־שעכטען דאס ביסעל יודען אין איין טאג. אזוי ווי דער טויט וואלט שוין זיין דאס ערגסטע! אוי, נארישער אזיאט, האסט דו נאך נישט געוואוסט, אז דאס איז פשוט א וואוילטאט אין פערגליך מיט דעם, וואס מען קאן א מענשען אנטהון לעבעדיגערהייט? — איך דעם ציוויליזירטען פארטגעשרי־טענעם איירָאפּא איז מען שוין א רעכט ביסעל ווייטער. יודען זאלען לעבען, און ווען זיי זאלען א מינוט פערמאטערט ווערען, וועט מען זיי פראסט אריינ־שפריצען קאמפער אונטער דער הויט, כדי זיי זאלען דערוואכט ווערען און לעבען, — און נאר שטיקער וועט מען רייסען פון זייער פלייש און פון זייער גייסט לעבעדיגערהייט. דאס איז שוין אזוי די פרוכט פון ציוויליזאציע און פון פארטשריט. וועט מען זיין איבערצייגט, אז זיי קענען דאס וואָרט בלוט פראסט נישט הערען, וועט מען דוקא ודוקא מיט דעם אייזינגסטען שפאט אויף די ליפען זיי זאגען טאג און נאכט, אז זיי עסען קינדער־בלוט, און מען וועט דערפון מאכען גאנצע קאמעדיעס און מען וועט אנדרעהען גאנצע מאשינעס און מען וועט פערקאכען א גאנצע קאשע, און דער פראסטער עולם וועט אויפ־רייסען די מיילער און וועט הארכען. וועט מען זיין איבערצייגט, אז אונטער זעקס מיליאנען פון זיי זענען פארהאן פינף מיליאנען מיט ניינמאל הונ־דערט ניין און ניינציג טויזענד, וועלכע שטארבען פראסט זיבענמאל א טאג פאר הונגער און ווערען געשוואלען פאר נויט און פאר דחקות, וועט מען דוקא ודוקא זיי זאגען טויזענדמאל א טאג אין פנים אריין, אז זיי עקספּלוא־טירען דאס גאנצע לאנד און פערכאפען אלץ און זויגען־אויס דאס גאנצע

איבעריגע פאָלק. וועט מען זיין איבערצייגט, אַז די איינציגע טרייסט, וואָס איז איבערגעבליבען דעם דאָזיגען „פאָלק פונ׳ם בוך”, איז דאָס ביסעל לערנען, וועט מען דוקא ודוקא טאָג־טעגליך אויסקלערען נייע שטוקעס, אום איהם בשום אופן נישט צו דערלאָזען צו קיין שום שולע. וועט מען זעהען, ווי מיט הענד און מיט פיס פראָסט ווי אַ משוגענער געגען די ענגע עטליכע שטעדטלעך, אין וועלכע מען האָט איהם ארייננעשטופט און אין וועלכע ער שטיקט זיך, וועט מען דוקא ודוקא יעדען טאָג קומען מיט נייע פשט׳לעך, אום איהם אויך די דאָזיגע עטליכע שטעדטלעך נאָך ערגער צו מאַכען, טויזענדמאָל מעהר אָבער פון דעם אַלעם וועט מען זעהען יעדען טאָג זיין מענשען ווערדע צו טרעטען מיט די פיס און זיינע געפיהלען אַלס לעבעדיגער מענש צו פערשוועכען, אַז טויזענדמאָל אין טאָג זאָל ער זיך שוין בעסער ווינשען דעם טויט.

*

איהר זאָגט, אַז דאָס איז טרויעריג? — נאַטירליך איז עס טרויעריג, אַז אייראָפּאַ האַלט שוין אַזוי ווייט אין איהר פאָרטשריט און איהר ציוויליזאַציע — און דאָס דעמאָלדיגע פּערסיען איז נאָך געווען אַזוי ווייט צוריק.

לאָמיר בעסער פרעהליך זיין. לחיים, ברידער!

# ח מ ץ

איך געדענק, ווי עס וואָלט ערשט נעכטען געווען: דער טאַטע שטעהט מיט'ן קאַכלעפעל און מיט'ן פלעדערוויש און מיט אַ קליין וועקסערן ליכטעל און איז בודק, קליינע ברעקעלעך איז ער בודק, און איך, דאָס קליינע יונגעלע, שטעה נעבען איהם און קוק מיך צו, און די בעקעלעך פלאַמען און די אויגען בריהען: רבונו של עולם, ווי קליין איז דאָס אַלעס! וואָס מ'שטיינסגעזאָגט איז זנאַטשעט אַזאַ לעפעלע און אַזאַ פעדערעל און אַזאַ ליכטעל?

און אַ מערקווירדיגער, נאַרישער, וואונדערליכער וואונש האָט מיך דורכגענומען און איז נישט מעהר אָבגעטרעטען פון מיר: ווען איך וועל זיין אַ גרויסער, וועל איך דאָס מאַכען גאָר אַנדערש. מיין קאַכלעפעל וועט מוזען זיין אַ גרויסער, טויזענדמאָל גרעסער ווי דער דאָ איצטער, פון דאַנען ביז עק וועלט וועט ער מוזען גרייכען; און אַ פלעדערוויש וועל איך מיר שאַפען, איין פלעדערוויש איבער אַלע פלעדערווישען, געפלאָכטען און צונויפגעבונדען פון אַלע פעדערען פון דער וועלט און אַזוי גרויס ווי פון דער ערד ביז צום הימעל; און נישט אַ קליין וועקסערן ליכטעל וועל איך מיר נעהמען צו הילף, נאָר אַ גאַנצע זון — קלענערס פון אַ זון וויל איך גאָרנישט קענען; און נישט ברעקעלעך וועל איך אָבקעהרען, נאָר גאַנצע בערג, און נישט עטליכע מינוט וועל איך בודק'ענען און מבער זיין. נאָר טאָג און נאַכט, טאָג און נאַכט, אַ גאַנץ לעבען לאַנג וועל איך קעהרען און ווישען און אָברוימען, און אויסראָטען וועל איך דעם גרויסען, גרויסען חמץ, נאָר דעם גרויסען, ביז עס וועט נישט איבריג בלייבען פו איהם קיין שריד ופליט... אוי נאַריש יונגעל, וואָס איך ביז געווען!

יונג בין איך געווען, ווען איך בין צוגעטרעטען צו דער מלאכה, און איך האָב געגלויבט, אַז עס איז מעגליך. גרוי הויבען אָן צו ווערען די האָהר אויף מיין קאָפּ און איך גלויב נאָך יעצט אָפּט, אַז עס איז מעגליך.

איך האָלט נאָך אַלץ ביים בודק־חמץ זיין. צו קליין איז מיר נאָך אפילו דער גרעסטער קאָכלעפעל, און צו קליין די פעדער און צו קליין דאָס ליכט. טייל־מאָל אָבער כאַפּט מיך אָן די פערצווייפלונג און איך לאָז אַ מינוט אַראָב די הענד. איך האָב, ווי עס ווייזט זיך אויס, גאַרנישט געקענט די טבע פון חמץ, אַז ער קומט צוריק אַלעמאָל אויפסניי און אַז יעדעס יאָהר מוז מען אָנהויבען די מלאכה פון פאָרענט; איך האָב נישט געוואוסט, אַז ער ווערט פון יאָהר צו יאָהר אַלץ מעהר חמץ: נוקשה, און די מלאכה ווערט אַלץ האַרטער און האַרטער. טיילמאָל שטעלען זיך די טראָפּען שוויים אויפ׳ן שטערען. עס איז די אַרבייט פונ׳ם אומגליקליכען סיזיפוס, וועלכער איז פערשאָלטען גע־געוואָרען אַרויסצוקייקלען אַ שטיין אויף אַ באַרג, און דער שטיין פאַלט אַלעמאָל פונדאָסניי אַראָב און די מלאכה מוז אַלעמאָל פונדאָסניי אָנגע־הויבען ווערען.

איך האָב אַמאָל געקענט אַ יוד, אַ פרומען, האָט דער פרומער יוד, ווען ער האָט געפונען אַמאָל אַ שטיקעל שמות, זיך געפלעגט אַראָבבויגען, און עס אויפהויבען און עס קוש־טהון. ווען מען געפינט דאָס אַמאָל, איז דאָס נישקשה. איז אָבער דער פרומער יוד געוואָרען אַ בעל־מגיה אין אַ דרוקע־ריי, און ווי ער איז אַריין, דאָרט צום ערשטען מאָל אינ׳ם הויף און האָט געפונען אַ שטיקעל שמות אויף דער ערד, האָט ער זיך געבויגען און אויפ־געהויבען און געקושט; האָט ער אַ טריט ווייטער ווידער דערזעהן אַ שטי־קעל, האָט ער ווידער אַזוי געטהון; האָט ער אַ טריט ווייטער ווידער געפו־נען, האָט ער ווידער זיך געבויגען און געקושט; ווי אָבער ער איז אַריין אין דרוק איז איהם פינסטער געוואָרען אין די אויגען. וואו מען זאָל זיך נישט קעהרען און ווענדען, ליגט אַלץ אַ שטיקעל שמות אויף דער ערד. און דער יוד האָט אַלץ געהאַלטען אין איין בוקען זיך און אין איין אויפהויבען און אין איין קושען — אַז דער רוקען איז איהם אַזש שטייף געוואָרען פון בויגען זיך און די ליפּען זענען איהם געשוואָלען געוואָרען פון קושען שמות אויפקלויבען פון דער ערד אין אַ דרוקעריי! — עס איז כמעט דאָסזעלבע, וואָס בודק־חמץ זיין אין אַזאַ אומגליקליכען לעבען ביי אַזעלכע אומגליק־ליכע בעדינגונגען ווי די אונזעריגע . . . און בודק זיין מוז מען פאָרט, און אויפהערען טאָר מען פאָרט נישט!

און איך אַליין האָב שוין אַ יונגעלע, און דאָס דאָזיגע יונגעלע קוקט זיך צו צו מיין מלאָכה מיט פערוואונדעטע פער'חלומ'טע אויגען, ווי איך האָב מיך צוגעקוקט צו דער מלאכה פון מיין טאַטען. איהם געפעלט מיין מלאָכה נישט. אם ירצה השם, ווען ער וועט זיין אַ גרויסער. וועט ער דאָס מאַכען גאָר אַנדערש. און איהם וועט עס מוזען געראָטען. ער וועט שוין גאַנץ בעשטימט האָבען דעם גרעסטען קאָכלעפעל און דעם גרעסטען פלע-דערוויש און די גאַנצע זון — און זיכער איז ער, אַז איהם וועט עס געראָ־טען. עס איז דאָס אייביגע ליעד, דאָס רונדיגע ליעד, און רונדיג ווי די ערד און רונדיג ווי דאָס לעבען. אָבער בודק זיין מוז מען פאָרט און אויפהערען טאָר מען פאָרט נישט!

און דער חמץ ווערט אַלץ מעהר נוקשה'דיגער פון יאָהר צו יאָהר און די מלאכה ווערט אַלץ האַרטער און האַרטער!

אונזערע אָבות־אבותינו פאַרצייטענס זענען נאַאיווע מענשען. דאָס ביסעל גלות־מצרים געווען אין זייערע אויגען אַ גרויסער גלות, דער גרעס-טער, און דאָס ביסעל צרות, וואָס זיי האָבען דענסמאָל געליטען, האָט גע־הייסען ביי זיי גרויסע צרות, די גרעסטע און גאַנצע יאָהרען און יאָהרהונ-דערטער און יאָהרטויזענדער האָבען זיי דערפון צו דערצעהלען. נאַאיווע מענשען! וואָס וועלען זאָגען אונזערע אור־אור־אייניקלעך, ווען זיי וועלען דאַרפען אַמאָל אָבריכטען אַ סדר און זאָגען יענע שרעקליכע, אונמענשליכע הגדה, וועלכע מיר וועלען זיי לאָזען בירושה, און ביי וועלכע די האָהר שטע־לען זיך אַ מענשען קאַפּויר און דאָס בלוט ווערט געגליווערט אין די אָדערען? וואָס איז זנאַטשעט דאָס ביסעל מלך פרעה און דאָס ביסעל דרוק און דאָס ביסעל טרעטען אין לייהם און אַרבייטען ציגעל אין אונזערע אויגען? אַזעלכע קליינינקייטען פּטר'ט מען אָב אין היינטיגע צייטען יעדעסמאָל ביז מנחה למעריב און מען מאַכט זיך נישט וויסענדיג און דאַן ערשט וואַשט מען זיך די הענד און מען געהט — צו דער גרויסער צרה. אונזערע טאַטעס זענען געווען תמ'עוואַטע מענשען. דאָס ביסעל אחשורוש און דאָס ביסעל המן און דאָס ביסעל יודען שעכטען און בעראַבעווען איז אויך געווען אַן עסק, און מען האָט דערפון געמאַכט אַ גאַנצע מגילה. דער מיניסטער המן האָט געמסר'ט און אויסגעטראַכט בלבולים און צוגעזאָגט דער פּערסישער

קאזנא צעהנטויזענד צענטער גאָלד — און דערפון לויהנט זיך צו מאַכען אַ גאַנצען פורים. תמ׳עוואטע מענשען! וועלכע מגילות וואָלטען מיר מוזען מאַכען יעדען טאָג און יעדע וואָך און יעדעס יאָהר און וויפיעל פורים׳עס וואָלטען מיר געקאָנט לאָזען אונזערע קינדער בירושה? אַזעלכע קליינינ־קייטען, ווי יענע דאָרט וואָלטען מיר מבליע בנעימה זיין. אונזערע עלטערען זענען געווען צו זעהר זיידענע מענשען, דאָס ביסעל עלילת־דם איז געווען ביי זיי עפּעס אַ רעכטע זאַך. זיי האָבען זי בעטראַכט אַזוי ווייט אַלס צרה, אַז דאָס וואָרט „עלילה" אַליין איז געוואָרען אַ שם־דבר און מען האָט שוין גאָרנישט בעדאַרפט דערמאָהנען דאָס וואָרט בלוט. זיידענע מענשען! ווי־פיעל אַזעלכע בלבולים קומט אונז אוים צו הערען היינטיגע צייטען אין יעדער מינוט, און מיט וויפיעל זענען זיי היינטיגע צייטען געפעהרליכער, ווייל עס זענען היינטיגע צייטען און מען בעזיצט גאָר אַנדערע מיטלען דער־צו, אום זיי צו פערברייטען און אום אַ מאָסע צו פערגיפטען?

און פאָרט זעצען מיר זיך ברייט און יום־טוב׳דיג צו די סדרים, און פאָרט זענען מיר בני־מלכים און פאָרט זענען מיר בני־חורין און פאָרט רו־פען מיר אָן אונזער יום־טוב זמן־הרותנו, די צייט פון אונזער פרייהייט — און מיר צעלאַכען זיך גאָרנישט דערביי, מיר ווילען אַזוי לאַנג זיין בני־חורין און אונזער יום־טוב וועט אַזוי לאַנג הייסען זמן חרותנו, ביז אפשר אַ מאַרקאָוו דער צווייטער וועט קומען און וועט אַרוים מיט׳ן סוד און וועט אָנווייזען אויף אונזער געפעהרליכען רעוואָלוציאָניזם, און דאָס געפעהרלי־כע וואָרט וועט אונז איינמאָל פאַר אַלעמאָל פערבאָטען ווערען. גאָט זאָל שיצען און בעשירמען — אַל תפתח פה למאַרקאָוו!

אָבער בודק־חמץ זיין מוז מען פאָרט און אויפהערען טאָר מען נישט! מען מוז ערשט אָנהויבען! איז דער קאָכלעפעל און דער פלעדערוויש און די זון צו קליין, מוז מען זיך שאַפען גרעסערע און מען מוז זיך נעהמען צו־הילף אַ גאַנץ זונען־סיסטעם! און קאָנען מיר נישט, ווילען אונזערע קינדער קאָנען!

טיילמאָל נאָר ווערט די פערצווייפלונג אַביסעל צו גרוים און עס פאַלען מיר די הענד אַראָב און דער מוט זינקט. מיר דאַכט זיך אין אַזעלכע ביי־טערע מינוטען, אַז אַלץ איז פערלויערען. דאַן ווילט זיך גאָרנישט מעהר,

און איך זיץ נאָר און קריץ מיט די ציינער: „גיס־אויס דיין צאָרן צו די פעל־קער, וועלכע האָבען דיך נישט געוואוסט, און אויף קעניגרייכען, וועלכע האָבען אין דיין נאָמען נישט גערופען. דען ער האָט געגעסען יעקב׳ן און זיין וואוינונג האָבען זיי פערוויסט. גיס־אויס אויף זיי דיין גרים און דער ברען פון דיין וואוט זאָל זיי דערגרייכען. יאָג זיין נאָך מיט וואוט און ראָט זיי אויס פון אונטער גאָט׳ס הימלען״.

# כ׳ סיון — כ׳ סיון

איך געדענק עס, ווי עס וואָלט ערשט נעכטען געווען. — אויפ׳ן שוים האַלט זי מיך, די אַלטע באָבע מיינע, און איך בין נאָך גאָר אַ קליין יונגעלע, און זי דערצעהלט מיר פון באָגדאַן כמיעלניצקי, דעם רשע, און פון גאָנטאַ ימח־שמו, און פון זשעלעזשניאַק, דעם צורר־היהודים און פון גזרת ת״ח ות״ט, און ווי זיי זענען געצויגען, די פינסטערע מחנות פון די היידאַמאַקעס, פון שטאָדט צו שטאָדט און פון דאָרף צו דאָרף, איבער׳ן גאַנצען לאַנד. עס איז נאָך גאָר אַ פינסטערע צייט געווען. און זיי זענען געצויגען איבער נעמיראָוו און טולטשין, איבער פּראָסקוראָוו און באַר, איבער סטאַראָדוב און אַלט־קאָנסטאַנטין און איבער אַנדערע הונדערט שטעדט און דערפער. און די שטעדט האָבען זיי חרוב געמאַכט און די דערפער האָבען זיי אָבגעמעקט פון דער ערד, און זיי האָבען געשאָכטען אַלע יודען, אין די הונדערטער, און אין די טויזענדער, מענער און פרויען, בחורים און בתולות, גרייזגרויע לייט און קינדער. עס איז נאָך גאָר אַ פינסטערע צייט געווען. און פון די צוויי קברים, דערצעהלט זי מיר, אין פּולנאָה: פון דעם קבר פון „אסתר בולקע״ און פון דעם קבר פון „רחל קאָזאַק״. פאַרוואָס זי האָט געהייסען אסתר בולקע? — ווייל איהר מאַן האָבען זיי איהר געשאָכטען, און זעקס קינדער האָבען זיי איהר געשאָכטען, און געבליבען איז זי נאָר ביים זיבענטען קינד, דעם יונגסטען, און אויך דאָס דאָזיגע האָבען זיי איהר געוואָלט שעכטען. דאָ האָט זי זיך אַנידערגעוואָרפען און האָט געוויינט און געבעטען, אַז ער זאָל שענקען איהר דאָס לעבען פון דעם זיבענטען, און דער רוצח האָט רחמנות געקריגען און האָט געפרעגט, וואָס זי וועט איהם געבען פאַר׳ן דאָזיגען לעבען, און זי האָט געזאָגט, אַז אין איהר גאַנצען פערמעגען האָט זי נאָר אַ בולקע און די דאָזיגע קאָן זי איהם געבען, און דער רוצח האָט דאָס דאָזיגע לעצטע פון איהר גענומען און האָט דאָס קינד געלאָזט לעבען — און אויף איהר מצבה האָבען זיי דאַן אָנגע־

שריבען „אסתר בולקע". און פארוואס יענע האט געהייסען רחל קאזאק? ווייל זיבען מיידלעך זענען זיי דאן געווען, האבען זיך זעקס פון זיי געווארפען אין וואסער אריין, מורא האבענדיג פאר די קאזאקען, און דאס זיבענטע מיידעל, רחל, איז אריינגעפאלען אין די הענד פון א קאזאק. האט ער גע־וואלט מיט איהר דוקא חתונה האבען, און דאס מיידעל האט געוויינט און האט זיך געבעטען און האט געזאגט, אז חתונה האבען קאן זי מיט איהם נאר מיט דעם תנאי, ווען ער וועט זיך מגייר זיין, דען, האט זי געזאגט, אין פולנאה איז נישט מעהר דא קיין איינציגער מענש, אלע יודען זענען אויס־געשאכטען און די שטאדט איז וויסט, זיי דיך מגייר, וועלען מיר זיין די איינ־ציגע צוויי יודען. און דער קאזאק האט זיך מגייר געווען און האט חתונה געהאט מיט איהר און ארויסגעקומען איז פון זיי א נייער דור, און פון דעם נייעם דור איז ארויסגעקומען דער נייער מושב פון אלע יודען אין פולנאה ביז אויפ'ן היינטיגען טאג — און איהר נאמען איז דערפאר געבליבען „רחל קאזאק". און דאן דערצעהלט מיר די באבע, ווי די צרות אינ'ם גאנצען לאנד זענען אלץ געווארען גרעסער און גרעסער, און די רדיפות זענען גע־ווארען שטארקער און שטארקער, און די רציחות זענען געווארען שרעקלי־כער און שרעקליכער. און דאן, דערצעהלט זי, זענען אויפגעשטאנען די גאוני ישראל, די צדיקים יסודי עולם, ווי איין מאן, יעדער פון זיין שטאדט און יעדער פון זיין ארט, און זיי האבען גוזר געווען, אז כ׳ סיון זאל זיין א טאג פון פאסטען און פון פייניגען זיך פונקט ווי תשעה־באב. און ווי דער טאג איז געקומען האט די זון געלויכטען אין הימעל און די שטראהלען פון דער זון האבען בעגאסען מיט זייער ליכט שטאדט און פעלד, און ווי נאר די יודען זענען אריין אין די שוהלען און דאס ערשטע ווארט פון דער סליחה איז ארויסגעזאגט געווארען, איז פלוצלינג דער הימעל שווארץ געווארען, די זון האט זיך בעהאלטען, די דונערען האבען פינסטער געקנאלט און די ווענד פון מקום קדוש זענען געווארען שווארץ ווי טינט. און א געוויין און א יללה האט זיך געהערט, אז די ערד האט זיך געשפאלטען. אויבען האבען געוויינט די מלאכים און אונטען האבען געוויינט די יודען, הונדערטער און טויזענ־דער, מענער און פרויען, בחורים און בתולות, גרייז־גרויע לייט און קינדער —און איך, דאס קינד אויך דער באבעס שויס, הער דאס אלץ און צעוויין

זיך פּלוצלינג אויפ'ן קול. אזוי איז געווען כ' סיון דער ערשטער, דער פונ'ם יאָהר תתנ"ו.

און ווידער איז כ' סיון. און ווען איך האַלט דיך, מיין קינד, אויף מיין שויס, וואָס זאָל איך דיר דערצעהלען? — די צייט איז איצט אַזאַ ליכטיגע. אוי, ווי זי איז ליכטיג! דער אעראָפּלאַן פליהט דורך די לופט, דער טעלעפאָן רעדט, די עלעקטרישע דראָהטען ארבייטען מעשים. און די עלעקטרישע דראָהטען ברענגען נאַכריכטען יעדען טאָג פון נאָהנט און פון ווייט, פון לעמבערג און פון קעלץ און פון קאַליש און פון פּינסק און פון לידא און פון ווילנאָ און פון קראָקאָ און פון אונצעהליגע אַנדערע ערטער. אוי, זענען דאָס נאַכריכטען! דאָס בלוט מאַכען זיי געגליווערט אין די אָדער־רען. און דער טעלעפאָן רעדט פון אַלע עקען פון דער שטאָדט, פונ'ם פּשע־יאזד און פון פּראַגא און פון דעם קאָוולער וואָקזאַל און פון סאָלנא. אוי, ווי ער רעדט! דאָס בלוט מאַכט ער הייס אין די אָדערען. און דאָס יאָהר איז נישט ת"ח, נאָר תרע"ט. און ווידער האָבען מעהר ווי 600 רבנים און רביים גוזרתענית געווען. און וואו עס איז אַ יוד אין דער גאַנצער וועלט, איבער דער גאַנצער ערד־קוגעל, וואו אהין די נאַכריכט וועט נאָר קומען, דאָרט, זאָגען זיי, זאָל זיין כ' סיון און פאַסטען זאָל מען און זיך פּייניגען. אָבער זאָגען וואָס קאָן איך דיר, מיין קינד? איך, דער זאָגער, און דו, דאָס קינד. מיר זענען ביידע דאָך גאַנץ אַנדערע. און אויך דער כ' סיון, דער צווייטער, איז דאָך אַ גאַנץ אַנדערער. עס איז אייגענטליך נישט אַ כ' סיון נאָר אַ— 18־טער יוני. מיר האָבען נישט מעהר קיין „לוח", נאָר — אַ „קאַלענדאַר". די קדושה איז אַוועק און די שטימונג איז אַוועק און די תמימות איז אַוועק און דער גלויבען. און אויך די גאוני ישראל, די צדיקים יסודי עולם פון היינט, די, וועלכע האָבען דעם תענית גוזר געווען, זענען דאָך גאַנץ אַנדערע. אַ טייל פון זיי געהען אין די סיימס און טרייבען קליין אָדער גרויס־פּאָליטיק, אַנ'אַנדערער טייל בילדען פּאַרטייען און טרייבען און האָבען פּאַרטייאינ־טערעסען, און ווידער אַנ'אַנדערער טייל הייסען אָרטאָדאָקסען און אַנדערע הייסען אמוני ישראל און אַנדערע זענען נישט מעהר רבנים, נאָר ראַבי־נער. און דער עולם אַרום, די מענער און פרויען, די בחורים און בתולות, די גרייז־גרויע לייט און די קינדער, זיי גלויבען אַזוי ווייניג. און אפשר איז

אויך דער קרעכץ נישט דער אַלטער. ווען מען זאָגט אַרוים אין אַ מאָדער־נעם כ׳ סיון דאָס ערשטע וואָרט פון דער סליחה, ווערט דער הימעל נישט פּלוצלינג שוואַרץ און די זון בעהאַלט זיך נישט און די דונערען קנאַלען נישט פינסטער און די ווענד פון׳ם מקום קדוש ווערען נישט שוואַרץ ווי טינט. איז דערין אפשר שולדיג די עלעקטרישע בעלייכטונג? איז דער נייער דור שולדיג דערין? האָבען אפשר די גאוני ישראל, די מאָדערנע צדיקים יסודי עולם, נישט מעהר דעם אַלטען כח? — אָך, מיין קינד, וואָס זאָל איך דיר זאָגען פון אַ כ׳ סיון אינ׳ם יאָהר תרע״ט—1919?

כ׳ סיון דער ערשטער און כ׳ סיון אין זיין נייעם גלגול — עס איז אפשר דערזעלבינער חילוק, וואָס צווישען די צרות דענסמאָל און צווישען די צרות היינט, און נאָר אין דער אומגעקעהרטער ריכטונג. די צרות זענען אפשר דענסמאָל געווען אינטענסיווער, מען האָט זיי געפיהלט מעהר קערפּערליך — היינט, ווי שטאַרק זיי זאָלען נישט זיין, פיהלען מיר זיי מעהר גייסטיג. דער כ׳ סיון איז דענסמאָל יעדענפאַלס געווען פון מעהר גייסטיגער נאַטור, מען האָט איהם געפיהלט מעהר גלויביג — היינט, ווי גרויס דער אַפּאַראַט זאָל נישט זיין, מיט וועלכען מיר אַרבייטען, פיהלען מיר איהם מעהר דע־קאָראַטיוו. די הויפּט־בעדינגונג פאַר איהם, די תמימות, פעהלט. און פאַרט זענען דאָך די היינטיגע צרות טויזענדמאָל גרעסער און טויזענדמאָל מער־דערישער — דען עס איז צוגעקומען אַ נייער מאָמענט. טעלעגראַף־און פונ־קען בעריכט און אויספאָרשונגס־קאָמיסיעס און יודישע סיים־דעפּוטאַטען, וועלכע אַרבייטען פאַר רעאַל־פּאָליטיק, זענען דענסמאָל נאָך נישט געווען — און פאַרט האָבען די הײדאַמאַקען ביי נעמיראָוו און טולטשין נישט גע־זאָגט, אז די הריגות זענען אַנ׳אויסגעטראַכטע זאַך, אום זייער וועלט־בע־ריהמטע פיינקייט צו דיסקרעדיטירען ביי גאַנץ אייראָפּאַ, און האָבען זיי גע־מאַכט אַ הריגה, וועלכע האָט שוין אויסגעשטאָכען די גאַנצע וועלט די אוי־גען, האָבען זיי נישט געהאַט דעם מוט צו טענה׳ן אז די יודען האָבען זיך אַליין אויסגע׳הרג׳עט, אום זיי אַ בלבול צו מאַכען. דאָס איז ערשט אַנ׳ער־פינדונג פון די אַלערנייעסטער צייט — אַ נייער מאָמענט, וועלכער איז ערשט יעצט צוגעקומען, און דעריבער זענען די היינטיגע צרות טויזענד־

מאָל גרעסער און טויזענדמאָל מערדערישער. דער מאָרד־אפּאַראַט איז פערפּאָלקאָמטער געוואָרען. אויב אַ כ׳ סיון־תענית איז אַ שטיקעל תשובה דערויף? — אָך, די נאַאיוויטעט פעהלט און די שוהל איז נישט מעהר די אַלטע . . .

און דאָך! און דאָך! איך האָב נישט דעם מוט צו זאָגען ניין. די אַפּאַטיע איז אַזוי גרויס, און קומען די שרעקליכסטע נאַכריכטען, שטעהט דער עולם און גיט דעם פאַרגעשריבענעם קרעכץ, און לויפט דאַן פאַר גרויסער — אין דעם נעכסטען קינעמאַטאָגראַף. עס קאָן גאַרנישט שאַדען: זאָל דער איינער און דער אַנדערער זיך אַריינכאַפּען אויף אַ האַלבע שעה אויך אין אַ שוהל אַריין. אפשר וועט געשעהן אַ נס. אפשר וועט זיין איין מינוט אַן׳אמת שטיקעל התעוררות; אַ מענשליכע נשמה איז נישט אַבצושאַצען. די ליכט ברענען, דער חזן זינגט, דער אל מלא רחמים לאָזט זיך הערען. אפשר וועט זיך ווייזען אויך אַן׳אמת׳ע טרעהר. און אפשר וועל איך קענען פון דעם דאָזיגען קרעכץ און פון דער דאָזיגער טרעהר מיין קינד דערצעהלען. און ווען נישט יעצט, ווען דער קרעכץ און די טרעהר וועלען אונז נישט ברענגען די פרוכט איצטער, אפשר וועלען זיי נוצען אַמאָל אונזערע קינדס־קינדער אין שפּעטערע דורות. אפשר וועט אַמאָל אין הונדערט יאָהר אַרום אַן׳אַלטע באָבע האַלטען איהר אייניקעל אויפ׳ן שויס, און די לעגענדע וועט זיך וועבען, און זי וועט האָבען איהם צו דערצעהלען וועגען אַ כ׳ סיון אין׳ם יאָהר תרע״ט . . .

און קאָן דער כ׳ סיון יאָהר תרע״ט נישט אָרטאָדאָקסאַל ווירקען, — נאַציאָנאַל וועט ער דאָך יעדענפאַלס קאָנען האָבען זיין ווירקונג. זאָל ער זיין נישט ערגער ווי די הונדערט אַנדערע מיטלען, מיט וועלכע דער נאַציאָנאַליזם האָט זיך בעדיענט. און ווען נאַציאָנאַל אויך נישט, — ערגער איז ער נישט יעדענפאַלס ווי פּראָטעסט־מיטינגען, וואו קראָמען ווערען געשלאָסען און עס געהען דעמאָנסטראַנטען איבער דער גאַס מיט שווארצע ליכט. זאָל די וועלט נאָך עפּעס געוואָהר ווערען . . .

אוי, דער כ׳ סיון פונ׳ם יאָהר תרע״ט!

# והגדת לבנך...

„און דו זאָלסט זאָגען צו דיין זוהן". מיין קינד! וואָס קאָן איך דיר זאָגען? — עס שטאַרבט מיר דאָס וואָרט אויף די ליפּען, און דער קרעכץ, ווען ער וויל זיך אַרויסרייסען, מוז איך איהם דערוואַרגען צווישען מיינע צייהן. דו ביסט נאָך אַזוי יונג, קינד. איך האָב נישט דאָס האַרץ, דיין בליהענד בלוט שוין אַזוי פריה צו פערגיפטען.

די נאַכט איז היינט אַזוי שעהן, בלוי איז די נאַכט, און אויפ'ן טיש מיט דעם בלאַנק־ווייסען טישטוך לייכט זיך דער זיבענרעהעריגער לייכטער. איך בין גאָרנישט טרויעריג, קינד. ווירקליך, איך בין נישט טרויעריג. עס האָט זיך דיר נאָר געדאַכט. איך ווייס דאָך, אַז עס איז היינט יום־טוב, דער יום־טוב איבער אַלע יום־טובים...

פאַרוואָס איך זאָג דיר גאָרנישט? — אָך, דאָס זאָגען ענדערט זיך אַזוי אָפט! פון יאָהר צו יאָהר ווערט דער אינהאַלט אַנ'אַנדערער און עס האָט מיך ענדליך מיעד געמאַכט. געדענקסט דו נאָך, וואָס איך האָב דיר געזאָגט אין פאַריגען יאָהר? און פאַר צוויי יאָהר וואָס איך האָב דיר געזאָגט געדענקסט דו? און דאָס פון פאַר דריי יאָהר געדענקסט דו? און פאַר זיבען יאָהר, ווען דו ביסט נאָך גאַנץ קליין געווען, ווייסט דו נאָך?

פאַר זיבען יאָהר איז געווען אַ ביטערע בייט. מיר האָבען געגעסען די מצה, און דער ביסען איז געבליבען שטעקען איג'ם האַלז. בלוט, האָבען זיי געזאָגט, טהוען מיר אַריין אין אונזער עסען. צווישען די קינדער־מעשיות, וואָס איך פלעג דיר דערצעהלען פאַר דיין איינשלאָפען, האָב איך דיר אויך די דאָזיגע טרויעריגע קינדער־מעשה דערצעהלט. עס קאָן נישט שאַדען, ווען דו זאָלסט עס ווייסען. ס'פערשטעהט זיך, אַז דערצעהלט האָב איך זי דיר אַביסעל אַנדערש, ווי זי איז באמת'דיג געווען. נישט דאָ חלילה, ביי אונז איז עס געשעהן, נאָר עפּעס דאָרט ווייט אין די מדבריות, און מיט אַ ווילדער מכשפה איז די מעשה געשעהן, און מיט אַנ'אומגליקליכען, פער־

שאַלטענעם פּרינץ. און דו האָסט געוויינט, קינד. אָבער פערהעלטניס־מעסיג איז דאָך די דאָזיגע מעשה נאָר אַ קינדערשפּיעל, ווען מען פערגלייכט זי מיט אַנדערע מעשיות, וועלכע פּאַסירען אונז אין לעבען. פערהעלטניס־מעסיג איז יענע צייט נאָך געווען אַ גליקליכע . . .

און פּאָר דריי יאָהר געדענקסטו ? ווענען דעם „פריהלינגס־יום־טוב" האָב איך דענסמאָל גערעדט. וויפיעל קראַפט איך האָב געהאַט אין מיין צונג, האָב איך זי אויסגעבראַכט, אום דיר אויסצומאָהלען אַ פריהלינג, דעם וועלט־פריהלינג, וועלכען מיר געהען ענדליך אַקעגען. איך מוז מיך שעהמען יעצט אַביסעל. עס איז קיין איינציג וואָרט נישט מקוים געוואָרען. דאָס לעבען איז אַזוי גרוי, און עס העלפט נישט, וואָס גאָלדענע חלומות האָבען צוגעזאָגט. אָבער געגלויבט האָב איך דאָך, דען אַליין בין איך גע־ווען אַ קינד, ווי דו. און ווען דיין קאַרטען־הויז, קינד, איז דיר אַמאָל איינ־געפאַלען, האָסטו דיר געמאַכט אַ צווייטס. מאַך דיר יעצט אויך איינס. איך בין היינט עטוואָס מיעד — זעץ דו פאָרט די ארבייט . . .

און פּאָר צוויי יאָהר, ווייסט דו נאָך ? — דאָס טעמא איז געווען דער „יום־טוב פון דער פרייהייט". איך מוז יעצט אַראָבהענגען די אויגען. אָך, וואָס זיי האָבען מיר געמאַכט פון דער דאָזיגער פרייהייט ! מיין וואָרט איז באַנקראָט, און דאָס לעבען וויל נישט צאָהלען. זיי נישט ביי אויף מיר, קינד ! בין איך שולדיג, אַז אַ וועלט איז נישט דערוואַקסען ? — זיי שטאַרק און גלויב ווייטער . . .

און אין פאָריגען יאָהר, ווען אַ מלחמה האָט געווילדעוועט ארום און ארום און די מענשען זענען שוין גאָרנישט געווען קיין מענשען, האָב איך אויך דענסמאָל געפונען עפּעס אַ שלאַג־וואָרט און האָב מיינע געדאַנקען צוגעפּאַסט צום טאָג. „דורך די פינסטערניש צום ליכט". רבונו של עולם, אוי איז דאָס אַ ליכט אַביסעל ! אַ שוידער געהט איבער די ביינער, ווען מען קוקט זיך צו דערצו. ניין, קינד, צו ליכט זענען מיר נישט געקומען. איך בין אַ שלעכטער נביא געווען. פון היינט אָן וויל איך שווייגען. עס איז שוין אַזאַ צייט, אַז גאָרנישט ווערט מקוים.

— „ניין, פאָטער, דו מוזט! דיין קינד גאַרט צו אַ וואָרט".

גוט, איך וועל פּרובען. דאָס זאָגען ענדערט זיך פון יאָהר צו יאָהר, אַלעמאָל עפּעס אַ נייער אינהאַלט. גוט, איך וועל פּרובען דיר דאָס היי־יאָהריגע וואָרט צו זאָגען.

*

אויפ'ן הויכען באַרג איז ער געשטאַנען, דער גרעסטער פון אַלע גרויסע, און אַרום איהם אונטען די נידריגע עדה, און ער האָט געזאָגט צו זיי אַזוי:

„און איהר זאָלט ליעב האָבען דעם פרעמדען, דען פרעמדע זענט איהר אַליין געוועזען אין לאַנד פון דער קנעכטשאַפט!"

און זיי האָבען געגלאָצט, דען זיי האָבען פערשטאַנען, נאָר געפיהלט האָבען זיי עס נישט, און זיי האָבען געשאָקעלט מיט די קעפּ.

„און איהר זאָלט רחמנות האָבען מיט דעם אונטערדריקטען, דען אונ־טערדריקטע זענט איהר אַליין געוועזען ביז איצט!"

און זיי האָבען פערשטאַנען, דען די ווערטער זענען אַזוי פּראָסט גע־וועזען, נאָר געפיהלט האָבען זיי נישט.

„און אין אייער בענייט לעבען מיט אייער בענייטער פרייהייט זאָלט איהר נישט טהון די עקעלהאַפטיגקייטען פון מצרים. איהר זאָלט געדענקען, וואָס איהר האָט געליטען אונטער דעם דרוק פון יענעם באַרבאַרישען לאַנד, און דעריבער זאָלט איהר זעהען, אַז די, וועלכע וועלען זיין איצטער אונ־טער אייער הערשאַפט, זאָלען נישט האָבען צו ליידען אונטער אייך דאָס־זעלבינע, וואָס איהר האָט אַמאָל געליטען אונטער יענע, אָדער טויזענד־מאָל נאָך ערגער. ווען איהר וועט זיי צוזאָגען גלייכבערעכטיגונג, זאָל זי נישט זיין נאָר מיט'ן מויל, נאָר אַנ'אמת'דיגע גלייכבערעכטיגונג זאָל זי זיין, איין רעכט און איין געזעץ פאַר דעם איינגעבירגערטען ווי פאַר דעם פרעמדען, וועלכער וואוינט צווישען אייך. ווען איהר האָט אַזוי אונמענש־ליך געליטען אונטער דעם דרוק פון אייערע פייניגער, האָט די גאַנצע וועלט געקוקט מיט רחמנות אויף אייך, דעריבער מוזט איהר זעהען, אַז די וועלט

זאָל נישט דאַרפען קוקען מיט רחמנות אויף די, וועלכע עס וועט אויסקומען צו לעבען און צו שטאַרבען צווישען אייך, דען טאָמער וועלען זיי שרייען אונטער אייער דרוק וועט די וועלט זעהען, וואָס איהר איהר זענט, און דער וועלט'ס צאָרן וועט קומען איבער אייך. און ווען זיי וועלען שרייען, זאָלט איהר נישט הייכלעריש זאָגען, אַז זיי זענען פּראָוואָקאַטאָרען, אום אייך צו שאָדען אין די אויגען פון דער וועלט, דען נאָר פון זייערע גרויסע וועהטאָגען האָבען זיי געשריגען, וואָס איהר טהוט זיי אָן. און דעם ביסען זאָלט איהר זיי נישט אַרויסרייסען פונ'ם מויל און הייכלעריש זאָגען, אַז דאָס גאַנצע פערמעגען פונ'ם לאַנד האָבען זיי. און סאָלדאַטען ווען איהר וועט נעהמען פון זיי, כדי זיי זאָלען דיענען אין אייערע אַרמעען, און קומען וועלען פון זיי צעהנפאַך, ווי עס זענען געקומען פון אייך זעלבסט, זאָלט איהר נישט הייכלעריש זאָגען און דערצעהלען טאָג ווי נאַכט, אַז זיי דרע־העון זיך אַרויס פונ'ם דיענסט. און העצען זאָלט איהר נישט טאָג און נאַכט געגען זיי, נישט אין אייערע רעדעס און נישט אין אייערע שריפטען, נישט אין אייערע עפענטליכע און נישט אין אייערע בעהאַלטענע שריפטען, דען איהר זענט אַליין פרעמדע געווען אין דעם קנעכטען־הויז פון מצרים, און פּונקט אַזוי האָט מען פריהער געגען אייך זעלבסט געהעצט. און נישט תי־רוצים זאָלט איהר זוכען טאָג און נאַכט, צו זאָגען, אַז יענע אומגליקליכע האָבען גשאָסען אויף אייך פון אַ בעהעלטעניש אָדער זיי האָבען זיך פּער־שטעקטערהייט געבונטעוועט געגען אייך, דען ווער נאָך. ווי איהר אַליין, ווייסט, אַז דאָס איז אַ ליגען און אַז פּונקט אַזוי האָבען אויסגעטראַכט אויף אייך די דאָזיגע בלבולים אויך יענע, וואָס איהר זענט געפּייניגט געוואָרען אונטער זייער יאָך. איהר זאָלט ליעב האָבען די פרעמדע. דען פּאַר עטליכע וואָכען ערשט זענט איהר אַליין געווען אַזעלכע פּרעמדע, און מיט אונטער־דריקטע זאָלט איהר האָבען מיטלייד, דען פּאַר עטליכע חדשים ערשט זענט איהר אַליין געווען אונטערדריקטע. איך וויל נאָר, אַז איהר זאָלט האָ־בען אַ קליין ביסעל זכרון!"

און די נידריגע עדה פון אונטען האָט געהערט, און עס איז זיי געווען אביסעל לאַנגווייליג, און פּאַר גרויס לאַנגווייליגקייט האָבען זיי געשריגען:

„בראווא!", אז די ערד האט אזש געציטערט אונטער זיי, און פאר גרויס איילעניש, אום נאר אוועקצוקומען פון דארט, האבן זיי ווי איין מאן גערופען: „נעשה ונשמע!"

און דאס בענייטע פאלק מיט דער בענייטער פרייהייט האט זיך גענומען צו זיין פאלקספאליטישער טעטיגקייט.

שוין אין די שבעת־ימי־המשתה פון זייער בעפרייאונג, אזוי צו זאגען נאך אויף דער האכצייטס־רייזע, האבן זיי דאס ערשטע בלוטבאד געמאכט. און דאן טאג־טעגליך א ניי בלוט־באד. די ערד האט געטריפט מיט בלוט פון די אומגליקליכע און דער הימעל איז געווען פעררויכערט פון בלוט. און אלע האבן זיי געהאט א תירוץ, אז זיי האבן עס געמוזט טהון. אלע מאל זענען זיי געווען גערעכט. איז עס געווען דאס פער׳שכור׳ט זיין פון דעם גרויסען גליק, וואס האט זיי אזוי פלוצלינג געטראפען? איז עס געווען אזא מין אלגעמיינע פאלקס־קראנקהייט, וואס האט זיי אלעמען פלוצלינג ארומגענומען? אלע, אלע, גרויס און קליין, קלוגע און נישט קלוגע, גערעכטע און נישט גערעכטע, עהרליכע און נישט עהרליכע, אלע, אלע האבען זיך בעטייליגט אין דער ארגיע. און די הויפט־זאך איז, אז יעדעסמאל האבען זיי געהאט א תירוץ און יעדעסמאל זענען זיי געווען גערעכט. דאס אייביגע גערעכט־זיין איז אפשר דאס גרעסטע אומגליק, וואס קאן טרעפען א מענש אדער א פאלק.

און זייער כפרה־היהנדעל זענען געווען די אומגליקליכע שטאמען פון עמון און מואב. גלייכבערעכטיגונג האבען זיי בלומרשט זיי געגעבען — און אין גאט׳ס קהל האבען די דאזיגע עלענדע נישט געטארט אריינקומען. צום יקריענס־דיענסט האבען זיי ארייגעצויגען זיי — און פרעמדען־געזעצען האבען זיי יעדען טאג געמאכט פאר זיי. עפענטליך האבען זיי פאר דער גאנצער וועלט גערעדט נאר פון די חסדים טובים, וואס זיי טהוען מיט זיי — און יעדען טאג האט זיך געהערט פון עפעס א ניי בלוט־באד, וואס זיי האבען זיי געמאכט, און פערגעסען האבען די קינדער ישראל ווי אן־טויט, אז אט דא ערשט נישט לאנג זענען זיי אליין געווען פרעמדע און אונטערדריקטע און עלענדע, וואס די גאנצע וועלט האט רחמנות געהאט אויף זיי.

און נביאים זענען געשטאנען און האָבען געוואָרענט און האָבען גע־שטראָפט און האָבען געזאָגט, אז אזעלכעס וועט נישט האָבען קיין גוטען סוף —

*

טאטע! איז דאָס נאָר ביי יודען אליין פאָרגעקומען?

# דער טאָג פון געדענקען

אויף דיין שוועל שטעה איך, געצעלט יעקב׳ס, און קוק אָן דיינע ליעבע, אַלטע ווענד און וואָג מיך קוים אַריינצוגעהען, עפּעס איז מיר אַלץ אַזוי פרעמד געוואָרען. אין שאָטען איינגעהילט קוקען אַרוים דיינע אַלטע ספרים פון די שאַפעס אויף דיינע ווענד און זיי ווינקען צו מיר. זעה מיעד און מאַט בין איך צו דיר געקומען, צוריק צו דיר בין איך געקומען, פון פרעמדע פעלקער און פון ווייטען לענדער. וואו בין איך נישט אַלץ געוועזען! און נון בין איך צעבראָכען ווי אַ שאַרבען. און לעדיג בין איך און בלויז. גאָרנישט האָבען זיי מיר געגעבען, און איך האָב אַזאַ סך געזוכט. יעצט זוך איך נאָר נאָך אַביסעל טרייסט. לאָז מיך אויסוויינען אין דיר מיין פערוואונדעטע האַרץ און הער מיך — די ווענד דיינע האָבען אויערען. אוי, ווי האָב איך אַן׳אויער געזוכט!

אויף דיין שוועל שטעה איך יעצט און אַלץ קוקט מיך אָן אַזוי פרעמד. בין איך ווירקליך דיר פרעמד געוואָרען? פערשטעהסט דו יעצט מיין שפּראַך נישט מעהר? עס איז אַלעס אַזוי אַנדערש, אוי ווי אַנדערש, געוואָרען!

געדענקסט דו? חודש אלול איז עס געווען. די „פירכטערליכע טעג״ שיקען שוין זייערע שאָטענס פאָראויס, און פירכטערליכער ווערט אַלץ אַרום און אַרום. דער הימעל הענגט ווי אַ בליי פון אויבען און דאָס האַרץ איז אַזוי שווער. דאָס קליינע יונגעלע ווייסט, אַז עפּעס גרויסעס און פירכטערליכעס קומט. עפּעס האָט מען מורא, און מען ווייסט אַליין נישט פאַרוואָס. טריב און טרויעריג איז דער פריהמאָרגען און פון בית־מדרש הערט זיך, טרייסטלאָז און ווייסט, דאָס לאַנג־געצויגענע קול פון אַ שופר. מען זאָגט „לדוד ה׳ אורי וישעי״, יענעם מזמור, וועלכער רעדט פון ליכט און פון הילף, און זיין ווירקונג איז, מערקווירדיג, אַ פונקט אומגעקעהרטע: ליכטלאָז און הילפלאָז. דאָס לאַכען שטאַרבט אָב אויף יעדער ליפּ. פון די בוימער

פאַלען די געלע בלעטער. דער ווינט בלאָזט און קלאָגט. מחנות, מחנות־ווייז ציהען זיי און געהען זיי אַרויס צו די קברים אויפ'ן בית־עלמין. די מאַמע געהט, און איך געה מיט איהר מיט . . .

און די ערשטע „סליחות", דער ערשטער יתגדל. איך הער יענעם מערק־ווירדיגען ניגון, און מיך נעהמט אַרום אַ טרויעריגקייט און טרייסטלאָזיגקייט. און דאַן „זכור ברית": געדענק דעם בונד פון אברהם און די עקידה פון יצחק. איך דריק־צו די אויגען און איך רוף מיר אברהם'ן צו הילף און דעם געבונדענעם יצחק, און איך מיין עס אַזוי עהרליך און איך רוף אַזוי עהר־ליך, אַז איין גאָט מעג מיר העלפען. און דאַן די ערשטע ראש־השנה־נאַכט, דער ערשטער „ובכן תן פחדך". אַ פחד פאַלט אָן אויף מיר. און אַלע מע־שים זאָלען דיך פירכטען, און איך אַליין בין אַ מעשה און איך פירכט „איהם". און די ממשלה פון דעם זדון זאָלסט דו מעביר זיין פון דער ערד. און איך ווייס נישט, וואָס זדון איז, און איך הויב אָן צו ציטערען. און דאַן קומען מיר אַהיים. עפּעס ווי דער גייסט פון אַ „ברוגז" דריקט אויף אַלע־מען. דער טאַטע רעדט כמעט קיין וואָרט נישט. מען טיילט קוילעטש מיט האָניג און מען זאָגט עפּעס דערביי. מען טיילט די זכרים קעפּ פון פיש און מען זאָגט עפּעס דערביי. מען טיילט מעהרען און מען זאָגט עפּעס דערביי. איך ביך אַרומגענומען ווי פון חלום. איך זיץ און ווייס נישט, וואָס מיר איז געשעהן. און דאַן די מסכתא „ראש השנה". און דאַן דער „ליקוטי צבי". און דאַן תהלים, תהלים דורך די גאַנצע נאַכט . . .

וואו זענען זיי איצט? — די טאַטעס פאַהרען אין די „פירכטערליכע טעג" אין די בעדער און בלייבען דאָרט די הייליגע טעג; עס איז זיי דאָרט בעקוועמער. די זיהן זענען נישטאָ; זיי האָבען געוואָלט אָנקומען אין די פרעמדע שולען, און זיי זענען געגאַנגען און זענען נישט מעהר צוריקגעקו־מען. די דאָזיגע, וועלכע זענען געבליבען, זעהען אַנדעש אויס. די קדושה איז אַראָב פון זיי און די פּאָרכט איז אַוועק. עס איז אַלעס שענער געוואָרען און פרייער — עס אַלעס מיאוס'ער געוואָרען און פוסטער.

געדענקסט דו? — פאַר'ן עמוד שטעהט דער חזן און וויינט. יעדעס

וואָרט איז אַ טרעהר. דורך די פענסטער קומט דאָס ליכט אַריין מאַט און מיעד און עס שפּירט זיך אין דער לופט ווי אַ קרעכץ. פּלוצלינג הער איך „עשה למען יונקי שדים, עשה למען תינוקות של בית רבן", און איך ווייס, אַז דאָס מיינט מען מיך, און איך צעוויין זיך אויפ'ן קול. איך וואָלט וועלען העלפען, אַזוי וויט ווי איך קען. און איך הער: „. . . געצויגען איז אויף אונז דער שעבוד און לאַנג איז געוואָרען אויף אונז דער יאָך פונ'ם גלות, און מיר ווערען פון טאָג צו טאָג אָרימער. ווי עס מעהרען זיך די יאָהרען, ווערען מיר ווענינגער, און ווי עס פערגרעסערען זיך די צייטען, ווערן מיר אַלץ גרינ־גער" — און איך פערשטעה פּלוצלינג פון וואָס מען רעדט, און מיין בלוט ווערט מיר פערגליווערט אין די אָדערען און איך הער: פון די הייליגע רעדט מען, וועלכע מען האָט געשאָכטען און וועלכע מען האָט געברענט און וועל־כע מען האָט אין שטיקער געריסען. און פון יענע רעדט מען, וועלכע זענען אַריין אין די שוהל און האָבען די שוהל אָנגעצונדען און זענען פערברענט געוואָרען מיט איהר צוזאַמען און מיט די ספרי־תורות, כדי די שונאים זאָ־לען נישט קומען און זאָלען זיי נישט שענדען, און פון די „אנוסים" רעדט מען, וועלכע זענען „געצוואונגען" געוועזן צו זיין פרעמד צו זייער פאָלק, און וועלכע זענען מיט סכנת־נפשות געקומען אין די הייליגע טעג, אום כאָטש איינמאָל צו זיין צוזאַמען מיט זייערע ברידער — און איך, דאָס קליינע יונ־געלע, בעגרייף דאָס אַלעס. און אַנ'אומענדליך מיטלייד נעהמט מיך אַרום. איך ווייס נישט מעהר, וואָס איך זאָג פונ'ם מחזור — איך ווייס אָבער, אַז איך בין אַ יוד.

וואו זענען זיי? — אַלץ, וואָס איז איבער אונזערע אָבות און איבער אונזערע אָבות־אבותינו געקומען, דאָס איז איבער אונז אויך געקומען... און מיר זענען רייפער פון זיי. און ווייסען דאָס אַלץ געטרייער און גיכער, און מיר זענען עמפּפינדליכער און מיר פיהלען דאָס שווערער. געצויגען איז איבער אונז דער שעבוד און לאַנג איז געוואָרען אויף אונז דער יאָך פונ'ם גלות און מיר ווערען פון טאָג צו טאָג אָרימער. און געשאָכטען האָט מען אונזערע ברידער און געברענט האָט מען אונזערע שוועסטער און אין שטי־קער געריסען האָט מען אונזערע קינדער. און די „געצוואונגענע" זענען דאָ,

וועלכע זענען אונז פרעמד געוואָרן. פון טאָג צו טאָג וואקסט זייער צאָהל, און פון מאָנאט צו מאָנאט. א פירכטערליך גרויסע מחנה! און אויך די שוהלען זענען אָנגעצונדען געוואָרען און זענען פערברענט געוואָרען צוזאַמען מיט די ספרי-תורות — נאָר די, וועלכע האָבען זיי אָנגעצונדען, זענען נישט מעהר די אייגענע געווען, נאָר פרעמדע. דער כח פון קדוש-השם האָט אויפגעהערט.

און נאָך איינס! וועלען מיר מאַכען סליחות און וועלען מיר לאָזען נאָך זיך פּיוטים וועגען אונזערע צרות — ווער וועט זיי זאָגען אין דורות שפּעטער און אין קומענדיגע יאָהרהונדערטען? — אונזערע „אנוסים" קו-מען שוין איצט נישט מעהר אין אונזערע שוהלען. די, וועלכע זענען פון אונז אוועק, זענען אוועק אויף אייביג. און ווען מען זאָגט היינט „עשה למען תינוקות של בית רבן" — וואו זענען די קינדער, די תינוקות של בית רבן, האָבען דאָך זיך אָבגעקליבען איין אַנדערען אָרט, אום אפשר דאַדורך אַנצוקומען, וואו מען לאָזט זיי נישט אריין . . .

אויף דיין שוועל שטעה איך, געצעלט יעקב'ס, און קוק אָן דיינע ליע-בע, אַלטע ווענד. אַלעס איז מיר אזוי פרעמד געוואָרען! — לאָז מיך אויס-וויינען אין דיר מיין פערוואונדעטע הארץ און הער מיך — די ווענד דיינע האָבען אויערען. אוי, ווי האָב איך אַנ'אויער געזוכט!

# אנוסים

קענסט דו יענע מעלאָדיע? ווי פון אַנ'אַנדערער וועלט קומט זי, העט־העט פון איבער בערג און טהאָלען, עפּעס ווי אונטער-ערדיש און פערשטיקט, און פּאַמעליך וואַקסט זי אָן און זי ווערט ביסלעכווייז אַלץ ברייטער און ברייטער, ביז זי ווערט מעכטיג און שטאַרק און געוואַלדיג און ביז זי רוישט אַרויס פּלוצלינג ווי אַ צעבושעוועטער שטראָם. און טראָגען טראָגט זי מיט זיך דעם גאַנצען פערהאַלטענעם שמערץ פון אַ גאַנצען אומגליקליכען פאָלק, — זאָג, קענסט דו נאָך דעם כל־נדרי־ניגון?

ווי נאַריש האָב איך דיך געפרעגט. שוין דאָס קינד אינ'ם יודישען וויעגעלע קען די מעלאָדיע. און איז מען גרוי און מיעד און אַלט געוואָרען, קען מען זי נאָך אַלץ נישט פערגעסען. עפּעס ווי אַ צויבער געהט אַרויס פון איהר, וועלכער ציהט און ציהט. דער בעל־מלאכה, ביי דער מאַשין זיצענדיג, ברומט דעם ניגון דאָס גאַנצע יאָהר, און דאָס מאָדערנע פריילין, קען זי נישט מעהר דעם אָריגינאַל־טעקסט, שפּיעלט זי וועניגסטענס די פּאַראַפראַזע פון ברוך. אַ גאַנצע וועלט האָט די דאָזיגע טרויעריג־זיסע מעלאָדיע איינגענומען. און האָסטו לענגסט שוין דיין גאָט פערלויערען און דיין יורגענד, קומסט דו נאָך אַלץ אין יענעם וואונדערליכען בין־השמשות אינ'ם הייליגסטען טאָג פונ'ם יאָהר און גנב'עסט דיך אַריין אין גאָט'ס הויז ווי אַ פרעמדער און דו שטעהסט און האָרכסט. און גוים שטעהען און האָרכען. און אָפיצירען זעהסט דו מיט גלאַנצענדיגע עפּאָלעטען און פרעמדע פרויען מיט פערוואונדערטע אויגען. אַרום און אַרום פלאַקערען די ליכט, די ווייסע טויטען־העמדער בלישטשען אונהיימליך און פייערליך און דער חזן זינגט. און אָט הערסט דו דעם „מיום-כפּורים זה ועד יום־כפּורים הבא עלינו לטובה". און אָט שטעהען אויך די דאָזיגע, וועלכע האָבען אַ גאָט אויסגעטוישט און האָבען אַ צווייטען גאָט אויף פראָקאַט גענומען און צאָהלען איהם אוים

אויף ראַטעס, און געקומען זענען זיי איצט אָט דאָ־אַהער, אום צו הערען דאָס ליעד, צו וועלכען עס האָט זיי געצויגען און געצויגען. זיי האָבען זיך אינדערהיים קיין אָרט נישט געפונען. זיי קאָנען זיך היינט אין ערגעץ קיין אָרט נישט געפינען.

און געדענקען מוז איך יענעם אָבטריניגען פון פעטערבורג, וועלכער איז שפּעטער אַ יודישער דיכטער געוואָרען, און וואָס דער דאָזיגער מענש האָט געליטען אין די טעג אַרום יום־כפּור. ווי אַ שאָטען איז ער אַרומגעגאַנגען, שטום און אונרוהיג, און האָט זיך קיין אָרט נישט געפונען. עפּעס אַ שטומע מעלאָדיע איז איהם אַרומגעבלאָנדזשעט אויף די ליפּען און קיינער האָט זי נישט דערקענט. און איינמאָל, געדענק איך, ווי אַנ׳ערב־יום־כפּור פאַרנאַכט האָב איך איהם געזעהן, און ער האָט עס נישט געקאָנט מעהר אויסהאַלטען און האָט זיך שטיל און הייליג צעגאָסען, זינגענדיג דעם כל־נדרי־ניגון. און פּלוצלינג האָט ער זיך צעוויינט אויפ׳ן קול. און געדענקען מוז איך אויך יענעם אָבטריניגען, וועלכער האָט זיך יום־כפּור נישט קיין אָרט געפונען און נעהמענדיג אַנ׳איזוואָזטשיק, איז ער אַרויס הינטער דער שטאָדט אינ׳ם וואַלד אַריין, אום אַליין צו זיין מיט זיך. פאַמעליך און טרויעריג האָט ער דאָן אָנגעהויבען צו טרעלען פאַר זיך דעם כל־נדרי, פּלוצלינג אָבער האָט דער איזוואָזטשיק איהם אונטערגעהאָלפען און האָט מיט איהם מיטגעזונגען אויפ׳ן קול — דען אויך ער איז געוועזן אַנ׳אָבטריניגער ווי יענער. און געדענקען מוז איך אויך טויזענד אַנדערע אָבטריניגע, און ווי עס ציהט זיי אינ׳ם הייליגען טאָג צו יענעם הייליגען ניגון. איך זאָג אָבטריניגע, איך זאָג מאַראַנען, איך זאָג אנוסים און אויך עברייניִם — אום נאָר נישט צו מוזען זאָגען יענץ מיאוס׳ע וואָרט, וועלכעס קלינגט אַזוי שרעקליך פאַר מיין אויער.

נאַטירליך, אין יענעם וואונדערליכען ניגון האָבען זיי אפשר אַ גרעסערען חלק, ווי מיר זעלבער, און ער קומט זיי על־פּי־יושר. דען נאָך מעהר וואונדערליך ווי דער ניגון איז זיין איינפאַכער און מערקווירדיגער טעקסט: אַנ׳התרת־נדרים, אין וועלכע מען איז מתיר אָדער מען מאַכט בטל אַלע פאַלשע און איבערגעאיילטע פערשפּרעכונגען און שבועות און צוזאָגעכ־

צער, וועלכע מען האָט געגעבען און צוגעזאָגט באונס. אַלץ, וואָס איז געצוואונגען, איז אין גרונד נישט גילטיג. פערשפּרעכונגען באונס, דאָס הייסט פון אנוסים, זענען בטלין ומבוטלין. נדרנא לא נדרי ושבועתנא לא שבועי. און ווייסט איהר, פון וועלכע שבועות און פון וועלכע פערשפּרעכונגען מען רעדט דאָ? — וויפיעל אונזערע פאָרשער האָבען שוין נישט אריינגעפאָרשט וועגען דער ענטשטעהונג פונ'ם דאָזיגען וואונדערליכען טעקסט און זיין מעלאָדיע און ביי וועלכע אומשטענדען זיי זענען ענטשטאַנען, — איין זאַך איז קלאָר געוואָרען: עס איז די תפילה פאַר די מאראַנען, פאַר יענע אומגליקליכע נפשות, וועלכע זענען אין די פינסטערע רדיפות־צייטען געצוואונגען געוואָרען דורך אונמענשליכע מאַטערנישען און שייטער־הויפענס און אינקוויזיטאָרישע מיטלען צו פערבייטען גאָט און אמונה, צו זיין למראית עין אָנהענגער פון אַ נייעם גאָט מיט אַ נייער אמונה, בעת דאָס האַרץ אינעווייניג האָט זיך געצאַפּעלט און געצויגען צום אַלטען גלויבען פון זייערע פאָטערס. איינמאָל אין יאָהר, אינ'ם הייליגסטען אָווענד, ווען דאָס האַרץ איז שוין געווען צו שווער, זענען די דאָזיגע אנוסים זיך צונויפגעקומען אין בעהאַלטענע גאָטס־הייזער, אין הייהלען און אין וועלדער, און עס האָט זיך געהערט יענע פייערליכע געוואַלדיגע תפילה. דער נדר (היינט הייסט דאָס טויף־שוין) איז קיין נדר נישט און די שבועה איז נישט קיין שבועה. עס איז ענטשטאַנען דענסמאָל יענע האַרצרייסענדע מעלאָדיע, וועלכע טראָגט מיט זיך דעם גאַנצען בעהאַלטענעם שמערץ פון אַ גאַנץ אומגליקליך פאָלק. און קהל האָט עס געריסען אין האַרצען נישט ווייניגער ווי די אַנוסים זעלבער און זיי האָבען שטיל מיט אַראָבגעלאָזענע אויגען געענטפערט: „ונסלח — כי לכל העם בשגגה", און די דריי גרעסטע חשובים פון דער עדה האָבען זיך אָוועקגעשטעלט מיט די ספרי־תורות אין דער האַנד און האָבען פעסט און בעשטימט געזאָגט: „על דעת המקום ועל דעת הקהל אנו מתירין להתפלל עם העבריינים" —

און רעדט מען היינט פון אונזערע מאָדערנע אַבטריניגע, פון די עברריינים פון נעכטען און פון עהערנעכטען, וועלכע קיינער האָט נישט געצוואונגען און וועלכע האָבען זיך נאָר זעלבסט געצוואונגען, אנוסים, וועלכע

האָבען זיך אַליין מאַנס געווען, — קאַכט אינ'ם מענשען אויף דאָס בלוט וועגען דעם דאָזיגען שמעריל־אַנגעזאָפּטען נאָמען, וועלכען מען האָט פערשוועכט! זאָלען מיר זיי מתיר זיין דעם נדר, בעת דער נדר איז ביי זיי דאָס העכסטע, מיט וועלכע זיי שטאָלצירען? זאָלען מיר זיי זאָגען „ונסלח", בעת זיי בעטען גאָרנישט קיין שום פערצייהונג? זאָלען מיר זיי מתיר זיין צו בעטען מיט אונז, בעת זיי ווילען דאָס גאָרנישט און האָבען קיינמאָל נישט דאָס בעדערפעניש זיך אויסצווויינען און קומען גאָרנישט? איך לאָז מיין אויג אַרומשוועבען איבער די גוים, וועלכע שטעהען און האָרכען, און איבער די אָפּיצירען מיט די עפּאָלעטען און איבער די פּרעמדע פרויען און איבער די דאָזיגע, וועלכע האָבען אַ גאָט אויסגעטוישט און זענען אָבטריניג געוואָרען. אַרום און אַרום פלאַקערען די ליכט. די ווייסע טויטען־העמדער בעוועגען זיך אונהיימליך און פייערליך און דער חזן זינגט. און מיין אויג זוכט זיי און זוכט . . .

און איך געדענק יענעם בילד פון שיילאָק, ווי ער זוכט זיין טאָכטער יעסיקאַ, וועלכע איז פון איהם אַוועק צו די גוים. און ער רופט און רופט „יעסיקאַ, מיין קינד!" — אַזוי ווי היינע האָט דאָס אונז געמאָלט:

„טראָץ דעם, וואָס איך האָב אַרומגעזוכט אין דער סינאַגאָגע אין וועדעניג אין אַלע ווינקעלעך, האָב איך שיילאָק'ס פּנים אין ערגעץ נישט געקאָנט דערבליקען. און פּאַרט אָט זיך מיר אַלץ אויסגעדאַכטען, אַז ער מוז שטעהן בעהאַלטען דאָרט עפּעס אונטער איינעם פון יענע ווייסע טליתים, דאַוונענדיג הייסער פון אַלע אַנדערע יודען, מיט אַ שטורמישער ווילדקייט, מיט אַ שגעון אַרויפשרייענדיג צום כסא־הכבוד, צום מלך־אלהים! איך האָב איהם נישט געזעהן. און נאָר קעגען אָווענד, צו נעילה־צייט, ווען די הימעלס־טויערען ווערען שוין געשלאָסען און לאָזען קיין שום תפילה נישט מעהר צו, האָב איך אַ שטימע געהערט, אין וועלכער עס האָבען טרעהרען געריזעלט, אַזעלכע, וועלכע ווערען קיינמאָל נישט מיט די אויגען געוויינט... עס איז אַ כליפּען געווען, וועלכעס קאָן אַ שטיין ריהרען צו רחמים . . . עס זענען שמעריל־טענער געווען, וועלכע קומען פון אַ ברוסט, וואָס האָט געהאַלטען אין זיך פערשלאָסען דאָס גאַנצע לײדען, וואָס אַ גאַנץ געקוועהלט

פאָלק האָט געמוזט דערטראָגען זינט אכטצעהן הונדערט יאָהר . . . עס איז געווען דאָס כאָרכלען פון אַ נשמה, וועלכע וואַרפט זיך אַנידער טויט־מיעד פאַר די הימעלס־טויערען. . . און די דאָזיגע שטימע איז מיר פאָרגעקומען זעהר בעקאַנט, און מיר האָט זיך אויסגעדאָכטען, אַז איך האָב זי אַמאָל געהערט, ווי זי האָט געיאָמערט עבען פול פערצווייפלונג: „יעסיקאַ, מיין קינד!"

און אַנ׳אונענדליך מיטלייד נעהמט מיך אָן ביים הארצען און איך זוך אין דער סינאַגאָגע צווישען די ווייסע טליתים און אין רוף: יעסיקאַ, מיין קינד, וואו ביזט דו? וואו ביזט דו? . . .

# פּאָעמעס און לידער

I

# אופיר

געווידמעט מיין מאַמען

גאָלד און זילבער און בריליאַנטען!
רעד איך סתם פון גאָלד און זילבער
און בריליאַנטען און דיאַמאַנטען
און פון שטיינער, וועלכע לייכטען

ווי אַ כלה׳ס שעהנע אויגען —
מיין איך דאָס די קינדער־יאָהרען!
און עס הויבט מיר אָן אין הארצען
העל צו לייכטען און צו בלישטשען.

יאָ, איך טראָג ביי זיך אין הארצען
פון דער וועלט דעם גרעסטען לוקסוס;
טראָג בריליאַנטען, טראָג דיאַמאַנטען —
טראָג זכרונות פון דער יוגענד!

זון, לבנה, העלע שטערען!
רעד איך סתם פון העלע שטערען,
פון לבנות און פון זונען —
מיין איך דאָס די קינדער־יאָהרען!

יאָ, איך בין ביי זיך אַ קליינער
בורא־עולם; האָב בעשאַפען
פאַר זיך גאָר אַליין אַ וועלטעל
מיט לבנות, זון און שטערען —

און איך טראָג זיי אין דעם האַרצען
פעסט פערפּאַקט, צונויפגעבונדען
האָב איך מיר דאָס קליינע וועקטעל,
און איך האָב עס טיעף בעגראָבען —

טיעף אין האַרצען, דאָרטען ערגעץ
אין אַ ווינקעל; און זיי ליגען,
די זכרונות, ווי די מתים
טיעף אין האַרצען שטיל בעגראָבען.

נאָר אמאָל, אמאָל, ווען׳ס ווערט מיר
ענג און נמאס וועלט און מענשען,
ענג די הויט מיר אויף די ביינער
און פעריאָמערט די נשמה —

און עס ציהט מיך העכער, העכער
אין אנ׳אַנדער וועלט; דאָ נעהם איך
שנעל מיין גאָלדענעם צויבערשטעקען,
און בעוויז מיט איהם די וואונדער.

"כוח הדמיון„ הייסט דער שטעקען . . .
ער בעווייזט גאָר גרויסע וואונדער:
קלאַפּ איך מיט איהם אָן אויף קברים,
הויבט עס אָן אין זיי צו לעבען.

קלאַפּ איך אָן אויף מיט קברים
אין דעם טרויעריגען בית־עלמין
פון מיין טרויעריג האַרץ — גאָר אַלטע,
אַלטע חלומות, זיי דערוואַכען

טויטע חלומות — פון די קברים
געניצען זיי מיעד און שלעפעריג;
איינציגוויין נאָר הויבען זיי זיך
אָן צו ריהרען, און זיי שטעהען

פלוצים אויף צו תחית־המתים. —
גאַנצע בערג פון בריליאַנטען
און דיאַמאַנטען, און אַ הימעל
פול מיט זונען, לייכטען פלוצים!

און עס בלישטשעט און עס לייכט זיך
און עס זינגט זיך מיר אין הארצען —
זיי געלויבט, דו אַלט, שעהן וועלטעל!
זיי געגריסט מיר, אַלטע יוגענד!

זעהסטו נישט זיך הימלען שפּאַלטען?
הערסטו נישט מלאָכים זינגען? —
זיי געגריסט מיר, אַלטע יוגענד!
זיי געלויבט, דו אַלט, שעהן וועלטעל!

גליך אַ נעסט פון לויטער פייגעל
ווערט מיין קאָפּ פון מיר; טויזענד יונגע,
פרישע פייגעל זינגען, טרעלען
לאַנג געשטאָרבענע מעלאָדיען.

פלוצים מיין איך, איך אליין נאָך
בין אַ קינדעל, ביי מיין וויעגעל
זיצט די אַלטע, אַלטע באָבע,
און זי וויעגט מיך און זי זינגט מיר.

אוּן זי זינגט מיר שטיל אַ לידעל
פון אַנ'אייביג לאַנגער יוגענד,
פון אַ גליק, וואָס קיינמאָל, קיינמאָל
ווייכט עס נישט אַוועק פון מענשען.

און די גרינגע סטענגעס פון איהר
הויב, זיי פאַלען מיר אין פנים;
שפּעטער פאַלען גאָר אויך טרעהרען . . .
און פון גליק זינגט זי נאָך שטענדיג.

לאַנג געשטאָרבען איז די באָבע
און דאָס לידעל — ס'איז אַ ליגען —
און געשטאָרבען איז די יוגענד,
און דאָס גליק, ס'וויל גאָרנישט לעבען.

פּלוצים מיין איך, אין דעם חדר
זיץ איך נאָך ביים אַלטען רבי'ן,
און פון הימעל וואַרפט אַ גראָשען
מיר אַראָב דער מלאך פּימפּער . . .

לאַנג שוין האָב איך דיך פערגעסען,
גרויסער, שטילער מלאך פּימפּער!
דאָך דער גראָשען, דאָך דער גראָשען —
דיך קען קינדער נישט פערגעסען.

און עס קלינגט דער קלאַנג פון גראָשען
אייביג נאָך אין דער נשמה . . .
און דער ריינער הויך פון מלאך
בלייבט נאָר ביי יחידים קלעבען . . .

בין איך איינער פון יחידים?
איז ביי מיר א הויך געבליבען
פון א מלאך? עפּעס טאַקי
ווערט מיר נמאס צווישען מענשען.

פּלוצים מיין איך, אין בית־המדרש
זיץ איך נאָךביים אַלטען דיין,
און איך בין א היבשער בחור,
און איך לערען דעם ר״ן „אין ברירה״ . . .

שטילע ווינטען, בלויע לופטען,
עפּעס פול מיט צויבער־וואונדער,
קומען שטיל צו אונז צו פאָהרען —
און איך לערען דעם ר״ן „אין ברירה״.

שטיל דערצעהלט מיר מיינ׳ם א חבר
יענע וואונדערליכע מעשה
פון דעם בעל־הטורים, וועלכער
איז געווען דער גרעסטער אביון.

און פּאַפּיער און טינט צום שרייבען
האָט ער נישט געהאַט גאָר קיינמאָל,
און ער האָט מיט טויטע קויהלען
אויף די ווענד פון בית־המדרש.

אַלעס, אַלעס אויפגעשריבען;
אַלעס, וואָס מיר לערנען איצט נאָך,
איז נאָר בית־המדרש־קויהלען . . .
און איך לערען דעם ר״ן „אין ברירה״.

דורך די אָפענע פענסטער גיסען
זיך פון גאָרטען ווארמע שטראָמען
זיסע לופט; א גאָלדען פליגעל
זשומט פערביי מיר פאַר די אויערען.

אויבענאָן זיצט אונזער דיין
מיט דעם גרעסטען ברייטען שטערען,
און ער שוויצט דער גרויסער שטערען;
דאָך די גרויסע אויגען לייכטען.

און ארום איהם די תלמידים —
אויף מיר קוקט ר' געציל חקרן
אונזער דיין, און ער זאָגט מיר:
„ווייסטו, קינד, וואָס איז „אין ברירה" ?

יאָהרען לאַנגע, יאָהרען זענען
שוין זייט דענסמאָל אָבגערונען;
קברים פיעלע צוגעקומען,
וועניגער די פריינד געוואָרען.

און גאָר וואסער פיעלע זענען
אָבגעפלאָסען. אין די אויערען
קלינגט מיר אַלץ נאָך, אַלץ נאָך יענע
גרויסע תורה פון „אין ברירה".

נישט קיין ברירה איז פאַרהאַנען —
נאָך אַלס קינד האָב איך געלערענט
ביי דעם רבי'ן יענע תורה.
שפּעטער ביי דעם גרעסטען רבי'ן

(לעבען הייסט דער גרעסטער רבי!)
האָב איך ווידער דאָס געלערענט —
און איך וויס, אַז אין דעם לעבען
איז קיין ברירה נישט פאַרהאַנען.

וואָס געשעהט אונז מוז געשעהען,
וואָס מען טהוט אונז מוז גאָר ווערען
אונז געטהון, און אויך מיר זעלבער
מאַכען אַלעס אָהן אַ ברירה . . .

דאָס האָט אויך געזאָגט דער גרויכעו',
אונזער גרויסער יוד שפּינאָזאַ —
און דערמאָהן אין איצט שפּינאָזאַ,
דאָ געדענק איך געציל חקרן.

מיט דעם גרויסען, ברייטען שטערען
האָט ער פיעל געטראַכט, געחוקרט,
האָט אַ סך, אַ סך געלערענט
ספרים פיעלע וואונדערליכע.

איז ביינאַכט נישט פיעל געשלאָפען —
ס'האָט איהם נישט געלאָזט — דאָ איז ער
אויפגעשטאַנען, אָנגעצונדען
זיך אַ ליכטעל, אָדער אין דער

פינסטער האָט ער דאָ געלערענט
אַלע וואונדערליכע זאכען;
האָט געלערענט דעם רמב"מ'ס „מורה",
האָט געלערענט די חקירה־ספרים.

און צום סוף גאָר אָנגעהויבען
האָט ער פּלוצים די „קבלה" ;
האָט פערטראַכט זיך ; שפּעטער האָט ער
גאָר די „אַלכעמיע" געלערענט.

און איז שטיל און בלייך געוואָרען. —
שטראַהלען פאַלען אויף זיין פּנים
פון דער זון ; ער זיצט און פרעגט נאָך :
„ווייסטו, קינד, וואָס איז „אין ברירה ?"

יאָהרען, לאַנגע יאָהרען זענען
שוין זייט דענסמאָל אָבגערונען ;
קברים פיעלע צוגעקומען,
וועניגער די פריינד געוואָרען.

ווי פון שניי די ווייסע ברעקלעך,
ועלכע פאַלען אויף די שוואַרצע
פליגלען פון אַ ראָב — ערשיינען
מיר זכרונות ליכטיג־העלע.

אין מיין טונקעל שוואַרצען לעבען. —
אַך, וואו זענט איהר גאָלדענע יאָהרען ?
וואו איז יעצט ר' געציל חקרן ?
מיינע חברים, יעצט וואו זענט איהר ?

איצעק שפּינוועבס, מיינ'ס אַ חבר,
האָט געהאַט דאָס ערגסטע קעפּעל —
פאַר דעם אָבער אין אַ שטעדטעל
איז ער יעצט אַ רב געוואָרען.

פישקע, וועלכר האָט גע׳גנב׳עט
פון מהרש״א די בעסטע קשיות,
האָט גאָר יעצט אַ פערד גע׳גנב׳עט —
און ער זיצט אַ תפוס נעבעך.

לייזער בונעמ׳ס איז אַ שניידער
יעצט אין ווילנא; דענסמאָל האָט ער
ביי אונז אַלעמען געהייסען
דער ווארכיוזקער גרויסער עלוי.

און דער גענעראַל קוגעלצעוו,
איז גאָר יעצט אַ גרויסער פּאָניע
און ער וואוינט זיך דאָרט אין פּיטער —
אונזער חיימ׳ל קנאַקער איז דאָס.

און ר׳ געציל, אַך ר׳ געציל,
איז משוגע גאָר געוואָרען . . .
האָט געזאָגט: ער האָט געפונען
עפּעס גאָר אַ וועלט אַ נייע;

און ביים נאָמען הייסט זי „אופיר״ —
טאָג און נאַכט האָט ער גערעדט נאָר
פון זיין אופיר: איז נישט מעהר שוין
שטיל געוועזן, און גאָר נאָך בלייבער.

איינמאָל אין דערפריה איז געציל
חקרן אויפגעשטאַנען; האָט זיך
איינגעפּאַקט און איז געפאָהרען
זוכען זיך זיין אינזעל „אופיר״.

II

אויף די חורבות פון קארטאגע,
אויף די פוסטע, וויסטע שטיינער,
וועלכע ליגען דאָ און דאָרטען
אַנגעוואָרפען, זיצט דער רוימער

קאַיוס מאַריוס שטום און טרויעריג,
און עס בליקען זיינע אויגען
אָהן אנ׳אויפהער אויף די שטיינער —...
און די אויגען ווייַנען גאָרנישט.

שטומער וועהטאָג! ערגער איז ער
ווי גאָר טויזענד טייכען טרעהרען!
יעצט דערמאָהנט זיך קאַיוס מאַריוס
אַן זיין פיינד, דעם רוימער סולא.

ער דערמאָהנט זיך יעצט די צייטען,
אַז ער איז געוועזען גליקליך,
איז געוועזען גרויס און מעכטיג
און ער האָט געמיינט, אַז אייביג,

אייביג וועט דאָס גליק שוין דויערען —...
פּלוצים אָבער איז געוואָרען
אַלעס אַנדערש; אויף די חורבות
פון קאַרטאַגע זיצט און טרויערט ער.

ליעבער לעזער! נאָך פאַר־יאָהרען
האָב איך אין בערלין געזעהן
אַט דאָסזעלבע בילד פון מאַריוס
וואָס עס האָט געמאָלט א מאָלער.

און עס איז מיר קאַלט געוואָרען
און איך הייס אין מיינע ביינער —
און איך האָב דערמאָהנט זיך פּלוצים
אָן מיין רבי'ן געציל חקרן.

אין אָדעסע, אויף די ברעגעס
פון דעם שווארצען ים, שטעהט איינער
שטום און טרויעריג, וויינט און קלאָגט נישט —
איך דערקען דיך, געציל חקרן!

בליקט און גלאָצט אריין אין וואסער,
און די קנייטשען פון זיין שטערען
ווערען גרעסער, ווערען טיעפער,
און די אויגען ווערען קלענער

און די קליינע אויגען זענען
יעצט שוין גאָר אָהן גלאַנץ און לעבען;
אויסגעטרוקענט שוין די טרעהרען.
אויסגעלאָשען איז דאָס פייער,

און נאָר נאָך אביסעל זיפצען
קען ער ווען עס ווערט איהם ביטער —
און ער זיפצט יעצט; ווי דער אָטעם
פון א גוסס איז זיין זיפצען.

אך, ווי אַלט איז יעצט ר' געציל,
ווי געבויגען איז דער רוקען,
ווי געקרימט ביי איהם די קניהען,
און די האָר ווי וויים זיי זענען!

און ער שטעהט נאָך אַלץ און גלאָצט נאָך
טיעף אריין אין שוואַרצען וואַסער,
און ער קלערט נאָך אַלץ און טראַכט נאָך
פון זיין טרויעריג שוואַרצען לעבען . . .

„אַלט בין איך און מיעד געוואָרען.
וויט, זעהר וויט שוין איז די יוגענד,
און דער סוף איז שוין גאָר נאָהנט —
ווען בין איך געווען דען גליקליך ?

„און איך האָב געגלויבט, געגלויבט אַלץ,
וואָס זיי זאָגען מיר, אַז מאָרגען —
פאַלשע תורה, פאַלשער גלויבען !
ווען דען האָב איך גליק גענאָסען ?

„גלויב קיין געטער, גלויב קיין מענשען
ווען זיי זאָגען דיר, אַז מאָרגען :
„היינט מוזטו שוין ליידען, אָבער
מאָרגען וועסטו גליקליך ווערען" —

„שלעכטע סוחרים ! זיי בעצאָהלען
נישט די וועקסלען, וואָס זיי האָבען
דיר געגעבען. זעהט, זיי האָבען
מיר באַנקראָט געמאַכט דאָס לעבען,

„וואָס זיי האָבען מיט די פאַלשע
צונגען זיך פון מיר געליהען ;
האָבען אויסגענאַרט מיט ווערטלעך
און מיט פשט'לעך מיר דאָס לעבען.

„האָבען אויסגענאַרט מיטווערטלעך
מיינע יונגע, העלע אויגען,
און זיי האָבען בלינד געמאַכט זיי —
אָט די מערדערס פון דער יוגענד.

„איינציג, איינציגווייז דאָן האָבען
זיי די צייהן מיר אָבגענומען,
וועלכע זענען ווי אַ שטאַרקע,
שטאָלצע וואַך איז מויל געשטאַנען.

„ווי אַ פאַלשע דלילה האָבען
זיי מיר אויסגענאַרט די סודות
פון מיין קראַפט; זיי האָבען מיינע
שוואַרצע לאָקען צוגענומען.

„ווי איך וואָלט גאָר זיין אַנ'אָבל
האָבען זיי דעם גאַנצען קאָפּ מיר
ווי מיט גרויען אַש בעשאָטען . . .
אָבער דאָס איז נישט גענוג נאָך.

„דען זיי האָבען אָבגעשנייט דאָן
פּראָסטיג וויים דעם גאַנצען קאָפּ מיר,
אַז עס פריערט אַזש די נשמה
מיט אין קאַלטען, וויסטען קערפּער.

„האָבען דאָן מיר אויסגעזויגען
היץ און וואַרעמקייט און פייער;
האָבען אויסגענאָגט די פרישע
זאַפטען מיר פון מיינע ביינער.

און די ביינער, אך די יונגע,
פריש געזונדסטע ביינער מיינע,
אוי, ווי מיעד און מאט און שלעפעריג
זענען זיי מיר יעצט געווארען!

„אוי, ווי ווילען זיי שויו רוהען
אין א קיהלען, שטילען ווינקעל,
וואו פון אויבען בלאזט א ווינטעל
און עס וואקסט גאר שטיל א גרעזעל...

„ביזטו טאקי שוין פערשוואונדען,
יוגענד מיינע? איינמאל וואלט איך
וועלען זיין א קינד נאך, איינמאל
פריש און פרעהליך עכט נאך לאכען!"

און א וואונדער! געציל חקרנ'ס
אויגען הויבען אן צו גלאנצען
גאר ווי נאך פארצייטענס; פלוצים
הויבען זיי אויך אן צו טראפען.

און עס קלאפען קליינע, ווייבע
פערעל איהם פון זיינע אויגען;
און זיי שיטען ווי א קלארער
טוי זיך אוים אויף זיינע באקען.

און ער לאכט יעצט מילד, צופריעדען
און ער זאגט דאן: „יענע מענשען,
יענע געטער, וועלכע הייסען
גלויבען, זענען אהנע בושה.

„אַז זיי זעהען, ווי דעם מענשען
איז די יוגענד שוין פערשוואונדען
און דאָס לעבען נעהמט אַ סוף איין ---
הויבען זיי אָן איינצורעדען,

„אַז אַ לעבען, פריש און לוסטיג,
הויבט זיך דאָרטען נאָך דעם קבר
גאָר אויפסניי אָן. אַט אזוי גאָר
כאַפּט די קאַץ די קליינע מייזלעך".

און ער שטעהט שוין ווידער, גלאָצט יעצט
טיעף אריין אין שווארצען וואַסער;
און ער קלערט נאָך אַלץ און טראַכט נאָך
פון זיין טרויעריג שווארצען לעבען . . .

„און איך געציל חקרן בין קיין
מייזעל, וואָס עס לאָזט זיך כאַפּען;
טויזענד גרויסע מענשען פאַר מיר
האָבען מיר דעם וועג געוויזען.

„טויזענד גרויסע מענשען פאַר מיר
האָבען נישט געלאָזט זיך נארען;
האָבען נישט געוואָלט אין עלענד
און אין נויט און דחקות לעבען.

„האָבען נישט געוואָלט די יוגענד
לאָזען גזל'ען זיך; נישט שטארבען,
ווי מען האָט זיי פאָרגעשריבען . . .
און זיי האָבען אַלעם, אַלעם

„אויסגעפיהרט, אז נישט קיין געטער,
נישט קיין מענשען האָבען דענסמאָל
זיי געקאָנט גאָר עפּעס מאַכען —
און זיי לעבען טאַקי היינט נאָך

„טויזענד גרויסע מענשען פאַר מיר
האָבען זיך געזוכט א דרך,
ווי צו לעבען אייביג, אייביג
אין עשירות און צופריעדען.

„און זיי האָבען זיך געפונען
באַלד דעם דרך, ווי צו מאַכען
גאָלד און זילבער. „אַלכעמי" הייסט
יענע גרויסע וואָהרע חכמה.

„נעמהט מען שמאַטעס, נעהמט מען בלאָטע,
און מען טהוט דערצו די סגולות,
וואָס איז צו דער אַרבייט נויטיג —
קען מען מאַכען גאָלד און זילבער.

„גרויסע מענשען „אַלכעמיסטען"
האָבען דאָס געפּרובט און האָבען
גאָלד און זילבער און בריליאַנטען
באַלד געמאַכט זיך אָהן א שיעור.

„און זיי האָבען זייערע סודות
קיינעם נישט געוואָלט ענטדעקען;
האָבען נישט געוואָלט ענטדעקען,
וואו עס ליגען יענע אוצרות.

„און נאָך אַנדערע גרויסע סודות
האָבען זיי אַרויסבעקומען;
יענעם גרויסען סוד פון לעבען,
ווי מען קען גאָר אייביג לעבען.

„און גאָר פיעלע, פיעלע פון זיי
לעבען טאַקי לאַנג און אייביג;
איינער — ניקאָליי פלאַמעליוס
לעבט שוין טויזענד לאַנגע יאָהרען.

„ניקאָליי פלאַמעליוס, וועלכער
לעבט שוין טויזענד לאַנגע יאָהרען,
איז געווען אַ גרויסער חכם,
האָט דערפאָרשט די גרעסטע סודות,

„האָט געמאַכט פון בליי און קופּער
און פון שמאַטעס און פון בלאָטעס
און מיט סגולות און קמיעות,
גאָלד און זילבער אָהן אַ שיעור —

„און ענטדעקט האָט ער דעם גרויסען,
גרויסען סוד פון לעבען אייביג;
ווי אַ מענש קען אייביג יונג זיין
און געזונד און פריש און פרעהליך.

„נאָך צו שלמה מלך׳ס צייטען
האָט זיך ניקאָליי פלאַמעליוס
צו דער וועלט בעוויזען; אָבער
אַנדערש האָט ער דאַן געהייסען.

„און אין זעכצעהנטען יאָהרהונדערט
האָט מען ווידער איהם געזעהען,
ווי ער איז געווען אין דייטשלאַנד
און געמאַכט דאָרט גאָלד און זילבער

„און זייט דענסמאָל איז ער ווידער
גאָר פערשוואונדען; דאָך פון יאָהרען,
ווי איך האָב געלערענט די הכמה
פון דער אַלכעמי, האָב איך איהם

„איינמאָל ביי דער נאַכט דערזעהען,
און איך האָב דערקענט איהם דענסמאָל
אָן די גרויסע קעלבער־אויגען —
דאָס איז ניקאָליי פלאַמעליוס!

„דאָך דער דאָזיגער פלאַמעליוס
איז קיין יחיד נישט געבליבען;
טויזענד אנדערע גרויסע מענשען
האָבען יענע קונץ בעוויזען.

„און זיי זענען רייך געוואָרען
און זיי זענען יונג געבליבען
פּאַראַצעלזוס, קאַליאָסטראָ
און נאָך פיעל בעריהמטע מענשען.

„גרויסע מענשען, קענט איהר מיר נישט
זאָגען אייערע גרויסע סודות?
קען אויך איך גאָר אפשר ווערען
„טשלען״ פון אייערע קלוגע חברות?

„קענט איהר מיר דעם וועג נישט ווייזען,
ווי מען פאָהרט צום גליק אויף אייביג?
גוטע מענשען! קלוגע מענשען!
פיהרט מיך דאָך צום גליק אויף אייביג!

„אָבער יענע קלוגע מענשען
האַלטען צוגעשטאָפּט די מיילער;
שווייגען ווי די טויטע — זענען
אָבער לעבעדיגע מענשען.

„און איך געציל חקרן האָב גאָר
לאַנג געקלערט און לאַנג געחוקר'ט;
און איך געציל חקרן האָב דאָן
גאַנץ אַליין ענטדעקט די סודות.

„האָב געפאָרשט, געזוכט, געלערענט
טויזענד אַלטע וואונדער־ספרים
און איך בין דעם סוד דערגאַנגען
דורך דעם איינעם וואָרט פון אופיר.

„אופיר! אופיר! — גאָלד און זילבער
און דיאַמאַנטען און בריליאַנטען
און אַ יוגענד ביז אויף אייביג,
וועל איך האָבען דאָרט אין אופיר!..."

און עס גלאַנצען זיינע אויגען
און עס לאַכט איהם יעדער אבר —
ווי אַ גרויסע קרוין פון אופיר
הענגט פאַר איהם די זון אין הימעל.

„אַך, ווי נאַריש זענען מענשען
וואָס זיי האָבען נישט פערשטאַנען:
ווער עס וויל געזונד און גליקליך
ווערען, מוז קיין אופיר פאָהרען.

„נאָך פאַרצייטענס, גאָר פאַר לאַנגע
יאָהרען, איז געווען אַ מלכה;
מלכה שבא האָט זי געהייסען —
און עס איז געווען אַ מלך,

„אונזער גרויסער חכם שלמה. —
איינמאָל איז פון שבא די מלכה
צו דעם גרויסען חכם שלמה
היינגעפאָהרען חכמות הערען.

„און זי האָט געהאַט בריליאַנטען
גרויסע אין איהר שטערען; (אויגען
רופען אָן דאָס פאַלש די מענשען) —
און זי האָט געקוקט אויף שלמה'ן.

„איהם איז עפּעס גאָרנישט היימליך
פלוצים אין זיין האַרץ געוואָרען;
טויזענד ווייבער האָט ער דרינען —
דאָך עס קוקט אַזוי נישט קיינע.

„און זי האָט געבראַכט גאָר גרויסע
וואונדערליכע רעטענישען
מיט מיט־זיך פון איהרע לענדער
און זי פרעגט די רעטענישען:

„גרויסער מלך שלמה! קענסטו
מיר נישט זאָגען, וואָס איז יוגענד?
און ער קלערט און זאָגט דאַן „יוגענד
איז פאַרהאַנען נאָר אין אופיר".

„גרויסער מלך שלמה! קענסטו
מיר נישט זאָגען: איז פאַרהאַנען
אייביג לעבען?" — „אייביג לעבען
איז פאַרהאַנען נאָר אין אופיר".

„און עס לאַכט די קלוגע מלכה
און זי פּאַטשט זיך אין די הענטלעך:
„גרויסער שלמה! האָסט געטראָפען
אַלע מיינע רעטענישען!

„אופיר איז די שעהנע אינזעל,
וואו מען ליעבט און לעבט נאָר אייביג,
דאָרטען איז מען יונג און קרעפטיג
אָהן אַנ'אויפהער אָהן אַנ'ענדע.

„דאָרטען היילען אוים די וואונדען,
וואָס דער מענש האָט דאָ געקריגען;
דאָרטען האָט מען גאָלד און זילבער
אָהן אַנ'אויפהער, אָהן אַ שיעור.

„איך אליין פון שבא די מלכה
לעב שוין טויזענד לאַנגע יאָהרען;
זאָגט, דערקענט איהר מיר אָן פּנים,
אַז איך בין שוין אַלט אַביסעל?

„יאָ איך בין געשמינקט, געפּודערט,
פּונקט ווי אַלע אייערע דאַמען —
אָבער שמינקע און אויך פּודער
האָב איך מיר געקויפט אין אופיר.

„...און דאָס זענען טייערע סחורות
עבט און האַלטען אייביג, אייביג —
און נאָך טויזענד לאַנגע יאָהרען
וועל איך לעבען און גאָר יונג זיין.

„איך אַליין פון שבא די מלכה
האָב געמאַכט זיך גאָלד אָהן שיעור.
און דיאַמאַנטען און ברילינטען —
נאַ דיר איינעם אַ מתנה!" —

„און זי גיט דעם קלוגען מלך
יענעם גרויסען שעהנעם דימענט
וואָס זי האָט געבראַכט פון אופיר —
ווי עס שטעהט דערמאָהנט אין פסוק.

„יענעם דימענט האָט די מלכה
מיט די הענד אַליין געקנעטען
פון די שמאַטעס, פון די בלאַטעס,
מיט די סגולות און קמיעות.

„דען די מלכה איז געוועזען
מלכה פון די אַלכעמיסטען,
און זי האָט געוואָלט, אז שלמה
זאָל; ווי זי, די סודות וויסען . . .

„אָבער אונזער קלוגער מלך
האָט זיך גאָרנישט קלוג בענומען,
און ער איז פערדרעהט געוואָרען
און דערשראָקען ווי א יונגעל.

„און ער האָט פערגעסען פרעגען
ביי איהר אין דער רעכטער רגע,
זי זאָל ווייזען איהם דעם דרך,
ווי מען פאָהרט אוועק קיין אופיר.

„און די מלכה איז געפאָהרען
גאָר אליין. — אך, קיינער ווייס נישט
עד היום דעם רעכטען דרך,
ווי מען פאָהרט אוועק קיין אופיר.

„און די מלכה איז געפאָהרען
גאָר אליין. — אך, קיינער ווייס נישט
עד היום דעם רעכטען דרך,
ווי מען פאָהרט אוועק קיין אופיר!

„נאָר אליין איך, געציל חקרן,
ביז דערגאַנגען מיט דעם שכל
יענעם וועג, דעם וואונדערבארען,
ווי מען פאָהרט אוועק קיין אופיר!

„בין דערגאַנגען פּונקט ווי יענע
וועלטבעריהמטע אלכעמיסטען,
וואָס זיי האָבען גאָלד און זילבער
און זיי לעבען אייביג, אייביג.

„יעצט אוועק, אוועק קיין אופיר,
כ'וויל נישט ווארטען מעהר און הארען;
כ'וויל נאר לוסטיג זיין און פרעהליך —
יעצט אוועק, אוועק קיין אופיר!"

און עס לאכט יעצט געציל חקרן,
ווי א קינד וואס קיינמאל נאך נישט
האט זיין הארץ גענאגט א צרה —
און עס לאכען אויך די הימלען,

ליכטיג-העלע כמארעס שיפען
זיך ארום אין בלויען הימעל;
שטיל איז אומעטום; עס לאזט זיך
ווייך אראב די נאכט די שטילע,
ווי א לאנד אוים לויטער אופיר

ליגט דער הימעל אויסגעגאסען;
אין איהם הענגען די בריליאנטען,
ווי געמאכט אוים לויטער שטערען —

און עס הענגט דארט די לבנה,
ווי די גרויסע קרוין אוים דימענט,
וואס עס האט פון שבא די מלכה
שלמה'ן מיטגעבראכט פון אופיר.

שטיל ליגט אין דער שיף רב געציל,
און ער שלאפט און שנארכט פאמעליך;
און עס שעפטשען זיינע ליפען:
„יעצט אוועק, אוועק קיין אופיר!"

אויף דעם גרויסען, וועלטבעריהמטען
משה מענדעלזאָהן דערצעהלט מען:
ער האָט אַלע, אַלע חכמות
און ידיעות אויסגעלערענט.

און נאָר איינער פון די חכמות
איז איהם פרעמד און וויט געבליבען;
די „היסטאָריע" הייסט די חכמה —
דאָקטאָר קייזערלינג דערצעהלט דאָס.

אויך ר' געציל אונזער חקרן
האָט פערשטאַנען אַלע חכמות;
נישט געוואוסט האָט ער נאָר איינע,
און זי הייסט די געאָגראַפיע.

געאָגראַפיע! אך ווי נוצליך
ביזטו שטענדיג אונז געוועזען —
וואַנדערסטו אַרום אין לעבען,
מוזטו קענען געאָגראַפיע.

קענסטו אָבער נישט די גרויסע,
שעהנע חכמה געאָגראַפיע,
וועסטו בלאָנדזשען אין דיין לעבען
פון דער קינדהייט ביז דער עלטער.

וועסטו בלאָנדזשען אין דיין לעבען
און דו וועסט נישט קיינמאָל וויסען
וואו צו געהן, וואו צו רוהען,
וואו געפינען, וואָס דו זוכסט דיר,

רעכטע וועגען, רעכטע שטעגען —
און דו וועסט צו זיי נישט טרעפען ;
נעבען דיר ליגט גאָלד און זילבער,
און דו געהסט דיר פּונקט דערנעבען.

געאָגראַפיע ! — געציל חקרן
האָט זי נעבעך נישט געלערענט ;
טויזענד חכמות האָט דערפאָרשט ער
און די נוצליכסטע פערגעסען . . .

ליעבע לעזער ! נאָר נאָך וועניג
האָב איך אייך יעצט צו דערצעהלען ;
מיעד און מאַט בין אליין שוין
אַלעס, דאַכט זיך, געהט צו ענדע . . .

יאָהרען פליהען, יאָהרען קומען.
אויף דעם וואַסער פאָהרט די שיף נאָך —
„ליעבע, גוטע מענשען ! קענט איהר
מיר נישט זאָגען, וואו איז אופיר ?"

געציל חקרן פאָהרט נאָך אויף דעם
שוואַרצען ים אין שוואַרצען לעבען,
און ער זוכט נאָך אַלץ זיין אופיר . . .
אַך, ער קען נישט געאָגראַפיע !

ווייטער טויזענדמאָל ווי פריהער
איז דער קאָפּ איהם שוין געוואָרען ;
שניי — אַ גאַנצער באַרג לבנון
ליגט דאָרט אויף איהם אויסגעגאָסען.

און די אויגען, אַך, זיי זענען
באַלד איינגעזונקען איהם פערלאָשען,
און די אויערען, אַך, זיי זענען
שוין איינגעזונקען טויב געוואָרען!

איינגעפאַלעןביידע באַקען,
און עס שטאַרען נאָר צוויי ביינער
שטאַרק אַרויס, און אויפגעהאָנגען
איז אויף זיי אַ געלבליך לעדער.

און די צייהן אין מויל, די לעצטע,
אַך, זיי זענען שוין פערשוואונדען!
ווי פערזונקענע מצבות
שטעקען דאָרט נאָך צוויי דריי וואָרצלען.

און די מאַטע, אַלטע ביינער,
אוי ווי מיעד און אויסגעטרוקענט
זענען זיי איהם שוין געוואָרען —
און ער מוז זיי נעבעך שלעפּען.

אוי, ווי ווילען זיי שוין רוהען
אין אַ קיהלען, שטילען ווינקעל,
וואו פון אויבען בלאָזט אַ ווינטעל;
וואו עס וואַקסט גאָר שטיל אַ גרעזעל.

קרום דער רוקען, קרום די קניהען,
האַנד און פיס ווי צוגעקאָוועט,
און זיי וועגען טויזענד פונטען . . .
און ער מוז דאָס אַלץ נאָך שלעפּען.

גנעציל חקרן קען שוין מעהר נישט
געהן, קען שוין מעהר נישט שטעהן;
קען נישט עסען, קען נישט רעדען —
דאָך עס חלומ'ט זיך איהם אופיר.

יאָהרען קומען, יאָהרען געהען,
אויף דעם וואַסער פאָהרט די שיף נאָך —
„ליעבע מענשען! גוטע מענשען!
זאָגט, איהר ווייסט נישט, וואו איז אופיר?"

ניין, עס ווייסען נישט די מענשען
וואו, עס איז אַ לאַנד פון יוגענד,
וועלכע דויערט אייביג, אייביג,
און מען האָט דאָרט גאָלד און זילבער!

ווינד און שטורעם. — האַלב ווי טויט שוין
ליגט ר' געציל אין דעם שטיבעל
פון זיין שיף; גאַנץ ווי פערשלייערט
ליגט די וועלט פאַר זיינע אויגען

ווי אַ חלום ליגט זיין לעבען
הינטער איהם! ער זעלבער קומט זיך
פאַר אַ לאַנגער, וויסטער, חלום —
פּלוצים הויבט עס אָן צו לייכטען.

און עס לייכט צוערשט פון ווייטען,
און עס לייכט באַלד נעהנטער, נעהנטער;
און ער זעהט עס דורך דעם שלייער —
שטיל געוואָרען איז דער שטורעם.

און נאָר גאָלדענע פייגעל זינגען
גאָלדענע, ווייכע מעלאָדיען,
אַז עס טאַנצט אַזש די נשמה
אין דעם קאַלטען, וויסטען קערפּער.

איז דאָס נישט די אינזעל אופיר ? —
ווי אַ ווייכע, פרישע יונגענד
ליגט זי פאַר איהם אויסגעגאָסען,
און ער זעהט זי מיט די אויגען.

און דיאַמאַנטען און בריליאַנטען
לייכטען, בליצען דאָ און דאָרטען ;
אַלעס, אַלעס איז איין אייביג
ליכט פון מזרח ביז צו מערב.

און אויך ווייכע, קיהלע שאָטענס
לאָזען זיך אַראָב פאַמעליך —
אוי ווי ווילט זיך שוין דאָרט רוהען
אין דעם קיהלען, שטילען ווינקעל !

און שוין ווידער בליצען טויזענד
גאָלדענע זונען און לבנות . . .
אַך, די מיעדע אויגען זיינע
האָבען׳ס נישט געקאָנט דערטראָגען !

און ער האָט זיי שטיל געשלאָסען
צוגעדריקט זיי, אַך, אויף אייביג —
און עס דאַכט זיך, אַז זיי קוקען
אויף די גאָלדענע שוועל פון אופיר.

און עס דאַכט זיך: אויף די אַלטע
אָבגעוועלקטע ליפּען זיינע
שטעהט אַ גאָלדען כתב געשריבען:
„יאָ, דאָ איז דאָס רעכטע אופיר!" . . .

# משיח

פֿיינאַכט אוים דער שטילקייט הער איך אַ רעש'ן,
וויִ רעש'ן פֿון קייטען,
ווען שווער געשמידטע רינגען זיך רייסען — —
אויפגעמאַכט האָט זיך
דער הימעל,
און אַ בלענדענדער שטראָם,
אַ שטראַהלען־וואַסערפֿאַל
האָט אַ גאָס זיך געגעבען
אויף אַלצדינג פֿלוצלינג,
רויט און בלוי געמישט —
און איך בין געפֿאַלען אַהין אויף מיין פּנים:

אַט האָט זיך בעוויזען גאָט פֿון צבאות!

אין חשמל און תרשיש, אויף פֿורפֿורנע וואָלקען
נעבעל וואָס שוועבען
אַרויף און אַראָב, אַרויף און אַראָב,
אין דעם סאַפּירענעם שטוהל,
צו־קאָפּפֿענס די זון איהם, די לבנה צו־פֿוסען,
און זיינע זוימען פֿערפֿלייצען די הימלען:
אזוי זיצט שוועבענד גאָט פֿון צבאות.
אויבען אָבער
צום זוים פֿון דער שטוהל,
צו דער לעהן פֿון כסא־הכבוד
שטעהט צוגעשמידט

מיט גאָלדענע שטאַרקע קייטען
משיח, אונזער קעניג משיח . . .

און אויגענבליקליך האָב איך דיך דערקענט משיח!
אין דעם פייער פון דיינע אויגען,
הייליג פייער,
וואָס ברענט אינ׳ם אויג פון יעדען דיכטער
און זעהער און נביא און דערלייזער,
אין עדלען אָבשיין אויבען אויף דיין שטערען,
אין טיעפען מיטלייד אויף דיינע בלאַסע באַקען,
אין ציטער־פייער אויף דיינע פיינע ליפען.
און מעהר פון אַלעם
האָב איך דיך דערקענט
אין די קייטען אויף דיינע הענד
(אַזעלכע קייטען האָב איך געזעהן
אַמאָל אויך אויף די הענד פון פּראָמעטהיים.
דערפאַר וואָס ער האָט דאָס ליכט געבראַכט!)
אין אַלעם,
אין אָט דעם אַלעם האָב איך דיך דערקענט:
דו ביזט עס, ביזט עס, מיין קעניג און משיח!

און אין גאָלדענע קייטען,
קייטען וואָס רייסען נישט קיינמאָל,
ביזט דו געשמידט שוין טויזענדער יאָהרען
צום שטוהל פון גאָט דעם הערר,
און קענסט דיך פון אָרט נישט ריהרען;
און דיינע אויגען מוזען זעהען פון אויבען
אַלע קוואַהלען און ליידען און מאַטערנישען
פון דיינע ברידער־מענשען —
און העלפען קענסט דו נישט.

און יעדען טאָג און יעדע שעה און יעדע רגע,
ווען דיין אויג זעהט א נייע צרה,
ווען דיין אויער הערט: ניי בלוט
שרייט צו דיר פון דער ערד,
דאָ רייסט אין דיר דיין געדולד
און עס פלאַמט דיין צאָרן אין די געשוואָלענע אָדערען,
און כאַפּסט דיך אויף, און פּרובסט
דיינע קייטען צו צעררייסען
און פריי די הענד צו קריגען,
און רייסט דיך אראָב
צו דער ערד, צו דער ערד,
און ווילסט העלפען און בעפרייען און רעטען
דעם שוואכען פון שטארקען און בעדריקטע פון בעדריקער.
און עס הערט זיך דאָס רעש'ן פון די קייטען,
ווי דו רייסט אָן זיי
און —: „יעצט קען איך נישט לענגער!
יעצט קום איך שוין! יעצט איל איך! יעצט רעט איך!
און אָט קומט אייך באלד די הילף!" —
אָבער געבונדען ביזט דו און קאָנסט נישט,
און דו שטרויכעלסט צוריק
און דערקענסט דיין אָהנמאַכט
און וויינסט —
און אַלעם בלייבט ווי געוועזען.
און טויזענדער יאָהרען שוין הערט זיך ביי נאכט דאָס רעש'ן,
ווי דו ראַנגעלסט דיך . . .
און טיעף אוים דער שטילקייט האָב אויך איכ'ס געהערט!
און האָב געהערט: „אוי גאָט, אוי גאָט! ווי לאַנג דען?
„וועה איז מיר! וועה איז מיר!
„צו וואָס האָסט דו געגעבען מיר דאָס האַרץ,
„צו וואָס די נשמה,

„צו פיהלען און דורכצולעבען
„יעדען וועהטאָג און יעדעם אונרעכט,
„מיטצוטראָגען מיט יעדען עלענדען,
„מיטצולײדען מיט יעדען שמערצענדען —
„און האָסט געבונדען די הענד מיר, נישט צו העלפען?
„צו וואָס האָסט דו געגעבען מיר דאָס אויג,
„צו וואָס דאָס אויער,
„צו זעהען יעדען דור און זײנע טרעהרען,
„צו הערען יעדען דור און זײנע זיפצען,
„צו פיהלען יעדען מענשען און זײנע וואונדען —
„און האָסט געבונדען די הענד מיר נישט צו העלפען?
„צו וואָס בעשאַפען דעם גאַנצען ים פון עלענד
„און אַלע יענע לײדען,
„וואָס מײן אויג זעהט פון אײביג
„און וועט נאָך אײביג זעהן
„און אין מיר האָסט דו די קראַפט געפלאַנצט
„צו רעדען פלאַמען, אז אַט דאָס אַלץ וועט שווינדען —
„און האָסט פער׳חתמ׳עט מײן מויל מיר, נישט צו רעדען?
„צו וואָס די הונדערט מיליאָנען אומגליקליכע
„וואָס וועלען נאָך זײן אָרום און אָרום
„ביז צום לעצטען טאָג,
„מיט די מיליאָנען־מיליארדען טרעהרען,
„וואָס וועלען נאָך פליסען אָרום און אָרום
„ביז ענדע וועלט,
„און מיך געשאַפען אַזוי, צו הערען
„שטענדיג, שטענדיג
„דאָס יאָמערליכע, שטײנער־צערײסענדע װײנען —
„און האָסט געבונדען די הענד מיר, נישט צו העלפען?
„צו וואָס אין מיר דעם כח געגאָסען
„און פערפלאַנצט דעם ווילען,

„אייביג צו וועלען
„רעטען און העלפען און דערלייזען,
„און טרעהרען טרוקענען
„און וואונדען היילען
„און שמערצען לינדערען —
„און לאָזט מיך קיינמאָל מיין כח נישט געברויכען
„און האלטסט די הענד געבונדען מיר אין קייטען ?
„וואָס האָסט דו, גאָט, געמאַכט מיך צום דערלייזער
„און לאָזט מיך דערלייזען נישט ?"

ביינאַכט אין דער שטילקייט הערט זיך דאָס רעש'ן,
אַ רעש'ן פון גאָלדענע רינגען,
ווען עס ראַנגעלט זיך משיח,
די קייטען צו צערייסען,
און מיטצורייסען מיט זיין גאַנצען כח
דעם גאַנצען כסא־הכבוד מיט זיינע זיילען
און מיט אַלע הימלען —
און נעבען דעם ס'הערט זיך ביינאַכט אין דער שטילקייט
אויך דאָס רעש'ן פון אייזערנע קייטען
דאָ אונטען אויף דער ערד,
פון דעם עק פון דער ערד ביז צום עק פון דער ערד.

און פון די רויטע וואָלקען
צווישען תרשיש און חשמל
געהט דאָס קול:
„ביז קומען וועט דער דור,
„דער דור פון פרייהייט,
„וואָס גרייט זיך צום פריי־זיין
„און וויל זיין פריי —
„וועט קומען דיין צייט פון ווערען דערלייזט,
„וועט קומען דיין צייט פון געהן דערלייזען !"

## די שליסלען

מיר חלומט א חלום אן אלטער
מיר ווערט אזוי באנג אזוי שווער:
איך הער ווי מיט שליסלען א קלינגען,
איך זע ווי פון פלאמען א מער.

דער טאג איז גאר פינסטער און טרויער-ריק,
דער טאג איז געהילט ווי אין שלאף,
עס קרעכצען אין הימעל די ראבען, —
דאס איז ער, דער ניינטער אין אב.

עס ברענען די ווענט פון בית־המקדש,
עס פאלט שוין א וואנט נאך א וואנט,
עס שטייען די פרחי־כהונה
און האלטען די שליסלען אין האנט.

עס זיינען אומשולדיגע קינדער
געהילט אין דעם ווייסען געוואנט
עס פרעסען די פלאמען אלץ ווייטער, —
זיי האלטען די שליסלען אין האנט.

עס זיינען די שליסלען פון היכעל,
די שליסלען פון ארון דערצו:
„אוי הימעל דא זיינען די שליסלען
און נעם זיי, אוי הימעל, שוין דו!"

און פליצלונג באַוויַיזט זיך פון הימעל
אַ לאַנגע אַ ליכטיגע האַנט
און נעמט פון די קינדער די שליסלען
און ווערט באַלד פאַרשוואונדען אין בראַנד.

מיר חלמט דער חלום, דער אַלטער
מיר ווערט אַזוי שווער אַזוי באַנג.
ווו זיינען אוי הימעל די שליסלען ?
ווי לאַנג נאָך, אוי הימעל, ווי לאַנג ?

עס וויינען אומשולדיגע קינדער :
אוי, גיב שוין די שליסלען צוריק !
וועט קיינמאָל דען זיך ניט אומקערען
דאָס אַלטע, דאָס פריריקע גליק ?

# פאַר משיח'ן

I

בּיי דעם ירדן שטעהט אַ קוזשניע;
און דער קאָוואַל אין דער קוזשניע
שטעהט ביי דער מלאכה.
מיט דעם בלאָז־זאַק בלאָזט ער דאָרט,
פּאַך־פּאַך! פּאַך־פּאַך! — בלאָזט ער דאָרט,
און מיט גליק און ברכה.

רויט אויף דער קאָוואַדלע גליהען
טהוט דאָס אייזען, טהוט זיך ציהען,
קאָכען היים און זידען,
און דער האַמער קלאַפּט דערויף,
הוק־הוק! הוק־הוק! קלאַפּט דערויף,
קלאַפּט און טהוט עס שמידען.

קלאַפּ־זשע, קאָוואַל! לאָזען שפּריצען,
לאָזען טויזענד פונקען בליצען,
פליהען ווי מלאכים:
פון דעם האַמער צוקט אַ בליץ,
פּלים־פּלאַם! פּלים־פּלאַם! צוקט אַ בליץ,
און עס דונערט נאָך איהם.
וואָס־זשע, קאָוואַל, שמידסטו דאָרטען?
— „כ'שמיד פון מיינע בעסטע סאָרטען,
בין זיך דאָ מטריח:

די פּאָדקאָווע מאַך איך פּאַר'ן
הוראַ! הוראַ! — מאַך איך פּאַר'ן
פערדעל פון משיח!"

II

ביי דעם ירדן שטעהט א וועבשטוהל
און דער וועבער אויף דעם וועבשטוהל
שטעהט ביי דער מלאָכה,
בוימט די קעטע אויף דעם בוים,
וויק־וויק! וויק־וויק! אויף דעם בוים,
בוימט מיט גליק און ברכה.

פון דעם וועבער־לאָדען פעדים
שלעפּט ער איצט צונויף, און יעדען
ציהט ער דורך די קאַמען;
טרעט איצט פלייסיג אויף דער שאַפּט,
טריפּ־טראַפּ! טריפּ־טראַפּ! אויף דער שאַפּט,
שיסט דעם שוס צוזאַמען.

קוים צו זעהען מיט די אויגען
לויפט די שיף; א פייל פון בויגען
לויפט דאָס וועבער־שיפעל:
פלינק אהין און פלינק אהער.
ציק־צאַק! ציק־צאַק! פלינק אהער
און מען זעהט נישט וויפיעל.
וואָס־זשע, וועבער, וועבסטו דאָרטען?
— „כ'וועב פון מיינע בעסטע סאָרטען,
בין זיך דאָ מטריח,
און דאָס מלבוש מאַך איך פאַר'ן

הורא! הורא! — מאַך איך פאַר׳ן
הייליגען משיח!״

II

ביי דעם ירדן זיצט אַ שטיקער
פאַר דער שטיקעריי; דער שטיקער
טהוט איצט זיין מלאכה.
אויף דער קאַנווע שטיקט ער איצט,
פּיק־פּיק! פּיק־פּיק! שטיקט ער איצט,
און מיט גליק און ברכה.

צעהלט די שטיק און צעהלט די אויגען,
אויף דער ראַמקע אויפגעצויגען
זענען זיידען־שפּיצען;
זייד און גאָלד און זילבערוואָרג,
צאַ־צאַ! צאַ צאַ! זילבערוואָרג,
און מען זעהט עס בליצען.

קלעפּעל־שטיק און אַפּליקאַציע
קלעפּעל־שטיק און אַפּליקאַציע,
גאַנץ און אויך געבראָכען, —
אַלעס, אַלעס מאַכט ער דאָרט,
שטיך־שטאָך! שטיך־שטאָך! מאַכט ער דאָרט,
קליין און פיין געשטאָכען.
וואָס זשע, שטיקער, שטיקסטו דאָרטען?
— „כ׳שטיק פון מיינע בעסטע סאָרטען,
בין זיך דאָ מטריח
און די פאָהן, די מאַך איך פאַר׳ן —
הורא! הורא!״ — מאַך איך פאַר׳ן
מלך המשיח!״

VI

אין דעם מיהעל זעקס מלאכים
רוישען פליגעל; און די מלאכים
טהוען זייער מלאכה.
פֿאַר גאָטס שטוהל דאָ שטעהען זיי,
הורא! הורא! שטעהען זיי,
בעטען גליק און ברכה.

אַלעם בעסטע, אַלעם שענסטע,
אַלעם פיינסטע, אַלעם ריינסטע,
איידעלסטע און נייע. —
אַלעם דאָס, דאָס נעהמען זיי, —
הורא! הורא! נעהמען זיי,
און אויך אַלעם פֿרייע.

אַלעם מיטלייד מיט דעם קראַנקען,
שוואַכען מענש און אויך א בלאַנקען,
שטאַרקען גייסט. א פרישען, —
אַלעם דאָס, דאָס נעהמען זיי, —
הורא! הורא! — נעהמען זיי
און זיי טהוען עס מישען.

וואָס, מלאכים, מאַכט איהר דאָרטען:
— „מאַכען פון די בעסטע סאָרטען,
זענען זיך מטריח;
די נשמה מאַכען מיר —
הורא! הורא! מאַכען מיר
פֿאַר דעם הערר משיח.

דאך ! אך, ווען אונז, ווען אונז אלע !
פארטיג האבען שוין, אך, אלע
אנדערע די מלאכה ;
מיר אליין נאר זעהען נישט,
ווען אונז ! ווען אונז ! זעהען נישט
נאך קיין סימן־ברכה !

נישט גענוג איז מן הסתמא
פאר אזעלכענע נשמה
אלע אונזערע שטאפען ;
האבען אפשר אלץ מיט זיי,
ווען אונז ; ווען אונז ! אלץ מיט זיי
נאך נישט גוט געטראפען.

נישט גענוג איז נאך דאס ריינע,
נישט גענוג מסתם דאס שעהנע,
נישט דער שטאף דער עכטער ;
אפשר איז גאר אויך דער קרעכץ
ווען אונז ! ווען אונז ! אויך דער קרעכץ
נאר נאך נישט דער רעכטער !״

און עס ווייגען די מלאכים ;
און א קרעכץ, א צווייטען נאך איהם
הער, א ביטערליכען —
פארטיג ביז היינט איז נישט די,
ווען ? ווען אונז ! איז נישט די
נשמה פון משיח׳ן

# II

## שעפּפונגס־לידער

אין אָנפאַנג — הימעל און ערד — וויסט און לעער — — — —

און הימעל און ערד זענען איין שטיק, אַ גרויסער געוואַלדיגער אומענדליכע באַל, און דאָס וויסטע און לעערע איז לויטער פלאַם, לויטער פייער.

פון עק הימעל ביז עק הימעל פלאַמען און פייער, פון עק ערד ביז עק ערד פלאַמען און פייער — איין איינציגער פלאַם־פייער פון עק וועלט ביז עק וועלט.

און קנוילען שטראַהלען און בינטלעך ליכט און שטראַמען פייער און פעקלעך פלאַמען גיסען, שיטען, מישען זיך אומעטום, און זונען און ברעקלעך פון זונען, און לבנות און ברעקלעך פון לבנות ליגען אָנגעוואָרפען דאָ און דאָרט, און נאָך נישט פאַרטיג געוואָרענע מילך גאַסען צעגיסען זיך אין יעדען ווינקעלע. און אין דעם ווערקשטאַט, וואו דער בעשעפער ארבייט ביי דער דרעה־שויב, ליגען צעוואָרפען שטיקער פון שטערען און רעשטלעך פון בליצען און אָבפאַל פון שטראַהלען, איין אונענדליכער מישמאַש, גאַנצע בערג, גאַנצע הויפענס, גאַנצע קנוילען, און דאָס אַלעס איז ווי אַ שטורם פון לויטער פלאַם, און דאָס קלאַפּט און רוישט און שטורעמט און האַקט אָהן אויפהער, און עס גיסט זיך צונויף און לויפט פונאַנד, אַמאָל אַזוי און אַמאָל אַזוי, און עס איז ווי איין אונענדליכער ים אין אַ ברענענדיגען פלאַמענדיגען תהום, און אַ געוואַלדיגער אונענדליכער שטורם פייפט פון דעם דאָזיגען זודיגען קעסעל.

און פונ׳ם גרויסען, פלאַמענדיגען קעסעל רוישט דער שטורם אונאויפהערליך און ציִשט און הוילט און פייפט — אַז די אויערען ווערען טויב.

און אינ׳ם קעסעל אויף דער דרעה־שויב ארבייט דער בעשעפער און בעשאַפט דאָס ערשטע בעשעפעניש.

און עס רוישען די רעדער, און עס קלאַפּערען די שטאַבעס, און עס

הויבען אָן זענקען זיך די לאָמעס און עס צישט און שטורעמט און פּייפט —
אַז די אויערען ווערען טויב.

און דאָס ערשטע בעשעפעניש ווערט בעשאַפען, און פאַרטיג ווערט
דאָס ערשטע בעשעפעניש, און פונ׳ם קעסעל קומט עס אַרויס, און זעה,
עס איז — אַ וואונדערשעהנער מלאך.

אַ מלאך איז געווען דאָס, וואָס דער בעשעפער האָט גאָר צום ערשטען
בעשאַפען.

און לויטער פייער, לויטער פלאַם, לויטער ריינקייט און אָהן אַ פעהלער
פון קאָפּ ביז די פיס איז דער מלאך געווען.

אָבער אין די אויגען פון אַ בעשעפער איז אויך אַ מלאך נישט פריי
פון חסרונות.

און אויך דער מלאך איז נישט געפעלען געווען דעם בעשעפער, און
ער איז געווען זינדיג אין זיינע אויגען, און פערשטויסען האָט איהם דער
בעשעפער פון זיך, און דער מלאך איז געוואָרען פערשטויסען און ער איז
געפאַלען, פון הימעל ביז צו דער ערד געפאַלען. ער איז געוואָרען אַ געפאַ־
לענער.

און געהאַלטען האָט ער אין איין פאַלען, מעהר, אַלעמאָל ווייטער, און
ער איז געפאַלען יאָהרען און הונדערטער און טויזענדער יאָהרען, און אַלץ
נידריגער איז ער געוואָרען, ביז ער איז אָנגעקומען אַזוי נידריג ווי אויף
דער ערד. דאָ איז דער מלאך געוואָרען דאָס נידריגסטע פון אַלע בעשעפע־
נישען פון דער וועלט, ער איז געוואָרען דאָס, וואָס רופט זיך — מענש.

## II

און אָנפאַנג — הימעל און ערד — וויסט און לעער — — —

און הימעל און ערד זענען איין שטיק, אַ גרויסע געוואַלדיגע מעכטיגע
מאַסע, און דאָס וויסטע און לעערע איז לויטער פינסטערקייט, לויטער טונ־
קעלהייט.

פון עק הימעל ביז עק הימעל איין איינציג שטיק פינסטערקייט, פון עק

ערד ביז עק ערד איין איינציג שטיק טונקעלהייט — איין איינציג שוואַרץ פון עק וועלט ביז עק וועלט.

און קנויקען כמארעס, און בערגלעך טומאנעס, און שוואַרצע טייבען פינסטערקייט, און שטיקער פּאַסען נאַכט גיסען, שטיקען מישען זיך אומעטום. און וואָלקען און ברעקלעך פון וואָלקען, און אָבגרונדען און ברעקלעך פון אָבגרונדען ליגען אָנגעוואָרפען דאָ און דאָרט, און פינסטערע מאַסען און שוואַרצע שטאָפּען ליגען אָנגעהויפט אין יעדען ווינקעלע, און עס גענעציט איין איינציגע שוואַרצע אונענדליכע נאַכט. און אין דעם ווערקשאַפּט, וואו דער בעשעפער ארבייט ביי דער דרעה־שויב ליגען צעוואָרפען ברעקלעך פון שוואַרצקייט, און רעשטלעך פון כמארעס, און אָבפאַל פון נעבעל, גאַנצע הויפען, גאַנצע קנוילען, גאַנצע בערג, און דאָס אַלעס איז אַ שוואַרצער איינציגער, אונענדליכער, פינסטערער תהום. און אַנ'אונענדליכער שטורם פּאַטשט און קלאַפּט און ברומט, און רוישט ארוים פונ'ם פינסטערען קעסעל.

און פונ'ם גרויסען פעך־שוואַרצען קעסעל רוישט דער שטורם אונאויפהערליך, און צישט און פייפט און וואיעט — אז די אויערען ווערען טויב.

און אינ'ם קעסעל אויף דער דרעה־שויב ארביים דער בעשעפער און בעשאַפט דאָס ערשטע בעשעפעניש.

און עס רוישען די רעדער, און עס קלאַפּערען די שטאַבעס, און עס הויבען אָן זענקען זיך די לאָמעס, און עס צישט און שטורעמט און פייפט — אז די אויערען ווערען טויב.

און דאָס ערשטע בעשעפעניש ווערט בעשאַפען, און פאַרטיג ווערט דאָס ערשטע בעשעפעניש, און פונ'ם קעסעל קומט עס ארוים, און זעה עס איז — אַ שוואַרצער העסליכער אַף.

אַנ'אַף איז געווען דאָס, וואָס דער בעשעפער האָט גאָר צום ערשטען בעשאַפען.

און לויטער העסליכקייט, שוואַרץ און פינסטער־העסליך, און פערקרימט און פערוואַקסען פון קאָפּ ביז די פיס איז דער אַף געווען.

אָבער אין די אויגען פון אַ בעשעפער איז אויך אַנ'אַף נישט העסליך. און אויך דער אַף איז געפעלען געוואָרען דעם בעשעפער, און ער איז

געווען גוט אין זיינע אויגען, און ענטוויקעלט האָט איהם דער בעשעפער, און דערהויבען און דערהויכט, אַלעמאָל מעהר, אַלעמאָל העכער, און ער האָט איהם געלאָזט שטייגען און ענטוויקלען זיך פון טאָג צו טאָג, פון געשלעכט צו געשלעכט.

און געהאַלטען האָט דער אַף אין איין שטייגען. און ער איז געשטיגען און האָט זיך ענטוויקעלט דורך יאָהרען און דורך הונדערטער און טויזענדער יאָהרען, און אַלץ העכער איז ער געשטיגען און אַלעמאָל מעהר און וואָסאמאָל העכער, ביז ער איז געוואָרען דער מעכטיגסטער און וויכטיגסטער אויף הימעל און ערד. און דער אַף איז געוואָרען דאָס ערהאַבענסטע פון אַלע בעשעפענישען פון דער וועלט, ער איז געוואָרען דאָס, וואָס רופט זיך — מענש.

# מיין פזמון

געווידמעט די אַלע מיני „חובבים" און
„ליעבהאָבער" פון אונזער ליטעראַטור.

לאָז שאַלען און הילכען אַ לויב־ליעד מיין רבי׳ן ;
דעם רבי׳ן דאָס הויפּט־ליעד, זיין ציעג איינם דאַנעבען.

געווען אַמאָל אַ רבי, דער רבי ר׳ איטשע,
איין איבער־מלמד לויט לשון של ניטשע.

אַ קלוגער מלמד, אַ כוואַט אַ מלמד,
אַ יוד כולו זיידענס און אַטלאַס און סאַמעט.

און ג׳האַט האָט אַ ציעג ער. אַ ציעג פון אַ גאַנץ יאָהר
אַ צאַפּעלדיג, לעבעדיג ציעגעל מיט גלאַנץ־האָר.

שוין איינמאָל אַ ציעגעל, אַ ציעג פון די ציעגען,
אַ בריה אויף געהן, אויף שטעהן און ליעגען.

און שפּרינגען און האָפּסען און עד דלא ידעי —
דאָס אַלץ האָט געקענט זי, און מעהר נאָך אודאי.

און אנב אַ „חלוש", אַ דאַרע, אַהן צייהנער,
כלומר : אַ יודישע ציעג מיט די ביינער.

און חוץ אַלעם האָט זי געהאַט נאָך אַ מעלה :
אַ כשר׳ע בהמה. זי האָט אַלע ווייל׳ע

גלאָזען זיך מעלקען . .. לאָז הילכען און שאַלען
מיין ליבּ-ליד דער ציעג און דעם רבּי'ן, איהר בעלן !

ובכן : און געליעבּט האָט מיין רבּי זיין ציעגעל,
צוגלייך ווי דאָס קינד זיינס, וואָס ליגט אינ'ם וויעגעל.

ער האָט געליעבּט זעהר. פערשטעהט זיך, פּלאַטאָניש
געליעבּט זי אויף יודיש, העבּרעאיש, יוני'ש —

ער האָט זי געליעבּט און געליעבּט און געליעבּט,
ער האָט זי גע'חבּה'ט, גע'חבּה'ט, גע'חבּה'ט

פון מאָרגענס ביז אָוועגדס. ער איז ביי דער ריבּע
געזעסען, די הענד רק פערלעגט, און מיט „חבּה״

געפּאַשעט די ציעג. זיך קיין ריהר נישט געגעבּען
און רק זי גע'חובבּ'ט אויף טויט און אויף לעבּען.

נישט האָט ער איהר פרעסען, נישט פּאַשע געגעבּען,
נישט גראָז און נישט היי און נישט וואָס-איז צום לעבּען

און נישט אַ שלוק וואַסער. ער האָט נאָר געפּייערט
מיט רעדעס פון „חבּה״ געוואַלדיג, און נייערט

ער חובבּ'ט בּייטאָג זי, ער חובבּ'ט ביינאַכט זי
און וואָכענס און שבּת און ליעבּט זי און אַכט זי.

ער האָט יעדען יום-טוב זיין עולם פערקליבּען,
געלייענט זיי זיין לעקציע אין תורה של חבּה'ן

בין כך איז די ציעג אַלץ געוואָרען פערדארטער,
די הויט שוין אַ שאָטען, די ביינער צושפּארטער,

און ער — אַלץ ער חובב'ט . . . דעם סוף ווילט איהר וויסען?
אמאָל אין אַ פריהלינגס-פריהמאָרגען, אין ניסן,

איז גראָד מיין מלמד אריין זיך געגאַנגען
אין שטאָל צו זיין ציעגעל, אום איהר צו דערלאַנגען

זיין פּאָרציע „חבה" — דאָ זעהט ער: די אויגען
פערגלאָצט ליגט זי נעבעך, און ווייט אויסגעצויגען

פון זיך האַלט זי שטייף און געשטרעקט די פיער פיסלעך —
און איז זיך גע'פּגר'ט צו ביסלעך, צו ביסלעך.

גע'פּגר'ט, גע'פּגר'ט, גע'פּגר'ט . . . לאָז שאַלען
מיין לויב־ליד דער ציעג און מיין רבי'ן, איהר בעלן!

ובכן איז די ציעג שוין אויך טויט. און, נאַטירליך,
האָט מספּיד געווען זי אַ דרשן אויספיהרליך

און האָט נישט בעקומען קיין קופּערנעם דרייער
פאַר אַלע פערגאָסענע טרעהרען פול פייער.

(געווען לויטער „חובבים"!). געפּאַטשט האָט די ווייסע
חבריא נאָר בראַוואָ. און אויס איז די מעשה!

# מיין ליד

לאָז קלינגען מיין ליד, מיין רוישענדיג ליד,
און שאַלען זאָל עס און קנאַלען —
ווי דאָקטאָרשע פעטש, וואָס זענען אראָב
אויף רעדאַקטאָרשע באַקען געפאַלען.

לאָז קלינגען און זינגען מיין הילכעדיג ליד
און שאַלען און רוישען זאָל עס —
איך זינג עס לכבוד דעם נייעם זשארגאָן:
זשארגאָן אינ׳ם פראַק אָהנע פאַלעס.

לכבוד מיין כראַברען רעדאַקטאָר — איך זינג עס,
א קליינער דוד פאַר שאול;
לכבוד דער בילדונגס־חברה „מפיצי,
מפיצי פעטש בישראל”.

די „אָבשטשעסטווא — מיין איך — דלא ראספראָסטראַנעניא
פאָשטשאָטשין מעזשדו זשידאַמי”.
איז פעטש א בעוויז דען? — יאָ, שוטים, וואָס דען זשע?
פעטש זייגען — אין הכי נמי.

והראיה — פאַגראָמעס! — ענדליך שוין זענען
געוואָרען מיר עכט אייראָפעאישע;
נון ענדליך דערלעבט, אז זשארגאָן האָט געקראָגען
דעם פייערדיגען פאַטש פון העברעאיש.

גערהויבען דעם קאָפּ האָט איצט דאָס העברעאיש —
און אראָבגעלאָזט אָבער ידים. —
לאָז קלינגען מיין ליד, לאָז שאַלען מיין ליד,
דאָס לויב פונ׳ם זיעג, פונ׳ם נייעם.

גאַנץ אָבגעפּאַטשט נעבעך שטעהט שטיל דער זשאַרגאָן
און פרעגט איצט אויף לשון־הקודש:
זאָגט, שטעהט נישט ביי אייך דאָרט: „רשע למה תכה?" —
דוראַק! דאָס איז שוין אַלט־מאָדיש!

אין דער „חברה" ווערט געהאַלטען
א רעטש —
יעדעס וואָרט א באָמבע, יעדעס
א קוועטש.

אין דער „חברה" הערט זיך פּלוצלינג:
דוראַק!
און עס פאַלט באַלד ווי א דונער
א קנאַק —

אין דער „חברה", וואו עס הערט זיך
דער רעטש,
פליהען פּלוצלינג פלאַמענדיגע
צוויי פּעטש.

אין דער „חברה" איז חלילה
דער קנאַק
נישט דאָרט אין די לופט געפאַלען —
נאָר אין באַק, אין באַק.

עס פליהען די טישען;
עס פאלען די בענק;
עס האַגעלט מיט שטוהלען,
מיט פאָלקעס פון שענק.

עס פליהען די טינטערס
אויף באַקען און קעפּ,
און לייכטערס און לאָמפּען —
און גלאַט אזוי קלעפּ.

עס טרעשטשען זיך ביינער
און רוקען און לענד,
עס ברעכען זיך צייהנער —
עס ציטערען ווענד.

און שטיקער פון וואָנצעס
פליהען און בערד —
וואויל דעם, וואָס האָט זיך
די פאות געשערט!

אזוי מאַכען יודען
א יודיש פּאָגראָם —
אזוי על פי רוחניות
לויט אחד־העם.

לאָז קלינגען און זינגען מיין רוישענדיג ליד
און שאַלען און הילכען זאָל עס —
מען זעהט באַלד: דאָ האָט מען מיט מענשען צו טהון,
מיט העכערער בילדונג און שקאָלעס!

# III

# היינע'ס פּאָליטישע לידער

אזוי זעהר ווי היינריך היינע האָט זיך געהיטען אין זיינע יוגענד-יאָהרען, צו נעהמען דעם שטאָף פאַר זיינע לידער אויס די פּאָליטישע מעשים פון דער דאַמאָלסדיגער צייט, אַזוי זעהר האָט ער ליעב געהאַט אין די שפּעטער יאָהרען, אין זיינע לידער זיך דוקא און דוקא מיט אַביסעל פּאָליטיק צו בעשעפטיגען. מיר געפינען די דאָזיגע לידער ס'רוב אין די „צייט־געדיכטע”, אין די „נייע געדיכטע”, אין זיין בוך „ראָמאַנצעראָ” און אין די זאַכען, וואָס האָבען זיך געדרוקט נאָך זיין טויט. די דאָזיגע לידער צייכענען זיך אויס דורך זייער ברענענדיגען וויץ און דורך די קראַפט מיט וועלכער זיי נעהמען. עס פינקעלט פאַר די אויגען, און מען שפּירט אַנ'אייזערנע פּויסט. זעלבסט־פערשטענדליך זענען דאָ צווישען זיי זאַכען, וואָס האָבען צו טהון נאָר מיט זיין צייט, און וואָס זענען פאַר שפּעטערע צייטען נישט אינגאַנצען קלאָר. דאָס ליגט שוין אין דעם שטאָף אַליין. זייטיגע שטאָך־ווערטלעך און קאַריקאַטורען האָבען זייער אייגענטליכען ווערט נאָר פאַר צייט־גענאָסען. איך קען מיר משער זיין, ווי דער עולם האָט געמוזט דענסמאָל לאַכען איבער די וויצעדיגע און בייסענדיגע לידלעך געגען דעם דיכטער הערוועג, וואָס אין די פערציגער יאָהרען איז ער געווען אַ גאַנצער ליבעראַלישער קהל'שער שפּריצער, און צום סוף האָט ער געשפּיעלט אַזאַ טרויעריגע ראָלע, אָדער די לידלעך געגען דעם דיכטער דונקעלשטעדט און געגען דעם פּראָפעסאָר פּוילוס און געגען פיעל אַנדערע. — מיר קומען אָבער באַלד צו די לידער, וועלכע זענען אַלגעמיין און האָבען דעריבער זייער שאַרפקייט פאַר דענסמאָל און פאַר איצט שפּעטער — לידער ווי „די וועבער”, „די וואַנדער־ראַטען”, „די שרעקענסטעג”, און אפילו די וואָס זענען געשריבען געגען דעם קעניג פרידריך־ווילהעלם VI, ווי למשל, „דער קייזער פון כינאַ”, „דער נייער אַלעקסאַנדער” און פיעל אַנדערע.

מיר נעהמען דאָס ליד „די שלעזישע וועבער” אַ ווילדע שנאה, וועלכע

פייפט ווי אַ בייזער שטורם־ווינד, שטייגט־אויף פון דעם ליד. עס זענען די אייגענע ווערטער פון שלעזיען, וועלכע האָבען אין אונזער צייט געגעבען דעם דייטשען דיכטער הויפּטמאַן דעם שטאָף צו זיין בעסטער דראַמאַ „די וועבער". עס זענען אָבער אויך די אייגענע ווערטער פון לאָדז אָדער פון ביאַלאַ-טאָק, וועלכע שפּייען גאַל און שנאה און קללה פאַר אונזערע אויגען. איך גיב דאָ דאָס דאָזיגע ליד אין דער איבערזעצונג אין זיין אָריגינאַל-מאָס, וועלכע שפּיעלט אויך אַ געוויסע ראָלע ביי דער ווירקונג פון דעם ליד.

## די שלעזישע וועבער

אינ'ם פינסטערען אויג קיין טרעהר נישט צו זעהן,
זיי זיצען ביים וועבשטוהל און קריצען די צייהן:
„דייטשלאַנד, מיר וועבען דיין טויטען-טוך,
מיר וועבען אַריין דעם דרייפאַכען פלוך —
מיר וועבען, מיר וועבען!

„אַ פלוך דעם גאָט, צו וועלכען אין נויט
מיר האָבען געבעטען אין קעלט און אָהן ברויט;
מיר האָבען בחנם געהאָפט און געוואַרט,
מען האָט אונז פערלאַכט און פערשפּאָט און גענאַרט —
מיר וועבען, מיר וועבען!

„אַ פלוך דעם העררן, דעם העררן פון רייך,
וואָס אונזער צרה בלייבט זיך איהם גלייך,
וואָס האָט דאָס לעצטע שטיק הויט אונז געשינדט
און לאָזט אונז אַצונדער דערשיסען ווי הינד —
מיר וועבען, מיר וועבען!

„אַ פלוך דעם פאַלשען פאָטערלאַנד,
וואו ס'וואַקסט פאַר אונז נאָר שפּאָט און שאַנד.

װאו יעדע בלום װערט פריה צוקניקט,
װאו מיסט און עיפּוש דעם װאָרם דערקװיקט —
מיר װעבען, מיר װעבען!

„דאָס שיפעל פליהט, די װעבשטוהל קראַכט,
מיר װעבען פלייסיג טאָג און נאַכט —
אַלט-דייטשלאַנד, מיר װעבען דיין טויטענטוך,
מיר װעבען אַריין דעם דרייפאַכען פלוך,
מיר װעבען, מיר װעבען!

דעם געדאַנק צו דעם דאָזיגען ליד האָט היינען איינגעגעבען אַ מרידה פון די עלענדע אומגליקליכע װעבער אין שלעזיען אין יאָהר 1844.

די דייטשע רעװאָלוציע פונ'ם יאָהר 1848 האָט איהם איינגעגעבען די װאונדערליכסטע מאָטיװען. פון איין זייט האָט ער דערקענט די אומזיסטי-גע, אויסזיכטסלאָזע מלחמה פון די אומגליקליכע, און פון דער אַנדערער זייט האָט ער געזעהן די פאַלשע מענשען, װעלכע שרייען געװאַלד: „פרייהייט!" און שרייבען פרייהייט-לידער און פרייהייטס-מאמרים, און זענען דערביי פוסט און געפעהרליך. ער האָט זיך איינגעהערט צו די פאַלשע" הבטחות פון זיין רעגירונג, ער האָט געלייענט די מאַניפעסטען פון דער ביוראָקראַטיע, ער האָט געזעהן קומען די צייט פון דער רעאַקציע און פון רעפרעסיעס און קריעגס-צושטאַנד — און זיין שפּאָט האָט זיך צעגאָסען װי ביטערע גאַל.

אָט קומט די צייט פון „הבטחות".

## הבטחות

נישט מעהר באָרפיס זאָלסטו לויפען
דייטשע פרייהייט אין די בלאָטעס —
קריגסט באַלד שטרימפּ פאַר דיינע ראָטעס
און אויך שטיװול װעסטו דיר קויפען!

אויף דעם קאָפּ װעסטו באַלד טראָגן
װאַרמע, טיעפע הונדספעל־מיצען ;
און זײ װעלען דיך בעשיצען
פאַר דעם װינטערס שטרענגע פּלאָגען.

אפילו עסען װעסטו קריגען —
גוטע טעג װעסטו באַלד האָבען ;
לאָז דיך נאָר פון יענע ראָבען
נישט פערפיהרען מיט זײער ניגון.

װער מיר נאָר נישט דרײסט און דרײסטער ;
האָב דרך־ארץ אַלע צײטען
פאַר פּאָליצײ — און פון װײטען —
און אויך פאַר דעם פּאָליצמײסטער !

נאַטירליך גלויבט הײנע נישט אין דער פרײהײט אזוי לאַנג, װי עס זענען נאָך דאָ שװערדען און ביקסען און אזוי לאַנג װי װעלף און אײזלען זינגען די פרײהײטס־לידער. ער שרײבט אַ ליד אַלס.

## פ ר אַ ג מ ע נ ט

דו האָסט דעם רעכטען װעג אַצינד בעטרעטען ;
נאָר איך דער צײט קענסט דו אַ טעות האָבען.
עס זענען ריחות נישט פון לויטער בשמים,
װאָס זענען מיר פון דײטשלאַנד צוגעשװאומען.

מיר טאָרען נישט טראָמפּײטערען פון נצחון !
װי לאַנג עס טראָגען שװערדען אונזערע זעלנער ;
איך ציטער װען די שלאַנגען פײפען ליעבע
און װאָלף און אײזעל פרײהײטס־לידער ברומען —

ער קען איבערהויפּט זיין דייטשלאַנד, ווי קיין אַנדערער. ענגלאַנד האָט געמאַכט אַ רעוואָלוציע אין יאָהר 1649 אין האָט זיין מלך קאַרל דעם ערשטען געבראַכט אויפ׳ן עשאַפאָט, פראַנקרייך האָט געמאַכט די גרויסע רעוואָלוציע, און האָט אין יאָהר 1793 אויף דעם עשאַפאָט גילאָטינירט זיין קעניג לואי קאַפּע (לודוויג דעם זעכצעהנטען) און זיין קעניגען מאַרי אַנטאָאַנעט פון הויז האַבסבורג, דייטשלאַנד אָבער, אפילו ווען זי מאַכט אַ רעוואָלוציע, מאַכט זי מיט אַ דייטשען חן, לויט דעם שלחן־ערוך און לויט דעם פּאַראַגראַף. זי געהט עפּעס צו דערצו ווי צו אַ קאָנטער־טאַנץ, זי צעהלט די טריט און פערבייגט זיך צוערשט רעכטס און לינקס, זי קוקט אין די אויגען אַריין, בעט טויזענד מאָל צוערשט אום ענטשולדיגונג, מאַכט פריהער מיט גרויס כונה און מיט פערמאַכטע אויגען אַ ברכה, זאָגט: הריני מוכן ומזומן — און דערלאַנגט גאַנץ פּאַוואָלינקי אַ פּאַטש. היינע שרייבט דאָס געדיכט:

„1649 — 1793 — ? ? ?"

די ענגלענדער האָבען זעהר רויה זיך בענומען\
ווי זיי זענען אַלס שוחטים צום מלך געקומען;\
אָהן שלאָף האָט קעניג קאַרל פערבראַכט\
ביי זיך אין אויטהאַל זיין לעצטע נאַכט.\
ביי איהם פאַר׳ן פענסטער האָט געזונגען דער שפּאָט,\
ווען זיי האָבען געבויט פאַר איהם דעם שאַפאָט.\
אויך זענען פראַנצויזען נישט בעסער אסך.\
אין אַ פראָסטען וואָגען און פערדעקט דעם דאַך\
האָבען זיי לואי׳ן צום טויט־פּלאַץ געפיהרט;\
און נישט אין אַ קאַטש מיט זיידענס פערציהרט,\
ווי לויט דער אַלטער עטיקעט\
ס׳איז געקומען זיין מאַיעסטעט.

נאָך ערגערס געשעהן אין מאַרי אַנטאַנעטע:\
מען האָט איהר געגעבען אַ פראָסטע קאַרעטע.

ניט הויך־הערר, נישט פריילין, עדעלגעבאָרען,
נאָר פּראָסט אַ יונגאַטש איז מיט איהר געפּאָהרען.
די גראָבע, האַבסבורגער אונטער־ליפּ האָט,
לואי'ס אלמנה געביסען מיט שפּאָט.

פראַנצויזען און ענגלענדער זענ' פון נאַטור
גאַנץ אָהנע חן; חן האָט נור
דער דייטש אפילו אין גרעסטען ברען.
דער דייטש וועט אייביג בעהאַנדלען זיין קעניג
מיט דרך־ארץ און אונטערטעניג.
זעקסשפּעניג די קאַטש, געאַכט און געעהרט,
שוואַרץ בעפּוצט און בעקרענצט די פערד,
אויף דער קעלניע הויך מיט דער טרויער־בייטש
דער קוטשער פערוויינט־אַזוי וועט דער דייטש,
דער מלך, צום טויט־פּלאַץ ווערען געפיהרט
און אונטערטעניגסט גילאָטינירט.

נאָך דעם ביסעל פרייהייט אין דייטשלאַנד, וועלכע איז אייגענטליך בעשטאַנען מעהר אין הבטחות, קומט די פינסטערע צייט פון דער שטרענגער רעאַקציע. די רעפּרעסיעס זענען כמעט נישט צו דערטראָגען, דער קריעגס־צושטאַנד איז אומעטום אין יעדער שטאָדט, און כמעט יעדער פּאָליצמייס־טער גיט אַרויס פאַר די איינוואוינער פון זיין שטאָדט בעזונדערע מאַניפעס־טען: די רעוואָלוציאָנערען זענען אייגענטליך אַ אויסלענדער און קינדער פון פרעמדע פעלקער; צומייסט זענען עס אפּיקורסים, וואָס גלויבען נישט גאָט, די הויפּטזאַך איז אָבער נאָר צו פּאָלגען גאָט און להבדיל די פּאָליציי. דריי פּאַרשוין טאָרען נישט שטעהן צוזאַמען; ביינאַכט זאָל מען זיך נישט ווייזען אין דער גאַס; די געוועלבער און געשעפטען זאָל מען פערמאַכען ווי נאָר עס ווערט פינסטער; קריטיקירען טאָר מען נישט, דען מען ווערט באַלד געשאָסען אָדער געהאָנגען, און הויפּטזעכליך: די רעוואָלווערען און די

פּאַטראָנעס זאָל מען דער פּאָליציי איבערגעבען און זיין זאָל מען כשר און פרום. היינע שרייבט זיין

## ערינערונג פון די שרעקענסטעג

נאַטשאַלסטווא, מיר וואָס שטעהען פּעסט,
מיר האָבען דאָ אַ מאַניפעסט
גענעדיגליך געלאָזט פערפאַסען
פאַר אַלע מענשען, אַלע קלאַסען:

„אויסלענדער, פרעמדע זענען׳ם מייסט,
וואָס האָבען דאָ פערפלאַנצט דעם גייסט
פון בונטעווען. אַזעלכע זינדער
דאַס זענען תמיד פרעמדע קינדער.

„אויך אַפּיקורסים זענען׳ם מייסט;
ווער ס׳רייסט זיך אָב פון גאָט, דער רייסט
צום סוף זיך אָב מיט גרוים נאַטשאַלסטוואָ
אויך פון זיין פליכט צו דער נאַטשאַלסטוואָ.

"צו פאָלגען יעדען פּאָליציסט
איז ערשטע פליכט פאַר יוד און קריסט.
פערמאַכען יעדער מוז זיין בודע,
באַלד ווי עס טונקעלט, קריסט און יודע.

ווען דריי פּאַרשוין צוזאַמען שטעהען,
אַט זאָלען באַלד זיי זיך צוגעהען.
ביינאַכט טאָר קיינער זיך נישט ווייזען
אין גאַס — אפילו נישט צום שפּייזען.

„אויך געבען יעדער זאָל אַרוים
דאָס ביסעל וואָפּען פון זיין הויז;
פּאַטראָנען אויך און רעוואָלווערען,
זיי מוזען אונז געגעבען ווערען.

„און אין דער גאָס ווער ס׳קריטיקירט,
דער ווערט צום שיסען באַלד געפיהרט;
דאָס קריטיקירען מיט די אויגען,
אויך דאָס קען פאַר אונז נישט זעהר טויגען.

„פערלאָזט אייך אויף דעם מאַגיסטראַט,
וואָס שיצט און שירמט דעם גאַנצען שטאָט
מיט ליעבע — און עס בלייבט ביים אַלטען;
איהר אָבער זאָלט דאָס מויל נאָר האַלטען!

מיט אַ בעזונדערס גיפטיגער סאַטירע בעהאַנדעלט היינריך היינע דעם פּרייסישען קעניג פרידריך ווילהעלם VI. געגען איהם האָט ער געשריבען זיין ליד „דער נייער אַלעקסאַנדער״ און אויך „דער קייזער פון כינע״. פון דעם קעניג פרידריך ווילהעלם האָט מען געפלעגט צו זאָגען, אַז ער איז עפּעס נישט אַהין און נישט אַהער, האַלב ליבעראַל און האַלב טיראַן, און ווען ער גיט שוין אַ רעפאָרם, נעהמט ער זי אַ טאָג שפּעטער צוריק. פון איין זייט האָט דער קעניג ליעב געהאַט צו שפּיעלען זיך מיט די געלעהרטע און פון דער אַנדערער זייט — מיט דער נאַהייקע. הויפּטזעכליך האָט מען געפלעגט דערצעהלען פון איהם, אַז ער האָט זעהר ליעב דעם טראָפּען, און דוקא דעם ביטערען און דוקא נישט איין טראָפּען.

פונ׳ם ליד „דער נייער אַלעקסאַנדער״ צייכענען זיך אויס גאַנץ בעזונדערס די דאָזיגע סטראָפען.

אַ טומטום בין איך, איין אַהין־און־אַהער,
אַ ספק אויב פליש אָדער פיש;

פון אַלטע עקסטרעמען פון אונזער צייט
בין איך אַ גאַר מאָדנע געמיש.

נישט שלעכט און נישט גוט, נישט קלוג, און נישט נאַר,
נישט ליעב האָב איך קיינעם, נישט פיינד;
און ווען איך בין נעכטען פאָרווערטס געגאַנגען,
דאָ געה איך שוין ריקווערטס היינט.

איין אויפגעקלערטער פינסטער-מענש,
אַ ספק קליאַטשע און פערד;
די חכמה און די נאַהייקע צוזאַם
ווערען פון מיר פערעהרט

געגען דעמזועלבען מלך שרייבט היינע אויך זיין שארפע סאטירע:

## דער קייזער פון כינאַ

געוועז איז מיין טאַטע אַ טרוקענער האָז,
און ניכטער און פרום און פאַמעליך;
איך אָבער טרינק מיר מיין בראַנפען-גלאָז
און בין אַ גרויסער מלך.

דאָס איז אַ צויבערגעטראַנק! איך כאַפּ'ס,
און געפין, וואָס כ'האָב נישט פערלויהרען:
באַלד ווי נאָר איך האָב געטרונקען מיין שנאַפּס,
שטעהט כינאַ ווי נייגעבוירען.

דאָס „לאַנד דער מיטען" פערוואַנדעלט זיך שוין
אין אַ בלומענגאָרטען מיט פירות;

איך פיהל זיך כמעט ווי אַ מאַנספערשוין ;
און דאָס ווייב מיינס ווערט מעוברת.

און אומעטום איז איבערפלוס,
נישטאָ מעהר קיין לייד און קיין צרה ;
מיין אויבער־חכם קאָנפוזיאוס (*
קריגט גאָר געדאַנקען — און קלאָרע.

דאָס ראַזוואַנע ברויט פון דעם סאָלדאַט
ווערט לעקעך, — און אוים מיט די ליידען !
און אַלע פּאַרכעס אין גאַנצען שטאַט
שפּאַצירען אין סאַמעט און זיידען.

די מאַנדאַרינען געזעלשאַפט
מיט זייערע קאַליקעס־קעפּלעך,
געפינען ווידער זייער יוגענדקראַפט
און שאָקלען מיט די צעפּלעך.

דער גרויסער בית־המקדש *), דער הייליגער אָרט
פון גלויבען איז פאַרטיג געוואָרדען ;
די לעצטע יודען שמד'ען זיך דאָרט
נון קריגען דעם שלאַנגען־אָרדען.

---

*) קאָנפוציוס איז דער געזעצגעבער פון די כינעזער. היינע שרייבט אָבער קאָנפוזיאוס מיט אַ זיין, מלשון „קאָנפוז" — פערדרעהט, פערמישט, משוגע. הייגע מיינט, נאַטירליך, דעם מיניסטער פון קעניג.

---

*) מיינען מיינט היינע דער קעלנער דאָם, דעם גרויסען קלויסטער, וואָס מען בויט איהם און ווערט קיינמאָל נישט פאַרטיג.

עס הערען אויף רעוואָלוציעס,
עס שרייען די פריעסטע דיקא:
מיר ווילען נישט האָבען קאָנסטיטוציעס,
מיר ווילען די שמיץ, די נאַהייקע!

נאַטירליך, דאָקטוירים, וואָס כ'האַלט מיר אין שלאָס,
האָבען מיר ס'טרינקען פערבאָטען;
איך אָדער זיין מיר און טרינק מיר מיין כוס —
דעם פאָלק קען עס גאָר דאָך נישט שאָדטען.

און ווידער א גלאָז, און ווידער א גלאָז;
עס מאַכט מיך צופריעדען און פרעהליך!
מיין פאָלק, כאָטש אראָבגעלאָזען די נאָז,
שרייט תמיד: עס לעבע דער מלך!

א מערקווירדיג ליד איז אויך דאָס דאָזיגע, וואָס היינע האָט געשריבען וועגען די קאָמוניסטען. צו זיין צייט, נאַטירליך, זענען געווען די קאָמוניס־טען גאַנץ עפּעס אנדערש ווי היינט. די גאַנצע רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג איז אויסגעגאַנגען פון זייער מחנה. א בילד פון דעם גאַנצען גיט אונז דאָס ליד.

## די וואַנדער־ראַטען

פאַרהאַן צווי סאָרטען ראַטען:
די הונגעריגע און זאַטע;
די זאַטע בלייבען זיך זאַט צו הויז
די הונגעריגע אָבער וואַנדערען אויס

זיי וואַנדערען טויזענדער מיילען,
אין איין יאָגען זיך און איילען;

זיי געהען אַרויף, זיי געהען אַראָב.
עס האַלט זיי קיין ווינד און קיין וועטער נישט אָב.

זיי קריכען אין וואַסער, אין פלאַמען,
זיי שווימען איבער די ים'ען;
עס דערטרינקט נישט איינער און ברעכט דאָס געניק —
די אַנדערע קוקען נישט קיינמאָל צוריק

עס האָבען די דאָזיגע כליסטקעס
גאָר מורא'דיגע פיסקעס;
געשוירען די קעפּ אַלע עגאַל,
גאַנץ ראַטען-גאַל, גאַנץ ראַדיקאַל.

די ראַדיקאַלע ראַטע
איז גאָט ביי זיי נאָר בלאָטע;
די קינדער נישט טויפען, נישט מל'ע זיין,
און ווייבער זענען „מיין און דיין".

דער דאָזיגער ראַטען-הויפען
וויל גאָר פרעסען און זויפען,
און קלערט נישט, ווען ער זויפט און פרעסט,
אַז אונזער נשמה איז אייביג און פעסט.

די דאָזיגע ווילדע ראַטען
קענען נישט מאַמע, נישט טאַטען;
זיי האָבען נישט אייגענס, זיי האָבען נישט געלד
און ווילען פון נייעם צוטיילען די וועלט.

די וואַנדער-ראַטען, אוי וועה אונז!
שוין געבען זיי באַלד אַ דרעה אונז.

זיי קומען שוין אַן, איך הער זיי שוין,
עס קומען אפשר צעהנטויזענד פאַרשוין.

אוי וועה אונז! מיר זענען פערלוירען,
זיי זענען שוין פאַר די טוירען!
דער פאָליצמייסטער, דער מאַגיסטראַט
פערלירען די קעפּ און ווייסען נישט ראַט,

דאָס פאָלק כאַפּט רעוואָלווערען,
די גלאָקען לאָזען זיך הערען;
אין גרויס סכנה אַרום און אַרום
איז אונזער הויפּט-שוץ — דאָס אייגענטום.

נישט קלויסטער-גלאָקען, נישט גלחי'שע תפילות
נישט מאַניפעסטען פאַר נאַרישע קהלות
און פּושקעס נישט, נישט מעסער-שינדער
העלפען אייך היינט, איהר ליעבער קינדער.

היינט העלפען אייך נישט פּלפּולים און פּשט'לעך
און וויצלעך און שטיקלעך, כאָטש נאָך אַזוי געטלעך;
מען כאַפּט נישט ראַטען מיט כלומר-וויצלעך
זיי שפּרינגען אַריבער איבער די פּיצלעך.

עס וויל דער מאַגען, דער שרעקליך מגושם
נאָר פליש-תירוצים מיט קניידלעך-פּירושים;
אַ ביאור אַ גוטען פון רינדער-בראַטען
צוזאַמען מיט גוטען קאָלבאַס-ציטאַטען.

אַ שטילענקער פּיש, מיט בולבעס נייע,
שמעקט אָט דער דאָזיגער גאַנצער חבריא
בעסער אַסך פון מיראַבאַ
און אַלע דרשנים זינט ציצעראָ.

אַז מען לייענט די דאָזיגע זאַכען, גלויבט זיך גאָרנישט, אַז מיר האָבען דאָ צו טהון מיט אַ דיכטער, וואָס האָט דאָס אַלעס געשריבען מיט אַזוי פיעל יאָהרען צוריק.

# גאָט פון רחמים

(פאַראָדיע)

דראַמאַ אין דריי אַקטען

## פערזאָנען:

**יענקיל שאַפּשאָוויטש** II, נישט קיין „פּעטער", נאָר אַ יוד אַ גרויס-
ער סוחר, וועלכער וויל פיהרען אַנ'אַריסטאָקראַטיש הויז.

**שרה** II, זיין ווייב.

נישט רבקה'לע, זייער טאָכטער, נאָר **ראובנ'דעל**, זייער זוהן, אַ שלאַק,
וועלכען עס ציהט ווי מיט צוואַנגען דוקא צו די בטלנים און די
בחורים אין בית־המדרש אריין און ער מאַכט קאַליע דערמיט דעם
טאַטען די גאַנצע „אַריסטאָקראַטעניש".

**זלמן,**
**איטשע,**
**פּיטשע,**
**ריטשע,**
**מנחם,**
} בחורים, בטלנים אין בית־המדרש.

**אליה אליהוויטש** II, אַ פאַקטאָר, אַ הויז־מענש ביי יענקיל שאַפּשאָ-
וויטש, קלוג און געריבען ווי אַ פערדס־גנב.

נישט קיין ספר־תורה, נאָר **אַ באָנע**, אַ שטומע ראָלע.

# ערשטער אַקט

ש ר ה. ר א ו ב נ ׳ ד ע ל

**שרה:** וואָס געהסטו אַרום שוין ווידער אַזוי פערקרימט און פערהויקערט און פערבטל׳נט? דו האָסט אויפ׳ן פּנים לויטער מערידענקנייטשען און אַ נאָז ווי פון לויטער רש״י־כתב! דו זעהסט אויס ווי אַ למד־וואָווניק! וואָס זוכסטו דו דאָרט?

**ראובנ׳דעל:** איך נעהם מיין תפילין־בייטעלע, דעם טלית־קטן, דעם הק לישראל, דעם סידור, די גמרא, דעם יסוד ושורש העבודה, דעם קל״ח פּתחי הכמה, דעם מסלת ישרים, דעם לב עברי און געה אין בית־המדרש אַריין, מאַמעשי.

**שרה:** (דערשראָקען). אַ בראָך איז מיר געשעהן! ווען דער טאַטע וועט דאָס זעהען, וועט ער אין דער מינוט קריגען די פּאָפּלעקסיע! ער וועט שרייען און מאַכען געוואַלדען און וועט דיך מכבד זיין ווי אַנגרמעלט. זעה, מיין קינד, וואָס דער טאַטעשי האָט שוין אַלץ געטהון פאַר דיינעטוועגען! ער האָט געהערט די עצה פון אליה אליהוויטש און האָט פאַר דיינעטוועגען עקסטראַ געלאָזט אויסשרייבען אַ באָנע, אַ יונג, שעהן און רייצענד מיידעל; אפשר וועט גאָט געבען און דאָס דאָזיגע מיידעל וועט זיין פאַר דיר אַ גוטע קמיע, דיך אַוועקצושלעפּען פון בטלנות און דיך צוצוציהען צום לעבען, אום דיר צו ווייזען, ווי מען דאַרף אַ לעב געבען, אַזוי ווי דער טאַטע וויל. אַ באָנע, מיין זוהן, איז ווי להבדיל אַ ספר־תורה אין שטוב. מען מוז וויסען ווי אומצוגעהן מיט איהר. באַלד וועלען קומען צו דיר גבירישע קינדער לכבוד דער באָנע; מיט זיי זאָלסטו דיך חבר׳ן, זוהנעניו. אויך וועלען מיר דיר באַלד מאַכען אַ נייעם לאָון־טעניס־קאָסטיום...

און קע־קאַק וועסטו באַלד לערנען טאַנצען . . . שאַ, דער טאַטעשי געהט ! למען־השם, זיי נאָר נישט פּערקנייטשט ! ווייז ארויס, אז דו ווילסט און קענסט אַ לעב געבען !

**יענקיל** (קומט. ראובנ׳דעל וואַרפט גיך אָוועק דעם תפילין־בייטעל דעם סידור און כאַפּט אַראָב פון קאָפּ די יאַרמולקע. ער בלייבט פערצייטערט שטעהן פאַרין פאָטער. יענקיל צו איהם) : קום נאָר אהער צום טאַטעשי. האָב נישט קיין מורא. איך וועל דיר קיין שלעכטס נישט טהון. (נעהמט איהם אָן ביי דער האַנד). דער טאַטעשי האָט דיך זעהר ליעב. דער טאַטעשי האָט געלאָזט עקסטראַ פאַר דיר אַ באַנע ברענגען בלוט און מילך, זאָג איך דיר, קאָסט אַ סך געלד, זאָג איך דיר, פאַר דיר, מיין קינד, פאַר דיר !

**ראובנ׳דעל** : (שווייגט. פויזע).

**יענקיל** : ביי דיר אין דיין צימער וועט זי זיין, אַלעמאָל נאָהנט נעבען דיר, אין דיין שלאָף־חדר וועל איך איהר געבען אַ געלעגער, זי זאָל דיך אָבהיטען פון בייזע בטלנישע געדאַנקען. ביסלעכווייז וועט זי דיך מאַכען פאַר אַ לייט. אַנפאַנגס אַ גלעט און דערנאָך אַלץ ווייטער און ווייטער, ביז פון דיין בטלנות וועט נישט איבערבלייבען קיין שריד ופליט. אזוי זאָגט אליה אַליהוּוויטש. דען דו מוזט וויסען : אַ מיידעל אין שטוב אין להבדיל ווי אַ ספר־תורה אין אַ דראמאַ... דאָס העמדעל אויף איהר איז אַ פּרוכת, דאָס לייב איז פּשוט ווי אַ פּאַרמעט, די יד איז צום קושען, דער קאָפּ איז אַ כתר־תורה. און היינט וועט זיין דער חינוך . . .

**ראובנ׳דעל** : (ווי פעריחלומיט, שעפּטשעט מיט די ליפּען קוים וואָס מען הערט): אוי, אונטען דער בית־מדרש ! . . . דער ארון־קודש אונטען ! . . . און הוצאה און הכנסה . . . און הגבהה און גלילה...

**יענקיל** : (טופּעט מיט׳ן פוס) : דאָ איז דיין אָרט, יונגאַטש ! דאָ וועסטו האָבען הוצאה און הכנסה. דאָ וועסטו האָבען הגבהה און גלילה . . .

**אליה אליהוויטש:** (בעווייזט זיך אויף דער שוועל) : לאָמיר געהן !

**יענקיל:** מיר געהען ברענגען דאָס פריילײן ! (ביידע אָב).

**מנחם:** (דער בטלן, ווערט זיכטבאַר. ראובנידעל שטרעקט אויס די הענד צו איהם. עס ציהט איהם און ציהט איהם. ער געהט אויס נאָך איהם. דער פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם).

## צווייטער אַקט

אין בית־מדרש. בחורים, בטלנים א. א. וו.

**זלמן:** צייט צו מאַכען נאַכט. אראַבדרעהען דעם לאָמפּ און שלאָפען. (מען דרעהט אַראָב לאָמפּ און עס ווערט האַלב־טונקעל. שטימונג צו־ליעב די בחורים־רעמיניסצענצען).

**איטשע:** מען זאָגט, אַז נאַפּאַליאָן האָט געזאָגט, אַז „ווען מען עס בייסט, דער זאָל זיך קראַצען".

**פיטשע:** מען זאָגט, אַז ראָטשילד עליו־השלום האָט געזאָגט, אַז „ווען מען לעגט זיך מיט הינד, שטעהט מען אויף מיט פליי".

**ריטשע:** איך געדענק ביי אונז אין דאָרף: איך בין נאָך געווען גאָר אַ קליין יונגעלע. אויף אַ באַנק, אַ האַרטער, בין איך געלעגען — ווי איצט, אין די לעבער פון די ווענד זענען ארומגעקראָכען עפּעס אזעלכע לעבעדיגע בעשעפענישען — ווי איצט. איינס איז געקראָכ־ען פון דער וואַנד אויף די באַנק אַרויף. און פון דער באַנק צום טאַטען, און פון טאַטען צו מיר — ווי איצט. פּלוצלינג, ווינטער איז עס געווען . . .

**זלמן:** ווען איך וואָלט האָבען געלד, וואָלט איך אוועק אין די לאָמזער ישיבה.

**מנחם:** יאָ אָי, אוועק. ווען ראובנ'דעל וואָלט ווען, וואָלטען מיר אַלע געקענט אוועק. מיר ביידע, איך און דו, וואָלטען אוועק מיט איהם צוזאַמען. זיין טאַטענס געלד וואָלט קלעקען פאַר אונז אַלעמען.

**זלמן:** דער טאַטע זיינער וואָלט דערפון קריגען אַ פּאַפּלעקסיע.

**ראובנ'דעל:** (שטעקט אַריין דעם קאָפּ פאָרזיכטיג דורך דער טהיר). שטיל, רעדט נאָר שטיל! אַלע שלאָפען אין דער היים און איך האָב מיך אַרויסגע'גנב'ט און בין געקומען אַהער. וואו איז מנחם? צו איהם האָט עס מיך — געצויגען! . . . איך האָב מיך אַרויסגע'גנב'ט פון בעט, אַז דער טאַטעשי זאָל נישט הערען. איך האָב מורא, ער זאָל מיך נישט שלאָגען. ווען דער טאַטע וואָלט מיך כאַפּען דאָ אין בית־מדרש ביי איך, וואָלט ער מיך לאָזען טויט אויפ'ן אָרט.

**מנחם** (שעפּטשעט): קום ראובנ'דעל, דאָ איז אַזוי וואַרם... עס שמעקט די לופט, קום!

**ראובנ'דעל:** שוויינ, שוויינ, ארך האָב מורא. ער האָט דעם שליסעל געהאַט באַהאַלטען אונטער דעם קאָפּ־קישען פון דער באָנע. כדי איך זאָל מוזען אָנקומען צו איהר. און דאָ האָב איך מיך אַראָבגע'גנב'ט פון מיין בעט אַ נאַקעטער, איך בין צוגעגאַנגען צו איהר אויף די שפּיץ־נעגעל. זי איז געלעגען און איז געווען האַלב אָבגעדעקט. מצוה לכסות!... איך האָב מיך אָבער אַרויסגעדרעהט פונ'ם שטנ'ס הענד. איך האָב אַרונטערגעשטעקט, לייכט און קוים וואָס עס האָט זיך גערוהרט, מיין האַנד אונטער איהר קאָפּ און האָב אַרויסגע'גנב'ט דעם שליסעל. צו וואָס אין אַלדי שוואַרצע יאָהר טויגען מיר באָנעס? — עס האָט מיך געצויגען צו דיר!... דאָס איז דאָך אַ שטאָף צו אַ טראַגעדיע!

**מנחם:** ס'איז דיר קאַלט, ראובנ'דעל! טוליע דיך־צו צו מיר... גוט טוליע דיך איין אין מיר . . . לאָמיר זיך אַוועקלעגען דאָ אויף דער באַנק. גראַף מאָלטקע און איילענבורג האָבען זיך אויך אַזוי אַוועקגעלעגט. אָט אַזוי. קנייטש־איין דעם שטערען בעסער, פערקרים דעם הויקער מעהר. פערבייג דעם נאַקען טיעפער. אוי ווי זים, אוי ווי זים! ווי דאָס גראָז אויף דער לאָנקע אין אַ דראַמאַ... טוליע איין דיין נאָז אין מיין הויקער. איך נעהם דיך אַרום מיט מיינע פאות — מיינע געקרייזעלטע פאות. עס איז אַזוי קיהל, ווי עס וואָלט

רינגען וואסער צווישען אונז — ווי אין אַ דראַמאַ. איך וויל דיך ווי אַ כלה־מיידעל אַרומנעהמען. ווילסטו ? — ווילסטו ? —

**ראובנ'דעל :** יאָ, יאָ...

**מנחם :** דו וועסט זיין מיין כלה : אַלעמאָל וועט זיין ביי אונז פרייטאָג־צו־נאַכטס. ווילסטו, ראובנ'דעל, ווילסטו ? —

**מנחם :** מיר וועלען שלאָפען אין איין בעט... גאַנצע נעכט, גאַנצע נעכט... דער טאַטע וועט קיינמאָל נישט קומען, מיר וועלען זיין ווייט פון איהם. ווילסטו לויפען מיט מיר ווייט, ווייט ? יאָ, יאָ. קום וועלען מיר לויפען, אין אַ ווייטע ישיבה אריין, קיין לידא וועלען מיר לויפען. (ער כאַפּט איהם אַרום, און וואַליי — ביידע לויפען, זיי ווערען פערשוואונדען — ווי אין אַ דראַמאַ. אַ פּירכטערליך קול הערט זיך פּלוצלינג — ווי אין אַ דראַמאַ. עס בעווייזט זיך יענקיל מיט אַ צע־שויבערטען קאָפּ און מיט ווילדע אויגען, אָנגעטאָן אין אַ שלאָפ־ראָק און מיט אַ ברענענדיג ליכט אין דער האַנד, להבדיל ווי אין אַ טעאַטער־שטיק).

**יענקיל :** ראובנ'דעל, ראובנ'דעל, וואו ביזט דו ? — (פּויזע ווי אין אַ טעאַטער־שטיק). ראובנ'דעל, ראובנ'דעל איז דאָ ? (קיינער ענטפערט נישט ווי אין אַ דראַמאַ). ראובנ'דעל ! וואו איז ער ?

**בטלנים :** וואָס... מיר וויסען נישט !

**יענקיל :** איהר ווייסט נישט־ (ער לויפט אַרויס ווי אַ משוגענער. ער קומט אַריין אַ מינוט שפּעטער און שלעפּט פאַר די קודלעס זיין ווייב שרה. די פּאָזע פון אַ גרויסער טראַגעדיע). דיין זוהן וואו איז ? דיין זוהן ?

(אַלע אַרום ציטערען, חוץ דער פּאַרהאַנג. דער פּאַרהאַנג פאַלט רוהיג).

# דריטער אַקט

## ב י י  י ע נ ק י ל  ש אַ פּ ש אָ ו ו י ט ש

**שרה**: יענקיל, וואָס טהוט זיך מיט דיר, יענקיל? זיצט אַ מענש שוין זינט דריי שעה ווי אַ משוגענער און ריהרט זיך נישט פון אָרט, האַלט מיט פערגלאָצטע אויגען די באָנע אין האַנד און טהוט מיט איהר גאָרנישט, נאָר קלערט און קלערט אַריין אין איהר, ווי זי וואָלט זיין פלוצלינג איבער נאַכט חס־ושלום פּסול געוואָרען... וואָס איז דאָ צו קלערען? גיה; זוך, רודער־אויף אַ וועלט און דו וועסט איהם מיט גאָטס הילף צוריקברענגען! זיצט ער אָבער דאָ אין זוהנס חדר ווי אַ משוגענער און האַלט די באָנע ביי דער גאָמבע און מור־מעלט און מורמעלט... (די זון הויבט אָן אויפצוגעהן פאַרטאָג, ווי להבדיל ביי איבסענען).

**יענקיל**: קומט אַרויס פון זוהנס חדר, לאַנגזאַם, געבראָכען, ווי ביי פּזשי־בישעווסקיין אָהן הוט און קאַפּאָטע און די האָר צעשויבערט, ווי ביי פּזשיבישעווסקיין און קוקט ווילד מיט די אויגען, ווי ביי פּזשיבי־שעווסקיין. לאַנגזאַם, וואָרט פאַר וואָרט). איך וועל גיהן, דו וועסט גיהן, די גאַנצע וועלט וועט גיהן אין בית-מדרש אַריין, אַלע וועלען איצט גיהן אין בית-מדרש אַריין! מיר האָבען גאָרנישט מעהר צו זוכען אויף דער ליכטיגער, לאַכעדיגער וועלט. גאָט האָט נישט גע־וואָלט... גאָט האָט נישט געוואָלט... מיר איז אַלץ איינס... די נשמה דעם טייוועל אָבגעגעבען... גאָט האָט נישט געוואָלט, גאָט האָט נישט געוואָלט!... געשאַפט איהם אַ מיידעל, אַ באָנע נאָך אַ בתולה, אומ־זיסט געוועזען דער קרבן! גאָט וויל נישט! — אוים נגידישקייט, אוים אַריסטאָקראַטישע צוקונפט, אוים הויז, אוים ווייב, אוים זוהן,

אוים וועלט, אוים געלד, אוים דראַמאַ — אין בית־מדרש אַריין אַלע! זאָל שוין איצט אַלץ איינגעזונקען ווערען — אין בית-מדרש אַריין! (שרה לויפט אַרויס זוכען. פויזע).

**יענקיל:** סיי ווי סיי דער טייוועל גענומען... אוים זוהן, אוים באָנע... גאָט וויל נישט . . . (אליה אליהוויטש בעווייזט זיך). ווי געפעלט דיר איצט די מעשה, פיינער מענש? ער איז אוועק צו יענע דאָרט, ער איז אין אַ „בית־מדרש׳ל" אַריין... אוים מויד, אוים זוהן... די באָנע איז פּסול געוואָרען.

**אליה:** נישט אַנדערש ווי איהר זענט משוגע לעוואָרען, ר׳ יוד, ווי אין אַנ׳אמת׳גרויסער טראַגעדיע!

**יענקיל:** מיין זוהן איז אוועק אין אַ „בית־מדרש׳ל" אַריין!... הער, אליה, נעהם דיר דיין באָנע, איך דאַרף זי שוין אויף כּפּרות. (אַ לאַנגע פויזע). דו גרויסער גאָט, גאָט פון רחמים! האָסטו געוואָלט שטראָפען, האָסטו מיך געקאָנט שטראָפען; האָסט געקאָנט מאַכען, אַז איך זאָל ווערען בלינד און טויב און שטום, און עס זאָל מיך נישט אָננעהמען קיין חשק זעהענדיג אַ באָנע, אָבער פון מיין קינד וואָס האָסטו געוואָלט האָבען, פון מיין אָרים קינד? — יאָ, איך בין טאַקי יענקיל שאַפּשאָוויטש II, איך, עפּעס נישט אַזאַ פויגעלדי־גער אַריסטאָקראַט פון געבורט אָן; אמת, אַז אויבען האָב איך אַנ׳אַריסטאָקראַטיש הויז, און אונטען האָב איך אַ בית-מדרש; אָבער האַנדעלשאַפט איז נישט ברידערשאַפט; אידעאַל איז אי־דעאַל און עסק איז עסק — פאַר לייטען מוז מען האָבען אַ בית־מדרש, אָבער דאָ אויבען איז דער אידעאַל, דאָ אויבען איז אַ ציי־מער פאַרהאַן, אין צימער שטעהט אַ בעט, אין בעט — אַ באָנע. און אונטען. אָבער אַ גאָט פון רחמים טאָר נישט פאַר די טאַטעס זינד לאָזען ליידען די קינדער. צו דיר, אליה, בין איך געהאַט געקו-מען און האָב זיך דיר אויף אַלץ מתורה געווען און האָב דיר גע־זאָגט, אַז איך האָב פון פאַרצייטענס אַ בית־מדרש און איך האָב

מורא פאַר מיין זוהן, אַז עס זאָל איהם נישט אַהין ציהען, בלוט בלייבט בלוט, און דו האָסט מיר די עצה געגעבען, צו שאַפען פאַר איהם אַ באָנע אין שטוב אריין, אַ סגולה, אַ קמיע, צו טראָגען אויפ'ן האַלז און אויפ'ן לייב, נעבען איהם, הארט נעבען זיין בעטעל, צוזאמען מיט זיין בעטעל,ביידע צוזאַמען, — איצט איז אַלעס אוים! וואו איז, פרעג איך, גאָט פון רחמים?

**אליה:** נישט־קשה, ר' יענקיל. ער וועט נאָך צוריק־קומען און וועט מיט גאָט'ס הילף ווערען אַ לייט נאָך: ער וועט הולטייען, און הולטייען אויף טיש און אויף בענק, מיט מיידלעך און מיט ווייבלעך און גלאַט מיט באָנעס, און איהר וועט פון איהם נאָך האָבען נחת אם ירצה השם!

**יענקיל:** גאָט פון רחמים, אָדער ביזטו אַ גאָט אָדער ביזטו איבער־הויפּט נישט! טהו אַ נס און שיק מיר איהם צוריק אונשולדיג ווי ער איז געוועזען, איידער ער האָט טועם געוועזען דעם טעם פון אַ ישיבה. אַז נישט ביזטו קיין גאָט נישט!

**שרה:** (קומט אָן און פיהרט אַריין ראובנ׳דעלען).

**יענקיל:** (דערזעהט איהם, קוקט איהם לאַנג אָן, נעהמט איהם אָן ווייד ביי דער האַנד און קוקט איהם שאַרף אין די אויגען אַריין), זאָג, האָסטו שוין טועם געוועזען פון דער ישיבה אָדער נישט? דעם אמת זאָג מיר, איך וועל דיך נישט שלאָגען, דעם גאַנצען אמת. (קוקט איהם אַלעמאָל פעסטער אָן, ראובנ׳דעל ענטפערט נישט, יענקיל שרייט פלוצלינג אַרויס מיט אַניאַונטענשליך קול). אַלעס איז פער־לוירען. ער קאָן נישט לייקענען. ער איז שוין איבער די שוועל פון אַ ישיבה געוועזען. טמא, טמא, טמא, ער האָט זיך פערפליישיגט! די קליפּה פון דער ישיבה האָט איהם שוין גענומען! נישטאָ קיין גאָט פון רחמים! — געה, ברעך הענד און פיס אין די ישיבה אַריין! איך אַליין, מיט מיינע אייגענע הענד, שטופּ דיך איצט אַרוים אין די ישיבה אַריין, געה! (כאַפּט ראובנ׳דלען פאַר די אויערען און

שלעפּט איהם צו די בטלנים אין די ישיבה אַריין). געה, ווער א בטלן אין אַלדי שווארצע יאָהר! (אַלע וויינען אויפין קול. יענקיל דרעהט זיך אויס צוריק און כאַפּט די באָנע פאַר די צעפּ).

**שרה:** געוואַלד, ער איז משוגע געוואָרען!

**יענקיל:** (וואַרפט די באָנע אליה'ן אין קאָפּ אַריין). נאַ זי דיר צוריק! זי איז אונבעריהרט ווי געוועזן! נאַ דיר די מויד, איך דארף זי שוין נישט מעהר! (די טראַגעדיע ווערט דאַדורך געוואַלדיג גרויס און דער פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם).

# רשימה פון אַבאָנענטן אויף דוד פרישמאַנס ווערק אין העברעאיש

עקשטיין שלמה
קאזלאווסקי בנימין
בערגער מאיר
כ"ץ משה
פושקארט ט.
ליכטינגער אהרן
בענבאסאט יוסף
בערעביטשעז א. ז.
פעדערמאן ישעיה
שילדקרויט מ.
קאסאָווסקי אַלבערטאָ
טאבאכאָוויטש ב.
קראסער לואיס
שיפמאנאָוויץ זעליג
גערמאן ירחמיאל
בית ספר „יבנה"
קאָרבמאן אברהם
שוסטער משה
גרינבערג אברהם
מאָרגענשטערען משה

טארטאק פרומע
פישלעדער ישראל
קאָוואלסקי בנימין
גיטלין רחל
קוטשער שלמה
יידישע שול אין מעקסיקע
סוקאצקי יצחק
נודעלמאן ברוך
שאפּיראָ שמעון
שאפּיראָ אליעזר
קראכמאלניק פסח
בראכפעלד יעקב
מארקאָוויץ בערל
בלאט יצחק
קאָלער אברהם
כיניטש אליהו
פאָרטנאָי צ.
זימאן מרדכי
ריזענפעלד י.
(מאָנטעריי)

# אינהאַלט


| | |
|---|---|
| תיקון ליל שבועות | זייט 5 |
| דער כהן | " 15 |
| קידוש לבנה | " 25 |
| נאָר איין שבת | " 31 |
| תתחדש | " 39 |
| ליכט | " 48 |
| רב מאיר בעל הנס' פושקע | " 53 |
| מצוה | " 62 |
| ער איז נפטר געוואָרען | " 78 |
| צוויי | " 88 |
| דות | " 93 |
| פורים־שפיעל | " 100 |
| א הוהן מיט א האָהן | " 105 |
| הבל הבלים | " 110 |
| המן | " 115 |
| חמץ | " 120 |
| כ' סיון — כ' סיון | " 125 |
| והגדת לבנך... | " 130 |
| דער טאָג פון גערענקען | " 136 |
| אנוסים | " 140 |


## פּאָעמעס און לידער

I


| | |
|---|---|
| אופיר | " 149 |
| משיח | " 179 |
| די שלימלען | " 184 |
| פאר משיחן | " 188 |


II


| | |
|---|---|
| שעפּפונגס־לידער | " 193 |
| מיין פּזמון | " 197 |
| מיין ליד | " 200 |


III


| | |
|---|---|
| היינעס פּאָליטישע לידער | " 205 |
| נאָם פון נקמה (פּאראָדיע) | " 219 |